ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

## ליקוטי שושנים

## אידיש

**90**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ט לפ"ק

ספר

# לקוטי שושנים

בלשון עברי טייטש

אונ דעם ספר האבין מיר גישריבין אויף עברי טייטש דיא גייטיגע דינים אונ גוטע מדות וואס יעדער יוד דארף וויסן . פון דער גמרא׳ אונ כון שלחן ערוך . אונ הייליגע ספרים . אונ נאך פיהל גוטע זאכין איז דא אונ דעם ספר אזו וויא מיר האבין גישריבען אונ דער הקדמה : אויך שטייען דא גישריבען דינים פון גרוסע רבנים יעדעריין דין שארף ארוים . אונ אלץ מיט א גרינג לשון : מען זאל לערנין דא שבת אונ אין דער וואכין ווען מען האט צייט . אונ מען זאל האלטין אזו וויא דא שטייט וועט מע׳ האבין פיהל גוטץ אונ עולם הבא אמן :

חברו הרב בעל המחבר ספר מסירת השלחן . וספר לקוטי שושנים בלשון הקודש . ולקוטי יקרים . וליקוטים נפלאים . וספר ישועות חיים . וספר דרכי החיים :

גאכדריק פאר באטען

נדפס מחדש

בעיה״ק **ירושלים** תובב״א

שנת תשל״ה

נדפס בלובלין בשנת תרמ״ז

הסכמת הרב הגאון המפורסם חריף ובקי כקש"ת מו"ה **יהודא לייביש** נ"י. האבד"ק פשיסהא וק"ק פיאסק . (וכעת נתקבל לק"ק פשערבארז) :

ה"ה כבוד הרב החריף ובקי בחדרי תורה ויר"א אלקים מרבים מו"ה **חיים ישעיה הכהן** מעיר ראהוב עלה בדעתו לעשות ספר לקוטי שושנים . ויהיה נעתק בלשוננו כפי לשון המורגל אתנו כדי שיהיה טוב לכל נפש . ובהם דינים הנצרכים מאוד לכל אשר רוצה להיות יהודי באמת . ובפרט דברים העומדים ברומו של עולם . ומי כמוהו אשר הריהו בירא"ת ה' לעשות טובה לכל נפש הרוצה ללכת בדרכי החיים של תורה הקדושה . וגם הוא בקי בלימוד ודיני הפוסקים היטב . וכמה אנשים אפילו יודעי ספר אין יודעים כל דין על בריו . ובפרט הלכה כזה העמוקים . וגם רובן נמסר לנשים . ולא ידעו האיך להתנהג . עתה כל מי שיראת ה' בלבבו יוכל לעיין בזה הספר וידע כל דין על מתכונתו וידעו המעשה אשר יעשון ואת הדרך ילכו בה :

הב"ד הבא על החתום לכבוד התורה ולומדיה לסדר לעשות כל דברי התורה הזאת . יום ג' י"ט אלול תרמ"ד לפ"ק פה פיאסק : נאום **יהודא לייביש** ליכט חונה פה ק"ק הנ"ל :

הסכמת הרב הגאון המפורסם חריף ובקי כקש"ת מו"ה **חיים ברוך** ולה"ה האבד"ק לענטשנא :

גם ידי תיכון עם החריף המופלא והחסיד מו"ה **חיים ישעיה הכהן** מעיר ראהוב מה שהעתיק ספר לקוטי שושנים שחיבר מכבר שעשה לשם שמים להאיר פני האנשים שלא יטעו בדינים שצריכים לידע . ועתה הוסיף ידו שנית להעתיק אותו בלשון דייטש המורגל בלשון כל האנשים כדי לזכות את פשוטי העם והנשים שידעו מה שיעשו הכל להלכה למעשה על פי דברי רבותינו האחרונים ז"ל . כל מה שצריכים לידע כפי הדת . וראוי להדפיסו ולהפיצו על פני תבל : ולראי' באתי על החתום יום ד' . עשרים ימים לחודש אלול שנת תרמ"ד לפ"ק פה לענטשנא :

נאום **חיים ברוך** במו"ה יחיאל נ"י ז"ל אב"ד דפה לענטשנא :

בעזה"י

# הקדמה

הנה זה זמן קרוב יצא לאור ספרי דברי תורה בלשון עברי טייטש שחברתי מכבר בעזה"י על כל הדינים הנחוצים מארבע חלקי שלחן ערוך לידע ולקיים כל מצוה כתקונה . אכן מעת כתבי ספר הנ"ל עד עתה נתוספו בידי עוד הרבה דברים נחוצים משלחן ערוך ופוסקים אשר אינם כתובים שם . לכן חברתי זה הספר לקוטי שושנים בלשון עברי טייטש והצגתי בו קצת דינים . והם אותם הנחוצים ביותר לכל אדם ושכיחים מאוד בכל עת . וכללתי בו גם כן הדברים שנתוספו . וחלקתי אותם על ימי החודש שילמדו בתוכו בכל יום איזה עלה . ובזמן קצר יהיו בקיאים בהם לקיים אותן בכל עת . ועל ידי זה נזכה לחיים ארוכים וטובים בעולם הזה ובעולם הבא אמן :

# הקדמה

**א** דער אייבערשטער האט אונז גינעבין דיא היילינע תורה · אונ האט אונז גיבאטין זיינע מצות · מיר זאלין זייא מקיים זיין · וועט אונז גוט זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

**ב** יעדער מצוה האט פיהל דינים וויא אזו זיא מקיים צוא זיין · וועלכים דער וואס לערינט נישט טוהט נישט דיא מצוה וויא עס קער צוא זיין · אויך טוהט ער עבירות אונ ווייסט גאר נישט אז דאס איז איין עבירה · מסילא ווערט עהר גישטראפט פאר וואס עהר האט נישט גילערינט · איין ראיה דער ציא לאז עהר לערנין וועט עהר זעהין אז אונזערי רייד זענין אמת · בעזרת השם יתברך :

**ג** איבער דעם האבין מיר גימאכט דאס ספר · וועלכים עס שטייט דרינען דיא נייטיגע דינים וואס יעדער יוד דארף וויסען · אונ איז זייא נישט מקיים צייטין עהר לערינט זייא :

**ד** אויך האבין מיר דא גישריבען פיהל גוטע מדות פון היילינע ספרים · וועלכים יעדער יוד דארף זייא נייטיג וויסען · מיר האבין אלץ גישריבען מיט א גרינג לשון · כדי יעדער יוד זאל קענין דא לערנין :

**ה** מיר האבין עס פאר צייכינט לויט דיא טעג פון חודש · מען זאל לערנען אלע טאג אביסעל

אַבִּיסְעל. אִין דֶער וָואס הָאט גָאר נִישְׁט קֵיין צַייט אוּנ דֶער וָואכִין זָאל לֶערְנֶין שַׁבָּת פַאר
דִיא טֶעג פוּן דֶער וָואךְ. אוּנ מֶען זָאל הַאלְטִין אַזוֹי וִויא דָא שְׁטֵייט. וֶועט מֶען הָאבִּין פִירוֹת
גוּטְץ אוּנ עוֹלָם הַבָּא אָמֵן :

ו מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען יֶעדֶערִין דִין עַל פִּי גְמָרָא וְשֻׁלְחָן עָרוּךְ וּפוֹסְקִים. אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין
פַאר צֵייכֶענְט בְּסֵפֶר מִסְגֶרֶת הַשֻּׁלְחָן וּבְסֵפֶר לִקּוּטֵי שׁוֹשַׁנִּים יֶעדֶערִין דִין פוּן דֶער גְמָרָא
וְשֻׁלְחָן עָרוּךְ וּפוֹסְקִים בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ :

ז מִיר הָאבִּין נִישְׁט גִישְׁרִיבֶּען צוּא פִיהְל חִילוּקִים אִין יֶעדֶער זַאךְ. נָאר וֶוענִיג דֶעם כֹּחַ פוּן
דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס לֶערְנִין אִין דֶעם סֵפֶר. זַייא זָאלִין קֶענִין פַאר שְׁטֵיין אִין מְקַיֵּים זַיין אַלְדִינְג
וָואס מֶען דַארְף תָּמִיד צוּא וִויסֶען :

ח אוֹיךְ הָאבִּין מִיר נִישְׁט גִישְׁרִיבֶּען אוּנ דֶעם סֵפֶר קֵיין חוּמְרוֹת. וֶועלְכִים אַז מֶען אִיז זַייא נִישְׁט
מְקַיֵּים אִיז מֶען אוֹיךְ יוֹצֵא. נָאר דִיא זַאךְ וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען אַז מֶען טָאר נִיט דָאס
טוּהְן אִיז אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אַז מֶען טוּהְט דִיא זַאךְ. דַארִיבֶּער כּוֹז מֶען לֶערְנִין וָואלְנֶע יֶעדֶערִין דִין
עֶטְלִיכֶע מָאהְל אוּנ זֶעהִין מְקַיֵּים צוּא זַיין וִויא וַוייט מִיגְלֶעךְ אִיז :

ט דֶער הֵיילִיגֶער מַלְאַךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ז״ל שְׁרַייבְּט אוּנ זַיין סֵפֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט אִיךְ
וֶועל זַיין אַיין עֶרְלִיכֶר יוּד נָאר דִיא אֵיינֶע מִצְוָה וִויל אִיךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין. אִיז אַיין גְרוֹיסֶע
עֲבֵירָה אַזוֹ צוּא זָאגִין ח״ו. אוּנ עֶס קוּמְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטֵי גְזֵירוֹת ח״ו. נָאר אַ יוּד דַארְף
זִיךְ פֶעהְר נֶעמִין עֶהְר זָאל זַיין אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד. אוּנ נִישְׁט טוּהְן קֵיין שׁוּם עֲבֵירָה. אוּנ
מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת וִויא וַוייט מִיגְלֶעךְ אִיז. וֶועט עֶהְם גָאט בָּרוּךְ הוּא הֶעלְפִין אַז עֶהְר וֶועט
קֶענִין אַלְץ מְקַיֵּים זַיין :

י אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַכְטוּנְג גֶעבִּין בַּייא זִיךְ אִין דֶער הֵיים אַז דָס וַוייבּ מִיט דִיא קִינְדֶער
זָאלִין נִישְׁט זִינְדִיגִין. נָאר טוּהְן גוּטֶע מַעֲשִׂים וִויא וַוייט מִיגְלֶעךְ אִיז :

יא אוֹיךְ אַז מֶען זֶעהְט וֶועלְכִין יוּד טוּהְן אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט דַארְפִין עֶהְם זָאגִין מִיט
אַ וַוייךְ לָשׁוֹן אַז מֶען טָאר נִישְׁט דָאס טוּהְן. אוֹיבּ עֶס אִיז נָאר צוּא קְלֶערִין אַז יֶענֶער
וֶועט פָאלְגִין. (זֶעה אַיין אִין פֶּרֶק ל״ז סָעִיף ס׳ בִּיז סָעִיף ס״ו) :

יב אוֹיךְ זָאל מֶען נִישְׁט זִיךְ בְּרֶענְגִין קֵיין רְאָיָה פוּן קִינְדֶעם. צוּא זָאגִין אַז יֶענִיר טוּהְט אַזוֹ מֶעג
אִיךְ אוֹיךְ אַזוֹ טוּהְן. נָאר מֶען דַארְף צוּא טוּהְן אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אוּנ דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה
אוּנ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אוּנ אַזוֹ וִויא מִיר שְׁרַייבִּין אִין דֶעם סֵפֶר :

יג דֶען יֶעדֶר מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ גוּטֶע מִדּוֹת אִין שְׁלֶעכְטֵי. דֶער עֶרְלִיכֶר יוּד הַאלְט זִיךְ זַיינֶע
גוּטֶע מִדּוֹת אוּנ לֶערִינְט זִיךְ אָפּ פוּן אַנְדֶערִין יֶענֶעמְס גוּטֶע מִדּוֹת. אָבֶּער דֶער שְׁלֶעכְטֶער
טוּהְט פַאר קֶערְט ח״ו :

יד דִיא וַוייבֶּער דַארְפֶן לֶערְנִין אוּנ דֶעם סֵפֶר דִיא דִינִים פוּן דִיא מִצְוֹת וָואס זַייא זֶענִין אוֹיךְ
מְחוּיָב. הַיְינוּ הִלְכוֹת בְּרָכוֹת וְהִלְכוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב. אוּנ נָאךְ אַנָא שְׁטֵיינֶער. נֶער שְׁטִימְט
הִלְכוֹת נִדָּה מוּזְן זַייא בְּוַודַאי לֶערְנִין עֶטְלִיכֶע מָאהְל אִין מְקַיֵּים זַיין. מִיר הָאבִּין אִין דֶעם סֵפֶר גוּט
גִישְׁרִיבֶּן דִיא זַאכִין עַל פִּי דִין. אוּנ אוֹיךְ מִיט אַ גְרִינְג לָשׁוֹן :

טו עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת וָואס זֶענִין אַ סְגוּלָה לַאנְג צוּא לֶעבִּין. אוּנ אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת וָואס
זֶענִין אַ סְגוּלָה צוּא הָאבִּין גוּטֶע קִינְדֶער. אוּנ אַזֶעלְכֵי מִצְוֹת וָואס זֶענִין אַ סְגוּלָה צוּ פַּרְנָסָה
וַעֲשִׁירוּת. אוֹיךְ אִיז דָא עֲבֵירוֹת וָואס דַארְף זַייא אִיז ח״ו פַאר קֶערְט. מִיר הָאבְּן גִישְׁרִיבְּן אוּנ
דֶעם סֵפֶר בַּייא דִיא מִצְוֹת דָאס גוּטְץ. אוּנ בַּייא דִיא עֲבֵירוֹת דָאס שְׁלֶעכְטְץ. דֶער מֶענְטְשׁ וָואס
דַארְף גִיהָאלְפִין צוּ וֶוערִין אוּנ וֶועלְכֶע זַאךְ זָאל עֶהְר מְקַיֵּים זַיין עֶרִינְצְט דִיא מִצְוָה וָואס אִיז אַסְגוּלָה
צוּ דֶעם. אוּנ זָאל זִיךְ שְׁטַארְק אָפּ הִיטֶען פוּן דִיא עֲבֵירוֹת וָואס מַאכְן קַאלֶע דִיא זַאךְ וֶועט
עֶהְר גִיהָאלְפִין וֶוערִין מִיט אֱלֹהִים גוּטְץ :

אונ דעם מפתח שטייען פאר צייכענט דיא דינים פון יעדערין פרק . פון וועלכי דינים יעדער פרק שמיסט :

## חלק א

פרק
א דינים פון ציצית אונ תפילין · אונ פון דאוויינען :
ב דינים פון ברוך הוא וברוך שמו אונ אמן . אונ אמן יהא שמיה רבא . אונ פון שיל אונ בית המדרש :
ג דינים פון וואשין זיך צום עסין . אונ פון בענטשין :
ד דינים פון איטליכע ברכה וואס מען דארף צו מאכין איבער יעדער עסין ווארג אדער משקה על פי סדר אלף בית :
ה דינים פון ברכה אחרונה אונ בורא נפשות :
ו דינים אז מען דארף צו מאכין דיא ברכה וואלגע · אונ מען דארף אונ ווענו האבין דיא טייטש · אונ נאך דינים פון ברכות :

## חלק ב

ז הלכות שבת :
ח הלכות יום טוב :
ט דינים פון כוס פון קידוש אונ פון הבדלה אונ פון בענטשין · אונ פון דיא פיהר כוסות פון פסח · אונ נאך עטליכע דינים פון פסח · אונ פון מגילה לייענין :
י דינים אז מען טאר נישט רעדין קיין רכילות אדער שלעכטץ אויף א יוד · אונ מען טאר גישט זיך נוקם זיין :

## חלק ג

יא דינים פון פלייש זאלצין :
יב חידושי דינים (נייטיגע דינים) מהרב המופלג והמפורסם האבד"ק ראחוב יצ"ו על פי שלחן ערוך ופוסקים :
יג דינים פון מילכדיגס אונ פליישיגס , אונ וויא אזוי מען מעג שיקען פלייש אדער אנדערי זאכין דורך דעם וואס איז גיט קיין יוד :
יד דינים פון פראצענט נעמין :
טו דינים אז מען טאר גישט גלייבין אונ זאכין וואס זעהן אוים וויא כישוף :
טז דינים אז מען זאל גיווארינט זיין נישט צו שווערין · אונ נישט טוהן קיין נדר . אונ מען זאל נישט גידענקין דעם אייבערשטינס נאמין אומזיסט :
אונ מען זאל נישט שעלטין איינער דעם אנדערין
יז דינים פון תורה לערנין :
יח דינים פון מזוזה :
יט דינים אז מען טאר נישט טראכטין קיין הרהור עבירה · אונ מען מוז זיך היטען פון הוצאת זרע לבטלה :
כ דינים אז מען דארף זיך צו דער ווייטערען פון א פרעמדי אשה :
כא דינים פון מאן אונ ווייב :
כב דינים אז מען דארף זיך אפ שיידין פון ווייב נאהנט פון איהר וסת . אונ דיא דינים פון דיא בדיקות פון דער אשה אונ דיא ריינע טעג ?

## חלק ד

כג דינים פון געלט אנטלייען :
כד דינים פון האנדלין :
כה דינים אז מען טאר גישט מצער זיין דעם אנדערין . אהר נארין אים מיט ווערטער :
כו דינים אז מען דינגט א מענטש צו ארבייטען אדער מען דינגט פון איינעם א בהמה אדער כלים . דארפין איהם צו בצאלין אונ דער צייט :
כז דינים אז מען טאר נישט גנבנין אדער גזלין . אונ מען טאר גישט קויפען קיין גניבה :
כח דינים אז מען טאר גישט יענים א שאדין טוהן אונ גוף אדער אונ געלט :
כט דינים פון ערליך האלטין פאטער אונ מוטער :

## חלק ה

אונ דעם חלק שטייען גישריבען דיא זאכין וואס גרויסי רבנים זלה"ה האבין ארוים גישריבן אויף דער וועלט מען זאל גיווארינט זיין אונ

דיא זאכין · אויך שטייען געשריבן אונ דעם חלק דיא גוטע מדות וויא אזו א יוד דארף זיך פירען · אונ נאך פיהל דינים אונ גוטע זאכין פון שלחן ערוך אונ הייליגע ספרים :

פרק
ל דינים פון ציצית ותפילין ומזוזות וספר תורה :

לא דינים וויא אזו מען דארף זיך נוהג זיין מיט דיא מלבושים :

לב דינים פון וואשין דיא הענט צום דאווינען · אונ צום לערנין · אונ ווען מען וויל זאגין הייליגע ווערטער :

לג דינים פון צדקה געבין :

לד דינים פון לערנין דיא קונדער גוטע מעשים :

לה עטליכע נייטיגע דינים פון הלכות שבת · וועלכים גרוסע רבנים האבין געווארינט אויף זייא :

לו דינים וואס גרוסי רבנים זלה״ה האבין ארוים געשריבען אויף דער וועלט צו ווארינען דיא קצבים · אונ נאך דינים פון שלחן ערוך ופוסקים :

לז גוטע מדות וויא אזו א יוד דארף זיך פירען :

פרק
לח דינים פון תשובה טוהן :


# חלק ו


אונ דעם חלק שטייען געשריבען הלכות נדה : אלע נייטיגע דינים וואס דיא אשה דארף וויסען זינט זיא ווערט א נדה ביז נאך דער טבילה :

לט דינים וויא אזו דער מאן דארף זיך אפ היטען פון וייב ווען זיא איז א נדה :

מ דינים פון איין נדה · אונ פון לבישת לבנים וספירת נקיים :

מא דינים פון איין כלה · אונ פון איין אשה וואס איז מפיל ח״ו :

מב דינים ווען צו גיין טבילה :

מג דינים פון דיא זאכין וואס מארין גישט קלעבין אויף דעם גוף בשעת דער טבילה :

מד דינים פון דעם קעמין אונ אנדערי זאכין וואס מען דארף טוהן פאר דער טבילה :

מה דינים פון דער טבילה :

# חלק א (יום א) פרק א דינים פון ציצית און תפילין און פון דאווינען :

א יעדער יוד דארף תמיד מורא צו האבן פאר גאט ברוך הוא . כדי מען זאל קיינמאהל ניט זינדיגען :

ב ווער שמיסט ווען עס טרעפט זיך צו טוהן איין עבירה חס ו איז מען מחויב זיך צו בארעכינען אז גאט ברוך הוא האט בשאפען אלע וועלטין . און ער זעהט אלדונג וואס מען טוהט . און בצאלט שלעכטץ דעם וואס זונדינט קיינען עהם און פיהל גוטץ צו דעם וואס איז מקיים זיינע מצות :

ג בשעת מען טוהט אן דעם טלית אודער דעם טלית קטן דארפין אין זינען האבין אז גאט ברוך הוא האט אונטץ גיהייסין גיין און ציצית כדי מיר זאלין גידענקין אלע זיינע מצות מקיים צו זיין . אזו וויא עס שטייט וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה׳ ועשיתם אותם. די טייטש איז . אז עטץ ווערט זעהן די ציצית וועט עטץ גידענקין אלע מצות מקיים צו זיין :

ד די ציצית זאלן ניט זיין הויך אן גימאכט אין דער כנפי . היינו עס טאהר ניט האלטין מער וויא די ברייט פון דריי פונגר פון דעם לעכיל וואס די ציצה הענגט ביז דעם עק פון דער כנפי . סייא הינטען סייא און דער זייט טאר ניט זיין מעהר :

ה אז דאס לעכיל וואס די ציצה איז אריין גיצוגין איז העכיר וויא די ברייט פון דרייא פונגער האטשע מען ציעט איין די כנפי מיט דער ציצה עס זאל ניט זיין אזו פיהל איז פארט פסול :

ו אויך מוז מען גווארינט זיין די ציצה זאל ניט זיין אהן גימאכט צו גידריג און דער כנפי . היינו דאס לעכיל וואס די ציצה הענגט מוז זיין ווייט פון דער זוים אזו פיהל וויא עס האלט פון מיטעלסטין גליד פון גראבין פינגער ביז סוף דעם פינגער . סייא הינטען סייא און דער זייט טאר ניט זיין וויניציקער :

ז דאס אלטץ מעסט מען אין די פונגער פון אמיטעל מענטש . איבער דעם שרייבין מיר דא אקאראט וויא די ציצה זאל הענגין אין דער כנפי וועט מען מקיים זיין די מצוה פון ציצית וויא עס קער צו זיין :




ח די מענטשין וואס טאבין אין טלית קטן אודער אין לייבציידעקיל צוויא לעכליך אזו וויא א צדי סוזען אכטונג געבין אז די לעכליך זאלין זיין אין דער כנפי אזוי וויא מיר שרייבין דא . וועלין זייא מקיים זיין די מצוה וויא עס קער צו זיין :




ט די טרעלבליך וואס הענגין אין דער כנפי פון טלית אודער פון טלית קטן מוז מען אפ שניידין איידער מען הענגט אהן די ציצה :

י ביא דעם אלימען איז ניט קיין חילוק צווישען א טלית אודער א טלית קטן אודער אלייבצידעקיל און וועלכין מען מאכט

און

אן ציצית טאר מען אלטץ אכטונג געבן צו טוהן אזו ווי מיר שרייבן :

יא אז מען גייט אין א מלבוש וואס האט פיר עקן און עס איז דרינען נישט אן גימאכט קיין כשרי ציצית איז איין גרויסע עבירה . דאריבער דיא מענטשין וואס גייען פון הינטען איין שפאלט אין דער קאפיטע דארפין צו מאכן הינטען האטש איין עק גוט קאליכעק . כדי דיא קאפיטע זאל נישט זיין מחויב בציצית :

יב דער וואס איז געווארינט אין דער מצוה פון ציצית האט איין גרויסען שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט :

יג תפילין של יד דארפין צוא לייגן אויף דער לינקער האנד העכער פון עלינבויגן . וויא דאס פלייש איז הויך . און נישט נאהנט פון עלינבויגן . נאר מען זאל זיא נישט לייגן אין דיא איבערשטי העלפט ביין וואס איז לעבין אקסיל :

יד אויך דארף דיא תפילין צו זיין גינייגט צום גוף צוא . באופן אז ער וועט אראפ לאזין גלייך דיא האנד זאל דיא תפילין זיין קיגן הארץ :

טו דער וואס איז גלינקט זאל פרעגן א שאלה אויף וועלכער האנד ער זאל לייגן תפילין :

טז דיא תפילין של ראש דארף מען צוא לייגן אויף דעם קאפ אויף דעם אורט פון דיא האר . דער עק פון דיא תפילין וואס לעבין דעם שטערין טאר אויך ליגען אויף דעם אורט וויא עס וואקסט האר . ער טאר נישט זיין נידריקער פון דעם אורט וואס דיא האר הייבן אן ארויס צוא וואקסין :

יז דער וואס האט לאנגי האר וועלכיס זייא גרייכין אראפ אויף דעם שטערין דארף ער אכטונג צוא געבין אז דער עק פון דיא תפילין זאל נישט ליגען אויף דיא האר וואס זענין אויף דעם שטערין . נאר ער זאל זיך אוים לאזין וויא דיא האר הייבן אהן ארויס צוא וואקסין . אז דיא תפילין ליגט אביסל נידריקער איז אזו גוט גלייך מען לייגט גאר נישט קיין תפילין :

יח איבער דעם טאר מען גיווארינט זיין אז מען זעהט אז דיא תפילין ליגט עטוואס נידריקר טאר מען תיכף געבין דיא תפילין צוא דעם וואס קען ער זאל קלענער מאכן דעם קשר . דאס הייסט ער זאל איין ציען דיא רצועות . כדי דיא תפילין זאלין ליגן העכיר אויף דעם קאפ . אז מען איז נישט גיווארינט אין דעם האט מען א גרויסע עבירה :

יט אויך זאל מען דיא תפילין נישט לייגן גאנץ הויך אויפין קאפ נאר אזויא וויא מיר האבין גישריבין :

כ דער קשר דארף צוא ליגן און יעניר זאט קאפ אביסיל הויך קיגין דעם פנים :

כא דיא תפילין דארף צו ליגן פונקט אין מיטן קאפ . און נישט אין דער זאט . דער קשר דארף אויך צוא ליגן אין דער מיט קאפ . נישט אין דער זאט :

כב אויך דארפין אכטונג צוא געבין דיא תפילין זאל זיך גוט האלטין אויף דעם קאפ . מען דארף און דעם אלימען שטארק גיווארינט צו זיין :

כג דער וואס איז גיווארינט אין דער מצוה פון תפילין און שמיסט נישט אין זייא קיין דברים בטלים לעבט לאנג און האט עולם הבא :

כד מען דארף אין זינין האבין בשעת מען לייגט דיא תפילין אז גאט ברוך הוא האט אונז גיהייסין לייגין תפילין וואס אין דיא פרשיות שטייט גישריבין אז ער איז איין גאט און אלע העלטין . און ער האט אונז אויס גיצויגין פון מצרים מיר זאלין איהם דינען . און ער האט אונז גיהייסין לייגין תפילין של יד קייגין איבער דעם הארץ און של ראש קייגין דעם מוח כדי מיר זאלין גידענקין דיא נסים וואס ער האט גיטאן מיט אונז . וואס זייא ווייזין אז ער איז איין גאט און ער האט כח צוא טוהן אין אלע וועלטין וואס ער וויל . און מיר זאלין משעבד זיין צו איהם די נשמה וואס איז אין מוח און אלע תאוות וואס מיר האבין אין הארץ זאל אלץ זיין משועבד צו דינען איהם . און דארף דעם ווען מען גידענקין און גאט ברוך הוא און מען וועט

נישט זיך נאך געבין דיא הנאות פון דער וועלט :

כה דיא צייט פון דער קריאת שמע פון דער פריא איז נישט מיין וויא ביז א פערטיל טאג • אז ער האט זיא נישט גיזאגט אין ערשטין פערטיל טאג האט ער א גרוסי עבירה :

כו דאס פערטיל טאג ווערט גירעכינט לויט וויא דער טאג איז גרוים • למשל ווינטער אין דיא קלענצטי טעג הייבט אן אונ דעם לאנד צו טאגין האלב זיבין אונ עס ווערט נאכט האלב פינף (היינו מען זעהט שוין דרייא שטערין) ממילא האלט דער טאג צעהן שעה איז א פערטיל טאג צוויא שעה מיט א האלבי . ממילא איז דעמאלט דיא צייט פון קריאת שמע ביז זייגער ניין :

כז דאס איז נאר ווען דיא קלענצטי טעג זענין • אובער ווען עס הייבט פריער אן צו טאגין לאזט זיך פריער אוים דיא צייט פון קריאת שמע • למשל זומער דיא גרעסטי טעג הייבט אהן אונ דעם לאנד צו טאגין האלב צוויא אונ עס ווערט נאכט זייגער ניין איז א פערטיל טאג פינף שעה ווינציקער אהאלב פערטיל שעה קומט אוים דיא צייט פון קריאת שמע ביז נאך אפערטיל אויף זיבין • דאריפין גיווארינט צו זיין אין דיא טעג צו זאגין דיא קריאת שמע האטש אפערטיל אויף זיבין . אזו איז אלע טאג דער רעכינונג וועדליג דיא טעג אזו וויא מיר שרייבין :

כח האטשע מיר שרייבין אז דאס פערטיל טאג פון דער צייט פון קריאת שמע רעכינט מען זינט עס הייבט אן צו טאגין • אובער זאגין דיא קריאת שמע טארין נישט צאמין עס איז שוין אביסעל לעכטיג ער זאל דער קענין דעם מענטש וואס ער קען נאר אביסיל ווען ער זאל צינדערט שטיין ווייט פון איהם פיר איילין :

כט אז איינר האט מורא טאמר איידער ער וועט זאגין דיא קריאת שמע פאר שמונה עשרה וועט דער וויל זיין נאך דער צייט פון קריאת שמע • זאל ער ביא דעם פון פארינט דאווינין בשעת ער זאגט נאך לעולם יהא אדם דעם פסוק שמע ישראל זאל ער זאגין דיא גאנצי קריאת שמע ביז אמת . אונ זאל אין זינען האבין צונדערט יוצא צו זיין מיט דער קריאת שמע :

ל אז עהר קען נאך נישט צינדערט דאווינען פון פארינט זאל עהר האטש זאגין ברכת התורה • אונ דיא גאנצי קריאת שמע ביז אמת • אונ זאל אונ זינען האבין יוצא ציא זיין מיט דער קריאת שמע :

לא אז מען איז נישט גיווארינט אונ דעם ציא זאגין דיא קריאת שמע אונ דער צייט האט מען א גרוסי עבירה :

לב דיא בעלי מלאכות וואס ארבייטען פירין דאווינען האבין א גרויסע עבירה • דען דאס ערשטי אין דער פריא דארף ציא זיין דאס דאווינען • ציא דינען דעם אייבערשטען עריגצט • וועט דער אייבערשטער העלפין אז מען וועט מצליח זיין אין אלדינג :

לג אויך זאל מען נישט זיך באלמיטשען דעם קאפ מיט אנדערי זאכין פאר דעם דאווינען • כדי עס זאל נישט מבלבל זיין דיא מחשבה בשעת דעם דאווינען :

לד דער וואס ווייסט נישט דיא טייטש פון איזהו מקומן ביז ויברינע ביניהם דארף צו פרעגין דעם וואס ווייסט דעם פשט דער פון • דען מען דארף שטארק גיווארינט צוא זיין אונ זינען ציא האבין דיא טייטש בשעת מען זאגט דאס :

לה מען דארף זיך צו שטארקין וויא ווייט מיגליך איז מען זאל דאווינען בציבור • דען דענסאלט ווערט נעביר דאס דאווינען אהן גינומען פאר השם יתברך :

לו דיא הייליגע ספרים שרייבין אז דער מענטש וואס דאווינט תמיד בציבור איז א סגולה ער זאל האבין פרנסה בריוח • אונ עהר וועט האבין א ברכה אונ אלדינג וואס עהר וועט טוהן • אונ דורך תפלת ציבור קען מען מבטל זיין אלי שלעכטי גזירות ח"ו • אונ האבין אלדים גוטץ :

לז אז דאס ציבור דאווינט גיך אונ מען קען נישט מיט דאווינען זאל מען אהן הייבין בריך שאמר

אביסיל

אַבִּיסֶעל פְרִיַער · דֶען דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל דַאוִוינֶען דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּאנַאנְד מִיט מִנְיָן :

לח מֶען זָאל דַאוִוינֶען וָואלְנָע . אוֹיךְ זָאל מֶען אוּנ זִינָגען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ · בִּפְרָט בַּייא דֶעם
פָּסוּק פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ מוּז מֶען בְּוַודַּאי אוּנ זִינֶגען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ . דֶען אַז נִישְׁט מוּז מֶען
דֶעם פָּסוּק נָאךְ אַמָאהְל זָאגִין מִיט כַּוָּונָה :

לט דִיא טַייטְשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז · אַז מֶען לוֹבְּט דֶעם אַייבֶּערְשְׁטִין "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ" דִי עֶפִינְסְט
דַיין הַאנְד "וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן, אוּנ דִיא מַאכְסְט אָהְן זֶעהְטִין אִיטְלִיכֶען וָואס הָאט
אוּנ זִיךְ חַיּוֹת נָאךְ זַיין ווִילֶען נָאךְ :

מ בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט דֶעם פָּסוּק שְׁמַע יִשְׂרָאֵל דַארְפִין שְׁטַארְק גִיוָואַרִינְט צוּ זַיין אוּנ זִינֶגען
צוּא הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ :

מא דִיא טַייטְשׁ אִיז „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" הֶערְמִיץ צִיא יוּדֶען „ה' אֱלֹהֵינוּ ה' אֶחָד" גָאט אוּנְזֶער גָאט
אִיז אַיין גָאט אוּנ אַלֶע וֶועלְטִין :

מב בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט דָאס וָוארְט אֶחָד אוּנ אַבִּיסֶעל דֶער נָאךְ אַיידֶער מֶען הַייבְּט אָהְן בָּרוּךְ
שֵׁם . זָאל מֶען אוּנ זִינֶען הָאבִּין אַז דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַיין גָאט אוּנ אַלֶע זִיבֶּען
הִימֶלֶען אוּנ אוֹיף דֶער עֶרְד · אוּנ אוֹיף דִיא פִיהְר זַאטִין פוּן דֶער וֶועלְט . אוּנ עֶהְר
גִיוָועלְטִיגְט אִיבֶּער אַלְדִינְג :

מג טַייל מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אַ טָעוּת אַז בְּשַׁעַת זַייא זָאגִין דֶעם פָּסוּק שְׁמַע יִשְׂרָאֵל צִיהְן זַייא דָאס
וָוארְט אֶחָד גְלַייךְ זַייא זָאגִין אֶחָאד · טַייל זָאגִין אֶחָאדֶע · מֶען דַארְף אָבֶּער
גִיוָואַרִינְט צוּא זַיין נָאר צוּא זָאגִין אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטַייט אֶחָד . נָאר מֶען זָאל דִיא ח' שַׁארְף
אַרוֹיס זָאגִין אוּנ דִיא ד' גוּט זָאגִין. עֶס זָאל נִישְׁט אוֹיס זֶעהִין גְלַייךְ מֶען זָאגְט ח'ו אַ רֵישׁ :

מד דֶעם פָּסוּק שְׁמַע יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען הוֹיךְ · בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד זָאגְט מֶען
שְׁטִילֶער הַייטְ · יוֹם כִּפּוּר זָאגְט מֶען בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד אוֹיךְ הוֹיךְ :

מה מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָואַרִינְט צִיא זַיין בַּייא בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד אוֹיךְ אוּנ
זִינֶען צִיא הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ · דִיא טַייטְשׁ אִיז „גִילוֹבְּט זָאל זַיין דֶער נָאמִין פוּן כָּבוֹד פוּן
זַיין מְלוּכָה אוֹיף אַייבִּיג. :

מו אוֹיךְ בַּייא דֶעם גַאנְצִין דַאוִוינֶען זָאל מֶען אוּנ זִינֶען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ וִויא ווַייט מֶיגְלֶעךְ
אִיז . עֶס אִיז גִידְרוּקְט סִידוּרִים מִיט עִבְרִי טַייטְשׁ · קֶען יֶעדֶערֶער זִיךְ אוֹיס לֶערְנִין דִי טַייטְשׁ :

מז אוֹיךְ דַארְף מֶען צִיא דַאוִוינֶען וָואלְגֶע · דֶען מֶען דַארְף צִיא זָאגִין יֶעדֶער וָוארְט שַׁארְף אַרוֹיס
מִיט דִיא נְקוּדוֹת · אוּנ נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען קַיין שׁוּם אוֹת . בְּפֶּרֶק ו' וֶועלִין מִיר שְׁרַייבִּין
וִויא גְרוֹיס דִיא מִצְוָה אִיז צִיא זָאגִין וָואלְגֶע דִיא הַיילִיגֶע וֶוערְטֶער זֶעה אַיין דָארְט :

## (יוֹם ב) פֶּרֶק ב דִינִים פוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אוּנ פוּן אָמֵן אוּנ אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא . אוּנ פוּן שׁוּל אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ :

א אַז אַיינֶער הֶערְט דֶעם אַנְדֶערִין מַאכִין אַ בְּרָכָה בְּשַׁעַת עֶר הֶערְט אִיהְם זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ה'
זָאל עֶהְר עֶנְטְפֶערִין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אוּנ בְּשַׁעַת יֶענֶער לָאזְט אוֹיס דִיא בְּרָכָה דַארְף
עֶהְר עֶנְטְפֶערִין אָמֵן :

ב דָאס וָוארְט אָמֵן דַארְף מֶען שַׁארְף אַרוֹיס צוּא זָאגִין · הַיְינוּ דִיא אַלֶף מִיט אַ קָמֶץ · אוּנ
נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען דִיא נוּן :

ג אוֹיךְ דַארְפִין פִּינְקְט צוּא זָאגִין אָמֵן וֶוען יֶענֶער הָאט אוֹיס גִילָאזְט דִיא בְּרָכָה · אָבֶּער
נִישְׁט פְרִיַער . אוּנ נִישְׁט שְׁפֶּעטִיר :

ד דִיא טַייטְשׁ פוּן וָוארְט אָמֵן אִיז „עֶס אִיז אֱמֶת" אוּנ בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט דָאס וָוארְט אָמֵן דַארְף

מֶען אוּנ זוֶגעֶן צוּא הָאבִּין אַז דִיא בְּרָכָה וָואס יֶענִיר הָאט גִימַאכְט אִיז אֶמֶת · אוּנ אִיךְ גְלֵייבּ אוּנ דֶעם :

ה מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָוארִינְט צוּא זַיין אוּנ דֶעם אַלִימֶען · דֶען דִיא מִצְוָה פוּן אָמֵן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס :

ו דִי הַיילִיגֶע סְפָרִים שְׁרַייבִּין אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט גִיוָוארִינְט צוּ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן נָאךְ יֶעדֶעֶרי בְּרָכָה אוֹדֶער נָאךְ קַדִישׁ הָאט עֶהָר אַ גְרוֹסִי עֲבֵירָה · אוּנ עֶר וֶוערְט שְׁטַארְק גִישְׁטְרָאפְט דֶער פַאר :

ז אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז יוֹא גִיוָוארִינְט צוּא עֶנְטְפֶערִין אָמֵן וֶוען מֶען דַארְף אַזוֹי וִויא מִיר שְׁרַייבִּין · הָאט עֶהָר אַ גְרוֹסֶען שָׂכָר אוֹיף יֶענִיר וֶועלְט · אוּנ אוֹיךְ וָואס עֶהָר בֶּעט הֶעלְפְט אִיהְם דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹ וִויא זַיין גוּטֶער וִוילֶען אִיז :

ח מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָוארִינְט צוּ זַיין צוּ הֶערִין דֶעם קַדִישׁ אוּנ עֶנְטְפֶערִין מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה · בִּפְרַט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא דֶען דֶער וָואס עֶנְטְפֶערְט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מִיט כַּוָונָה אוּנ הוֹיךְ אִיז עֶהָר מִיט דֶעם מְבַטֵל אַלֶע שְׁלֶעכְטִי גְזֵירוֹת :

ט מֶעִי זָאגְט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָא יִתְבָּרַךְ · אוּנ פוּן נָאךְ יִתְבָּרַךְ אָהָן זָאל מֶען אוֹיס הֶערִין דֶעם גַאנְצִין קַדִישׁ אוּנ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן :

י בַּייא דֶעם אָמֵן פוּן קַדִישׁ בַּדַארְף מֶען אוּנ זוֶגעֶן צוּא הָאבִּין אַז דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפִין עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערִין אוּנ דֶער גֶעךְ וָואס יֶענִיר בֶּעט מִיט דֶעם קַדִישׁ :

יא דִיא טַייטְשׁ פוּן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָא אִיז „עֶס זָאל זַיין דֶער גְרוֹסֶער נָאמִין פוּן אַייבֶּערְשְׁטֶען גִילוֹיבְּט אוֹיף אֵייבִּיג" אוּנ בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט דִיא וֶוערְטֶער דַארְף מֶען אוּנ זוֶגעֶן הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ · עֶס אִיז גָאר נִישְׁט מְשַׁעֵר צוּא זַיין דֶעם שָׂכָר וָואס מֶען וֶועט הָאבִּין פוּן דִיא מִצְוֹת :

יב אוּנְזֶערִי שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען שְׁטַארְק הַיילִיג · מִיר דַארְפִין מוֹרָא הָאבִּין פַאר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ וָואס זַיין שְׁכִינָה רוּהְט אוּנ זֵייא :

יג אִיבֶּער דֶעם טָארִין נִישְׁט דָארְט שְׁמוּסֶען קַיין שׁוּם זַאךְ · חוּץ לֶערְנֶען אוֹדֶער דַאוְוינֶען אוֹדֶער זָאגִין שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת :

יד אֲפִילוּ אוֹיף דִיא עֶרְטֶער וָואס מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צוּא שְׁמוּסֶען אוּנ בֵּית הַמִדְרָשׁ מֶעגִין נָאר דִיא וָואס לֶערְנֶען דָארְט תָּמִיד · זַייא זָאלִין נִישְׁט דַארְפִין אַלֶע מָאהְל צוּא בַּאלְמִיטְשֶׁען פוּן לֶערְנֶען אַרוֹיס גַיין רֶעדִין · אוּנ אוֹיךְ נָאר דִיא זַאכִין וָואס זַייא מוּזֶען רֶעדִין :

טו אָבֶּער אוּנ שׁוּל יֶועקְבִים מֶען לֶערִינְט נִישְׁט דָארְט אַזוֹי שְׁטֶענְדִיג טָארִין בְּוַודַאי נִישְׁט רֶעדִין אֲפִילוּ פוּן פַּרְנָסָה וֶועגִין אוֹדֶער אַנְדֶערִי זַאכִין וָואס מֶען דַארְף :

טז יֶעעֶר שְׁמוּסְט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס שְׁמוּסֶען בְּשַׁעַת מֶען דַאוְוינְט בְּצִיבּוּר טוּהְן בְּוַודַאי אַ גְרוֹסֶע עֲבֵירָה · דִיא הַיילִיגֶע סְפָרִים שְׁרַייבִּין אוֹיף זַייא זֵייעֶר שְׁלֶעכְט ח״ו :

יז אֲפִילוּ דִיא קִינְדֶער טָארִין נִישְׁט לָאזִין רֶעדִין בְּשַׁעַת דֶעם דַאוְוינֶען · זַייא זָאלִין נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין :

יח *) נָאר מֶען זָאל אַכְטִינְג גֶעבִּין אוֹיף דִיא קִינְדֶער זַייא זָאלִין נָאךְ זָאגִין אָמֵן · אוּנ קְדוּשָׁה
וברכו

---

*) דֶער הַיילִיגֶער מַלְאָךְ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא ז״ל שְׁרַייבְּט אוּנ זַיין סֵפֶר (פֶּרֶק י״ג) אַ מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גִיוֶועֶן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶהָר אִיז גִיוֶועֶן מִיט זַיין זוּהְן אוּנ שׁוּל · אוּנ בְּשַׁעַת דֶעם דַאוְוינֶען וֶועקְבִים דֶער עוֹלָם הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אָמֵן · הָאט דֶער זוּהְן גִיעֶנְטְפֶערְט גִילֶעכְטֶערִין · אוּנ דֶער פָאטֶער הָאט אִיהְם נִישְׁט גִיוֶוערְט · הָאבִּין דִיא מֶענְטְשִׁין אִיהְם גִיזָאגְט עֶהָר זָאל נִישְׁט לָאזִין דָאס קִינְד אַזוֹ טוּהְן · הָאט עֶהָר זַייא גִיזָאגְט וָואס זָאל אִיךְ אִיהְם טוּהְן · עֶהָר אִיז דָאךְ אַ קִינְד לָאז עֶר לַאכִין · אוּנ אַזוֹ אִיז גִיוֶועֶן עֶטְלִיכֶע טֶעג · אִיז דֶער נָאךְ אוּנ אַ קוּרְצֶע צַייט
דעם

וּבָרְכוּ . און אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא · אַז דָאס קינד הייבט נָאר אָהן צוא ענטפערין אָמֵן האט עס שוין אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא :

## פרק ג דינים פון וואשין זיך צום עסין . און פון בענטשין :

א אַז מען וויל עסין ברויט אודער אַזוי גיבעקטץ וואס מען מאכט דאריבער אַ מוציא דארף מען זיך דער צי צו וואשין . אֲפִילוּ עס איז נאר אַ קליין שטיקעל · נאר דיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם מאכט מען נאר אַז מען וויל עסין אַזוי גרויס וויא איין איי אודער מעהר :

ב דיא כֵּלִי וואס מען וואשט זיך מיט איהר דארף זיין גאנץ אָהן אַ לעכיל · און אויף דער זוים זאל נישט זיין קיין שום שטשערביס :

ג מען דארף זיך צו וואשין מיט אַ סך וואסער . וואס מעהר מען איז גיווארינט און דעם וואשין איז מען מעהר עושר · הויץ דעם שְׂכַר וואס מען וועט האבין אויף יענער וועלט :

ד אָבער דער וואס וואשט זיך נישט וויא עס קער צו זיין ווערט איין ארימאן . און ווערט אויס גריסן פון דער וועלט ח״ו :

ה אַז מען האט נישט קיין סאך וואסער מוז מען זיך האטש וואשין מיט אַ קווארטיל וואסער אויף יעדער האנד בזונדער . דאס קווארטיל וואסער מוז מען גיסן מיט איין גאס אויף דער גאנצער האנד :

ו בְּשַׁעַת מען וואשט זיך דארפין צו צו שפרייטין דיא פינגער . כְּדֵי דאס וואסער זאל קומען ארום זייא און אויף דיא שפיצען :

ז אַז עס איז דא אַ שטיקעל אורט אויף דער האנד וואס איז נישט גקומן דארויף קיין וואסער מוז מען באלד צו וואשין דאס שטיקעל אורט . עס איז אובער גלייכער מען זאל נאך אַמאהל איבער וואשין די גאנצע האנד :

ח תֵּיכֶף נאך דעם וואשין זאל מען אויף הייבין דיא הענד און באלד מאכין דיא בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדַיִם · מען טאר נישט אויס רעדין צווישען דעם וואשין צווישן דער בְּרָכָה :

נאך

---

דעם מענטש גישטארבין ר״ל דאס ווייב און דיא קינדער און איניקליך פופצעהן נְפָשׁוֹת . און עס איז איהם נישט מעהר גיבליבען נאר צווייא זוהן איינער איז גיוועהן בלינד און דאס אַנדערע איז גיוועהן איין נאר און אַ רָשָׁע : איבער דעם דארף יעדער מענטש אכטינג געבין זיין קינד זאל זיין און שיל אַרעהר און בֵּית הַמִּדְרָשׁ מיט פארכט און זאל נאך זאגין אָמֵן און אלדינג וואס מען דארף : נאך אַ מַעֲשֶׂה שרייבט דער היליגער מלאך אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ז״ל · עס איז גיוועהן אַ מענטש וואס האט נישט גיקענט לערנין · האט זיך דער מענטש גינומען צום הארטץ וואס זיין תְּפִלּוֹת וועט זיין · איז ער איינמאהל גיוועהן און שיל ווערבים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ז״ל איז אויך דענסמאלט גיוועהן און שיל · און בְּשַׁעַת דער חַזָּן האט גיהאלטין קְדוּשָׁה האט דער מענטש זייער ערינצט גיזאגט קְדוּשָׁה . און שטארק הויך מיט דעם גאנצין הארץ · האט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ז״ל גיפרעגט דעם מענטש פאר וואס זאגסטו אַזוי הויך · האט דער מענטש גיענטפערט נים נינוג איך האב נישט גילערינט ביז אַהער · דאריבער אַ צינדערט וויל איך האטש זאגין הויך קְדוּשָׁה מיט דעם גאנצין הארץ וועל איך מיך מיט דעם דער קוויקען · דער נאך און אַ קורצע צייט איז דער מענטש גיגאנגין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . און דער כֹּחַ האט איהם גימאכט אַ שְׂרָרָה איבער אַלע שטעט . און ער האט זיך דארט גישטעלט אַ הויז און איז גיוועסין דרינען כָּל זְמַן ער האט גילעבט . און האט איבער גילאזט אַ גרויס פאר מעגין ווייב קינדער און קינדס קינדער :

ט נאך דער ברכה זאל מען זיך ארום ווישען די הענד איינע אונ דער אנדערער. דער נאך
זאל מען זיי גוט אפ ווישן אונ עפים:

י וואסער וואס איז גיטוהן גיווארין דער מיט איין מלאכה. היינו מען האט גיווייקט דרינען חריין
אודער מען האט דרינען אריין גישטעלט א כלי מיט משקה די משקה זאל זיין קאלט.
אודער מען האט גימאסטין מיט דעם וואסער טארין גישט זיך וואשין מיט דעם וואסער צום עסין:

יא דאס וואסער וואס מען האט דרינען אריין גלייגט לעבידיגי פיש זיי זאלין נישט פיינערין
מעגין זיך יוא וואשין דער מיט:

יב אז איינער רירט אן נאך דעם וואשין אודער אין מיטען עסין די ערטער פון גוף וואס
זענין צוא גידעקט מיט מלבושים. אדער אין דער צואה פון אויער. אדער פון דער נאז.
אדר אנדערי צואה. אדער ער קראצט זיך אונ קאפ. אדער ער רירט אן א כנה. אדער אונ
דעם שיך. אדער ער איז משתין אונ רירט אן אין דער שתנה. ביי די אלע זאכין דארף
ער איבער ניים צו וואשין אונ נאנצין די האנד וואס האט אן גרירט. גלייך ער האט נאך די
האנד גאר נישט גיוואשן צום עסין:

יג אז ער האט אן גירורט בשעת ער האלט אין מויל א שטיקעל ברויט טאר ער עס נישט
אראפ שלינגען ביז ער וואשט זיך:

יד אז מען האט נקיות אונ מיטען עסין דארף מען זיך בוודאי איבר ניים צו וואשין ווי עס
קער צוא זיין:

טו ביי די אלע זאכין זאל מען נישט מאכין נאך אמאהל די ברכה על נטילת ידים:

טז אויך דארפין באלד נאך דעם וואשין צוא עסין א שטיקעל ברויט אדער חלה:

יז אז מען האט גראט גיהאלטין די האנד לעבין דעם אונטריינעם אורט אונ מען איז מסופק
צו מען האט אן גרירט דארפין זיא נישט איבר צו וואשין:

יח איבער דעם וואס מיר האבין פריער גישריבין דארפין צוא האבין אויף די גידאנקין
ביז צום בענטשין די הענד זאלין נישט אהן רירען אויף די ערטער וואס מיר
האבין גישריבין:

יט אז מען האט אבער נאר פאר געסין צו היטען זיי פון דעם אונ דער נאך דער מאנט
מען זיך. טאר מען נישט עסין קיין ברויט אודער חלה צאטין מען וואשט זיך איבר ניים
ווי עס קער צו זיין:

כ דעסט גלייכין אז מען שלאפט אונ מיטען עסין אפילו נאר אקליין ביסעל דארפין דער
נאך זיך איבער ניים צו וואשין:

כא מען דארף אבער גיווארינט צו זיין נישט צו שלאפין אונ מיטען עסין. נאר אפ צו
בענטשין איידער מען ווערט דער שלאפין:

כב אז איינער פאר שמיסט זיך לאנג אונ מיטען עסין מיט דעם אנדערין דארף ער זיך
נאך אמאהל צו וואשין צו דעם ברויט וואס ער וויל דער נאך עסין. דען ער האט
בוודאי שוין נישט אונ זינען גיהאט צו היטען די הענד:

כג ביי די אלע זאכין זאל מען אויך נישט מאכין נאך אמאהל די ברכה על נטילת ידים:

כד אז בשעת ער שמיסט האלט ער ברויט אונ דער האנד כדי ער זאל נישט פאר געסין
צו היטען די הענד דארף ער נישט נאך דעם שמיסען זיך צו וואשין:

כה איבר דעם דארפין שטארק צו ווארינען די פראסטי מענטשין אדער ווייבר וואס
זייער מנהג איז אז זיי וואשין זיך אין דער פריא אונ בענטשין בנאכט אונ עסין
אגאנצע טאג אויף דער קאנטע. דארפין זיי צו וויסן אז זיי זענין גאר פאר נארט. דען
דאס וואשין פוטט נישט נאר כל זמן מען היט די הענד זיי זאלין נישט אן רירען אונ קיין
אומריינע זאך. אזוי ווי מיר האבין גישריבין:

כו דעקט גלייכן אז מען עסט אפ אונ שפעטער וויל מען ווייטער עסין ברויט דארפין נאך אמאהל א מוציא צו מאכין. דיא ברכת המוציא פון דער פריא פולט נאר נישט אויף דעם עסין פון מיטען טאג :

כז דעקט גלייכן אז מען עסט אפ דארפין באלד צו בענטשין · אז מען באלמיטשעט אבער אזו לאנג ביז מען ווערט אביסעל הונגעריג איז מען שוין נישט יוצא מיט דעם בענטשין אויף דעם פריערדיגען עסין :

כח קפילא זעהט מען שוין אז דיא מענטשין וואס וואשין זיך אונ דער פריא אין בענטשין בנאכט עסין אגאנצע טאג אונ בנאכט אום גוואשען אונ אן א מוציא · אונ מיט דעם בענטשין פון בנאכט זענין זייא נאר נישט יוצא אויף דעם עסין פון דער פריא :

כט דיא עבירות זענין זייער גרויס · חוץ דעם עונש וואס מען האט ח״ו אין גיהנם פאר זינדיגט מען זיך ח״ו דיא פרנסה אויף דער וועלט :

ל דאריבער דארף זיך יעדער יוד צו פירען זייא מאנטצביל זייא ווייבר אז ווען מען וויל עסין ברויט אודער גיבעקטץ (וואס איז גיקנעטין מיט וואסער) זאל מען זיך וואשין אונ מאכין א מוציא אונ עסין וויא פיל מען דארף אונ באלד בענטשין בכונה · דיא קינדער וואס דארפין צו עסין אלע מאהל זאל מען גיוויינען זיי זאלין זיך תמיד וואשין אונ בענטשין צווייא מאהל אונ טאג . איינמאהל בטאג . אונ איינמאהל בנאכט . ובזכות זה וועט השם יתברך העלפין אז מען וועט האבין דיא פרנסה בכבוד · חוץ דעם גרויסען שכר וואס מען וועט האבין אויף יענער וועלט :

## (יום ג) פרק ד דינים פון איטליכע ברכה וואס מען דארף צו מאכין איבער יעדער עסין וואר אודער משקה על פי סדר אלף בית :

אות א (א) איבער אגרים מאכט מען בורא פרי העץ . גפרעגלטי אגרים אויך בורא פרי העץ . אז זייא זענין שטארק צוא ריבען אז מען דער קענט זייא נישט מאכט מען שהכל . אז עס טרעפט זיך מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא :

(ב) אומצייטיג אובס . אז עס איז נישט אזו גוט צו עסין רויעהייט · שהכל · ווען עס איז גיפרעגילט. בורא פרי העץ. אז מען קען עס נאר נישט עסין רויעהייט מאכט מען נאר נישט דאריבער רויעהייט. אז עס איז גיפרעגילט מאכט מען שהכל :

ג) אתרוג איינגימאכטץ · בורא פרי העץ : (ד) איינגימאכטץ פון ביערין ריבען באקים · בורא פרי האדמה :

(ה) אוגרקים גיזייערטע אודער מיט עסיג אזו וויא עס איז דער שטייגער זייא צוא עסין · בורא פרי האדמה · זיסע אוגרקים וויא עס איז נישט דער שטייגער אזו צוא עסין מאכט מען שהכל. דאס שמיסט אלץ ווען מען עסט זייא בלוים · אבר אז מען עסט זייא מיט ברויט אודער מיט פלייש זאל מען נאר נישט מאכין קיין ברכה איבער דיא אוגרקים :

(ו) ראסעל פון אוגרקים · שהכל . אז מען טרינקט איהם בשעת מען עסט דיא אוגרקים זאל מען גיט מאכין קיין ברכה איבער דעם ראסיל :

(ז) ארבים גיקאכטי גאנצי אודער צו ריבעני בורא פרי האדמה . שטארק צו ריבען · שהכל : ארבים זופ שהכל :

(ח) ארבים שוטן פון גארטין מאכט מען איבער דיא ארבים בורא פרי האדמה . אונ מען דארף שוין נישט צו מאכין איבער דיא שוטין · אז מען עסט נישט דיא ארבים נאר דיא שוטין אליין מאכט מען שהכל :

(ט) אַרְבִּים שׁוֹטְעֶן פוּן פֶעלְד מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל אֲפִילוּ אִיבֶּער דִיא אַרְבִּים וָוען זַייא זֶענֶען נִישְׁט גִיקָאכְט : (י) אַייֶער · שֶׁהַכֹּל :

**אות ב** (א) בְּרוֹיט אָדֶער בַּייגִיל אָדֶער חַלָּה אָדֶער מַצוֹת פוּן וַוייטְצֶען מֶעהְל אָדֶער קָארְן מֶעהְל אָדֶער גֶערְשְׁטִין מֶעהְל · אַז עֶס אִיז גִיקְנֶעטִין מִיט וַואסֶר אוּנ גִיבַּאקִין אִין אוֹבְן דַארְפִין זִיךְ דֶער צִי צוּ וַואשִׁין אוּנ מַאכִין הַמּוֹצִיא · אוּנ אַז מֶען עֶסְט דֶער פוּן אַזוֹ גְרוֹיס וִויא אַהַאלְבּ אַיי אָדֶער מֶעהְר דַארְפִין צוּא בֶּענְטְשִׁין :

(ב) מֶען דַארְף וִויסֶען דֶעם כְּלָל אַז דִיא מַאֲכָלִים פוּן הָאבִּיר מֶעהְל אָדֶער אַרְבִּישׁ מֶעל הָאט דֶעם אַיינְצִיגְען דִין פוּן וַוייטְצֶען מֶעהְל קִייגִין אַלְדוּנְג · נָאר וַוייל דָאס מֶעהְל אִיז נִישְׁט דָא אוּנ אוּנְזֶער מְדִינָה וָועלִין מִיר עֶס שׁוֹין נִישְׁט גִידֶענְקִין :

(ג) אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּא בְּרוֹיט אָדֶער גִיבֶּעקְטְץ אוּנ מֶען וִויל עֶסִין אַ גִיקָכְטְץ · הַיְינוּ טֵייגְלִיךְ · גְרִיץ · אַרְבִּים · קְרוֹיט · אוּנ נָאךְ אַזוֹי שְׁטֵייגֶער · אָדֶער פְלֵיישׁ · פִישׁ · קֶעז · אַייֶער · דַארְפֶען נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכֶען אִיבֶּער זַייא אֲפִילוּ מֶען עֶסְט זַייא אָהְן בְּרוֹיט :

(ד) אִיבֶּער דֶעם דַארְפִין צוּ וִויסֶען אַז דָאס וָואס מִיר וָועלִין שְׁרַייבִּין אַ בְּרָכָה צוּא מַאכֶען אִיבֶּער דִיא זַאכִין מַיינְט מֶען נָאר דֶענְסְמָאלְט וָוען מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיוַואשִׁין צוּ בְּרוֹיט :

(ה) אַז מֶען עֶסְט פֵּירוֹת רוֹיע אָדֶער גִיקָאכְטֶע מִיט בְּרוֹיט דַארְפֶען נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכֶען אִיבֶּער זַייא :

(ו) אַז מֶען וִויל זַייא עֶסִין אָהְן בְּרוֹיט אוּנ אָהְן פְלֵיישׁ דַארְפֶען צוּ מַאכֶען אִיבֶּער זַייא זֵייעֶר בְּרָכָה :

(ז) אָבֶּער אַ בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אָדֶער דִיא לַאנְגֶע בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה דַארְפֶען נִישְׁט צוּ מַאכֶען נָאךְ דִיא פֵּירוֹת וָואס מֶען עֶסְט אוּנ מִיטֶען עֶסִין · אָדֶער פַאר דֶעם בֶּענְטְשִׁין :

(ח) אַז מֶען וִויל עֶסִין אַבִּיסֶעל פוּן דִיא פֵּירוֹת מִיט בְּרוֹיט אוּנ אַבִּיסֶעל אָהְן בְּרוֹיט זָאל מֶען מַאכְען אִיבֶּער זַייא זֵייעֶר בְּרָכָה אוּנ עֶסִין אַבִּיסֶעל אָהְן בְּרוֹיט · דֶער נָאךְ מֶעגִין שׁוֹין עֶסִין וִויא אַזוֹי מֶען וִויל :

(ט) אַז מֶען הָאט נִישְׁט עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ צוּא עֶסִין נָאר דִיא פֵּירוֹת מִיט דֶעם בְּרוֹיט אוּנ מֶען וִויל עֶסִין אַבִּיסֶעל פוּן זַייא אָהְן בְּרוֹט · זָאל מֶען פְרִיעֶר עֶסִין אַבִּיסֶעל מִיט בְּרוֹיט וָועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַארְפִין צוּ מַאכֶען זֵייעֶר בְּרָכָה אֲפִילוּ אִיבֶּער דִיא וָואס מֶען וָועט עֶסִין אָהְן בְּרוֹיט :

(י) אַז מֶען עֶסְט אוּנ מִיטֶען עֶסִין אַ זָעלְכֶע פֵּירוֹת מֶען זָאל דוּרְךְ זַייא הָאבִּין חֵשֶׁק צוּ עֶסִין דַארְפִין נִישְׁט צוּ מַאכִין אִיבֶּער זַייא קֵיין בְּרָכָה אֲפִילוּ מֶען עֶסְט זַייא אָהְן בְּרוֹיט :

(יא) אַז מֶען טְרִינְקְט וַויין אוּנ מִיטֶען עֶסִין דַארְפִין צוּא מַאכִין אִיבֶּער אִיהְם אַ בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן :

(יב) אָבֶּער דִיא לַאנְגֶע בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה דַארְפִין נִישְׁט צוּא מַאכֶען נָאךְ דֶעם וַויין וָואס מֶען טְרִינְקְט אוּנ מִיטֶען עֶסִין :

(יג) אַז עֶהְר הָאט גִימַאכְט אַ בְּרָכָה אִיבֶּער וַויין אֵיידֶער עֶהְר הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין אוּנ עֶהְר הָאט אוּנ זִינֶען גִיהַאט צוּ טְרִינְקֶען וַויין אוּנ מִיטֶען עֶסִין · אָדֶער זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז צוּא טְרִינְקֶען וַויין אוּנ מִיטֶען עֶסִין · דַארְף עֶהְר שׁוֹין נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּא מַאכִין אִיבֶּער דֶעם וַויין וָואס עֶהְר טְרִינְקְט אוּנ מִיטֶען עֶסִין · נָאר עֶהְר זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין דֶער צְוִישֶׁען פוּן דֶעם שְׁטִיבֶּעל וָואס עֶהְר הָאט גִימַאכְט דֶעם בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן פַאר דֶעם וַואשִׁין :

(יד) אַז מֶען טְרִינְקְט וַואסֶער אָדֶער מַשְׁקֶה אוּנ מִיטֶען עֶסִין (פוּן בְּרוֹיט) דַארְפִין נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכִין :

(טו) דֶעסְט גְלַייכִין אִיבֶּער בְּרָאנְפִין וָואס מֶען טְרִינְקְט אוּנ מִיטֶען עֶסִין כְּדֵי מֶען זָאל הֵשֶׁק הָאבִּין צוּ עֶסִין דַארְפִין אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכִין :

(טז) אָבֶּער צוּ טְרִינְקֶען בְּרָאנְפֶען אָדֶער טֵייא אָדֶער קַאוֶוע פַאר דֶעם בֶּענְטְשִׁין כְּדֵי עֶס זָאל פֶארְדַייעֶן דָאס עֶסִין אִיז נִישְׁט גְלַייךְ צַייטִין עֶהְר הָאט גִימַאכְט אַ שֶׁהַכֹּל אִיבֶּער וָועלְכֶע מַשְׁקֶה אֵיידֶער עֶר הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין אוּנ אִיז נִישְׁט אַרוֹיס גִיגַאנְגִין דֶער צְוִישֶׁען :

(יז) בערנים בורא פרי העץ · וואלד בערנים · שהכל : (יח) באקסער · בורא פרי העץ :

(יט) בומעל · אז מען טרינקט איהם בלויז מאכט מען נאר קיין ברכה נישט :

(כ) אז מען מושט איהם מיט אנדערי משקה אונ דיא משקה איז דיא גרעסטי העלפט · מאכט מען שהכל · אז דער בומעל איז די גרעסטי העלפט מאכט מען א שהכל איבער א שטיקל צוקער אונ מען פטרת דעם בומעל מיט דער משקה פון א ברכה :

(כא) אז עהר טרינקט דעם בומעל פון א רפואה וועגין גימושט מיט אנדערי משקה דארף עהר צוא מאכין א בורא פרי העץ · חאטשי דער בומעל איז דיא קלענערי העלפט · אבער אז עהר איז דארשטיג צוא דער משקה האטשי עהר טוהט אריין דעם בומעל פון רפואה וועגין דארף עהר צו מאכין א שהכל אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבען :

(כב) בערעליך בורא פרי האדמה :

(כג) בונען (וואסע ארבים) · באלבים (קארטאפלים) · ביבער · באנים · בארקים · גיקאכטי · בורא פרי האדמה :

(כד) בארקים גיקאכטי גימושט מיט פלאמין · אז דיא גרעסטי העלפט איז בארקים מאכט מען בורא פרי האדמה · אז דיא גרעסטי העלפט איז פלאמין מאכט מען בורא פרי העץ :

(כה) בארשט אהן ברויט · שהכל · חטשאף בארשט שהכל · באטפינע בארשט שהכל :

(כו) בארשט מיט קרויט אודער מיט בארקים אז מען עסט דאס קרויט אודער דיא בארקים מאכט מען בורא פרי האדמה · אז מען עסט זייא נישט צינדערט נאר מען זופט דעם בארשט אליין מאכט מען שהכל · קוואס פון בארקים שהכל · דאס שמיסט אלץ אז מען זופט אהן ברויט :

(כז) ביער · בראנפין · טייא · קאווי · אודער אנדערי משקות (חוץ וויין) שהכל :

**אות ג** (א) גערשטינע קאשע אודער האבער קאשע גיקאכטי · בורא מיני מזונות · אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא א האלב איי אודער מעהר דארפין צוא מאבען דיא ברכה אחרונה על המחיה :

(ב) גערשטני גריץ אודער האבר גריץ אויך בורא מיני מזונות :

(ג) אבער אז עס איז אונ דער גריץ ווייניג קאשע אונ דער עיקר איז דאס וואסער אזו וויא מען קאכט פון א קראנקין וועגין · זאל מען אהן נעמין א ביסעל וואסער פון דער גריץ אונ מאכען א שהכל אונ זופען א ביסעל · דער נאך איבער א ביסעל גערשטני קאשע אדער האבער קאשע בורא מיני מזונות :

(ד) גריץ פון גערשטני קאשע אודער האבער קאשע מיט קארטפלים · אז דיא קאשע איז א ביסעל גידעכט זיא צוא עסין מאכט מען בורא מיני מזונות · אבער אז עס איז ווייניג קאשע וועלכים עס איז נאר שיטער חוץ דיא קארטאפלים זאל מען דיא גריץ נישט עסין צאטען מען האט זיך גיוואשין צו ברוט · דענמאלט מאכט מען גאר קיין ברכה נישט איבר איהר :

(ה) אז קינדער ווילען עסין דיא גריץ אונ ווילען נישט צינדערט עסין קיין ברויט זאלין זייא מאכען בורא פרי האדמה איבער דיא קארטאפלים אונ עסין א ביסעל · דער נאך איבער א ביסעל גערשטינע קאשע אדער האבער קאשע בורא מיני מזונות :

(ו) גיברענטי זופ · וועלכים מען פרעגילט מעהל אונ מען טוהט אריין קליינע ברעקעליך אונ גריץ פון קארטאפלים האט דיא גריץ דעם איינענעם דין פון גערשטני קאשע מיט קארטאפלים גריץ וואס מיר האבין פריער גישריבען :

(ז) גראפליך פון טאטערטשאני קאשע · שהכל :

**אות ה** (א) האניק פון טיימלען אודער פון בינען · שהכל

(ב) הירו · איז דא הילוקי דיעות וועלכי ברכה מען זאל איבער איהר מאכען · דאריבער איז גלייך נישט צו עסין זיא נאר אז מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברויט · אז

עס טרעפט זיך מען עסט היינט ווען מען האלט נישט און מיטען עסן מאכט מען שהכל :

(יום ד) **אות ו** (א) ווייןטרויבין ווען זייא זענין שוין גוט צייטיג · בורא פרי העץ . ווען זייא זענין נישט אזוי צייטיג· בורא פרי האדמה . מען זאל נישט עסן פון דיא אומצייטיגע אזוי גרוים וויא אהאלב איי נאר אונ מיטען עסין :

(ב) וויין . בורא פרי הגפן · אז מען טרינקט פון איהם מיט אמאהל אזוי פיל וויעס קען אריין אונ צוויא שאהלין פון היגערני אייער· מאכט מען דיא ברכה אחרונה על הגפן :

(ג) אז דער וויין איז זאהר זויערליך פון מענטשין ווילען נישט איהם טרינקען איבער דעם זאהרקייט. מאכט מען איבער איהם א שהכל :

(ד) דעם זאהרין וויין זאל מען נישט טרינקען מיט אמאל אזוי פיהל מען זאל דארפען צו מאכען א ברכה אחרונה נאר ווען מען טרינקט גיטען וויין אונ מען מאכט איבער איהם א בורא פרי הגפן אונ צום סוף א ברכה אחרונה · ממילא וועט מען דענמאלט איבער דעם זאהרען וויין גאר נישט בדארפין צו מאכין קיין ברכה :

(ה) אז מען מאכט א בורא פרי הגפן איבער וויין אונ מען האט בשעת דער ברכה אונ זינען צו טרינקען נאך דעם וויין בראנפען אדער אנדערי משקה דארפען שוין נישט צו מאכין קיין ברכה איבער דער משקה :

(ו) ווינשלין · וויינפערליך · בורא פרי העץ . גיפרעגעלטי· אויך בורא פרי העץ . אז זייא זענין שטארק צו ריבען אז מען דער קענט זייא נישט· מאכט מען שהכל . אז עס טרעפט זיך מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא :

(ז) ווישניק. שהכל · אז מען עסט דיא יאגדים אדער ווינשלין פון ווישניק בשעת מען טרינקט דעם ווישניק מאכט מען נישט קיין בזונדערי ברכה איבער זייא :

(ח) וואסער מחמת דארשט · שהכל· אז מען טרינקט וואסער אדער משקה (חוץ וויין· מיט אמאהל אזוי פיהל וויא עס קען אריין אונ צוויא שאהלין פון היגערני אייער . מאכט מען דער נאך בורא נפשות :

(ט) אז מען טרינקט וואסער נישט מחמת דארשט נאר אביסען אראפ צו ברענגין.מאכט מען גאר קיין ברכה נישט . איבער אנדערי משקין דארפען צו מאכין א ברכה חאטשי מען טרינקט זייא אביסען אראפ צו ברענגין :

(י) ווייטץ אדער קארין נאנצע. מאכט מען בורא פרי האדמה :

**אות ז** זאלץ אודער זאלץ וואסער · שהכל :

**אות ח** (א) חרעמזליך פון מצה מעהל אדער פון צוא ריבעני חלה מיט שמאלץ אינ אייער · בורא מיני מזונות ؛ אז מען עסט אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מעהר דארפען צו מאכין דיא ברכה אחרונה על המחיה · מען זאל נישט עסין פון זייא אזוי פיהל וועלכים מען ווערט זאהט דער פון נאר ווען מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברוט אדער צו פראסטי מצות :

(ב) חרעמזליך פון באלבים (קארטאפלים) אדער פון טאטערשאני מצות · שהכל . אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא א האלב איי אדער מער· מאכט מען בורא נפשות · פון זייא מעגין עסין וויא פיהל מען וויל חאטשי מען איז נישט גיוואשין :

(ג) חריין גיפרעגילט · שהכל : (ד) חריין מיט עסיג אהן ברוט אונ אהן פלייש · שהכל :

**אות ט** (א) טייגליך גיקאכטי פון ווייצען מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל . בורא מיני מזונות. אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מעהר מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה :

ב) אז מען טישט דיא טייגליך מיט בונען אדער מיט ארבים אדער מיט קארטאפלים (באלבים) אונ מען וויל זייא עסין בנאנד · מאכט מען נאר א בורא מיני מזונות חאטשי דיא טייגליך זענין דיא קלענערי העלפט · מען זאל גיווארינט זיין צו עסין חאטש אזו גרוס וויא

אהאלב איי פון די טייגליך אונ מאכין דער נאך על המחיה (אויב די טייגליך זענין זהאטש א זעקסטיל פון אנדערין מין) · אז מען האט נישט צינדערט קיין חשק צו עסין דיא טייגליך זאל מען מאכען א בורא פרי האדמה · אונ עסין דיא ארבים אליין :

(ג) טייגליך פון טאטערשאגי מעהל אדער פון טערקשי ווייץ · מאכט מען שהכל . אז מען עסט פון זייא אזו גרוים וויא א האלב איי אדער מער. מאכט מען בורא נפשות :

(ד) אז מען מושט אריין מעהל פון ווייץ אדער קארין אדער גערשטין איז דא א סך חילוקי דינים אונ דיא ברכות . דאריבער זאל מען זייא נישט עסין נאר אז מען וואשט זיך פריער צו ברויט :

(ה) טייטלען . בורא פרי העץ : (ו) טאטערשקיזעלי גיפרעגיקט . שהכל :

**אות י** יאגדים שווארצי · בורא פרי העץ : רוטע יאגדים בורא פרי האדמה . גיפרעגילטי יאגדים שטארק צו ריבען אז מען דער קענט זייא נישט מאכט מען שהכל · אז מען האט גימאכט זייער ברכה איז מען אויך יוצא :

**אות ל** (א) לעקיך פון האניק טייג אדער ציקער לעקיך אדער טארט גיקנעטין מיט ציקער אונ אייער מאכט מען בורא מיני מזונות . אז מען עסט אזוי גרוים וויא א האלב איי אדער מער מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה :

(ב) מען טאר נישט עסין פון לעקיך אזוי פיהל וועלכים מען ווערט זאהט דער פון אדער אזו גרוים וויא זעקס אייער צאטען מען וואשט זיך פריער צוא ברויט :

(ג) דער לעקיך וואס ווערט גימאכט אוים גישטוסעני מצות אדער פון צו ריבעני חלה איז נישט גלייך אפילו קיין שטיקעל צו עסין פון איהם אום גיוואשין :

(ד) אז מען עסט לעקיך אונ מוטען עסין פון ברויט זאל מען נישט מאכין קיין ברכה איבער איהם · אויך זאל מען איהם עסין גלייך מען עסט ברויט זאס צו זיין דער פון · דען עס איז נישט גלייך צו עסין לעקיך פאר תענוג אונ מוטען עסין פאר דעם בענטשין :

(ה) מען דארף צו ווארינען דעם עולם זייא זאלין נעמין חלה פון לעקיך אז מען באקט דרייא ריסעשי קווארט מעהל אודער מעהר · פון האניק לעקיך דארפין צו נעמין חלה מיט א ברכה . פון ציקער לעקיך זאל מען נעמין חלה אונ נישט מאכין קיין ברכה :

(ו) אונ דעם ציקער לעקיך זאל מען אריין גיסען עטוואס וואסער בשעת מען מישט אוים דיא אייער מיט דעם מעהל . נאר נישט קיין סך · דען אז עס וועט זיין דיא גרעסטי העלפט וואסער וועט מען איהם נישט טארין עסין אום גיוואשין :

(ז) פון דעם ציקער לעקיך קען מען נישט נעמין חלה פאר דעם באקין דען ער איז שיטער . נאר נאך דעם באקין זאל מען אריין לייגין אלע לעקיכער אין איין כלי אריין · מען זאל אכטונג געבין עס זאל נישט ארוים שטארען קיין לעקיך העכיר פון די ווענט פון דער כלי · דער נאך זאל מען ארויס נעמין א שטיקעל לעקיך גרוים וויא אהאלב איי אונ זאגין דיא ווערטער "דאס שטיקעל זאל זיין חלה" אונ עס פאר ברענין :

(ח) דעסט גלייכין פון וועלכין טייג מען נעמט חלה דארפין אלץ גיווארינט צו זיין צו זאגין נאך דער ברכה דיא ווערטער "דאס שטיקעל זאל זיין חלה" :

(ט) לאקשין פון ווייצען מעהל אדער גערשטין מעהל אדער קארין מעהל . בורא מיני מזונות . אז מען עסט פון זייא אזו גרוים וויא א האלב איי אדער מעהר מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה :

(י) לאקשין וואס מען מאכט פסח פון בלוים אייער מיט שמאלטץ מאכט מען איבער זייא שהכל . אז מען עסט פון זייא אזו גרוים וויא א האלב איי אדער מער מאכט מען בורא נפשות :

(יא) לימונעם (ציטרינען) גיפרעגלטי. בורא פרי העץ . רויע מיט ציקער שהכל . שאלין פון

לִימוֹנָעס גִיפְרֶעגִילְט שֶׁהַכֹּל . אַז מֶען הָאט גִימַאכְט בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ אִיז מֶען אוֹיךְ יוֹצֵא :

(יב) לִימָענַאדֶע . שֶׁהַכֹּל : (יג) לַאקְרִיץ הָאלְץ . אַז מֶען וִויל אִיהם עֶסִין אוּנ אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה :

(יד) לַאקְרִיץ וַואסֶער אָדֶער לַאקְרִיץ זַאפְט . שֶׁהַכֹּל :

**אות מ** (א) מַצָּה בְּרַייֶע . דָאס הֵייסְט אוֹיף גִיבְּרִיטֶע מַצָּה אָדֶער אוֹיף גִיבְּרִיטֶע חַלָּה אָדֶער מֶען פְּרֶעגִילְט מַצָּה אָדֶער חַלָּה.אִיז דָא חִילּוּקֵי דִינִים אוּנ דִיא בְּרָכוֹת . דַארִיבֶּער זָאל מֶען זִיא נִישְׁט עֶסִין צַייטִין מֶען וַואשְׁט זִיךְ פְרִיעֶר צוּ בְּרוֹיט אָדֶער צוּ פְּרָאסְטֵי מַצּוֹת (זֶעה אֵייך בְּאוֹת פ׳ סְעִיף יז יח) :

(ב) אַז קִינְדֶער וִוילֶען עֶסִין מַצָּה בְּרַייֶע אוּנ וִוילֶען נִישְׁט צִינְדֶערְט עֶסִין קֵיין בְּרוֹיט. מֶעגִין זַייא מַאכִין אִיבֶּער דֶער מַצָּה בְּרַייֶע בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת :

(ג) מֶענַאלִי אָדֶער קִישְׁקֶע וָואס מֶען פִּילְט זַייא אָן מִיט מֶעהְל אוּנ עֶס וֶוערְט אַזוֹ גִיקָאכְט. מַאכְט מֶען דַארִיבֶּער בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת . אָבֶּער אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט צִינְדֶערְט נָאר דָאס פְלֵייש אַלֵיין. מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל :

(ד) אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּ בְּרוֹיט אָדֶער חַלָּה דַארְפִין נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכִין אִיבֶּער מֶענַאלִי אָדֶער קִישְׁקֶע וָואס מֶען עֶסְט דֶער נָאךְ :

(ה) מַאנְדְלִין וִיסֶע גְרוֹיסֶערְהַייט . בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ . קְלֵיינֶערְהַייט וָואס מֶען עֶסְט מִיט דֶער שָׁאהְל . שֶׁהַכֹּל :

(ו) בִּיטֶערִי מַאנְדְלִין קְלֵיינִיהַייט וָואס מֶען עֶסְט מִיט דֶער שָׁאהְל בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ : גְרוֹסֶערְהַייט מַאכְט מֶען גָאר קֵיין בְּרָכָה נִישְׁט אִיבֶּר זַייא . נָאר אַז מֶען פְּרֶעגִילְט זַייא אָדֶער מֶען קָאכְט זַייא וֶועלְכִים זַייא וֶוענִין גוּט צוּ עֶסִין . מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ :

(ז) מַאנְדְלִין גִיפְּרֶעגִילְטֵי אֲפִילוּ דֶער צִיקֶער אִיז אַרוּם בַּאדֶעקְט. מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ :

(ח) מַאנְדִיל בְּרוֹיט וָואס אִיז אַ סַךְ וַוייטְצִין מֶעהְל דְרִינֶען. מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת :

(ט) אָבֶּער מַאקִירַאנִים אוֹיס מַאנְדִיל מֶעהְל חָאטְשֵׁי עֶס אִיז אַרַיין גִיטוּהְן עֶטְוָואס וַוייטְצִין מֶעהְל עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטִין. מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל :

(י) מַאנְדִיל מִילֶעךְ. שֶׁהַכֹּל : (יא) מִילֶעךְ. שֶׁהַכֹּל :

(יב) מָרֶעלִין . בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ . גִיפְּרֶעגִילְטֵי הָאבִּין דֶעם אֵייגֶענֶעם דִין פוּן ווַיינְשְׁלִין בְּאוֹת ו׳ סְעִיף ו׳ :

(יג) מַאלִינֶעס. בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה . דִיא פֵּרִי אִיז שְׁטַארְק וֶוערְמִיג . דַארִיבֶּער אִיז גְלַייךְ זַייא נָאר נִישְׁט צוּ עֶסִין . דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערִי פֵּירוֹת אָדֶער וַואסֶער דַארְפִין זִיךְ שְׁטַארְק צוּ הִיטֶען פוּן דִיא וֶוערִים . דֶען דֶער אִיסּוּר פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס :

(יד) מַאלִינֶעס גִיפְּרֶעגִילְטֵי הָאבִּין דֶעם אֵייגֶענֶעם דִין פוּן יַאגֶדִים בְּאוֹת י׳ זֶעה אֵיין דָארְט :

(טו) מַאלִינֶעס סָאק . שֶׁהַכֹּל : (טז) מָאהְן . בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה : (יז) מַייֶערִין . פַּאסְטֶענַאק . רוֹיעֶ שֶׁהַכֹּל . גִיקָאכְטֵי . בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה :

(יום ה) **אות נ** (א) נִים וֶועלְטְשִׁינֶע . הָאזֶעלְנִי. בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ . גִיפְּרֶעגִילְטֵי הָאבִּין דֶעם אֵייגֶענֶעם דִין פוּן וַוייגְשְׁלִין בְּאוֹת ו׳ סְעִיף ו׳ :

(ב) אוּמְצֵייטִיגֶע נִים גִיפְּרֶעגִילְטֵי הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבִּין זֵייעֶרִי דִינִים בְּאוֹת א׳ סְעִיף ב׳ :

(ג) בִּיר הֶעקַאלִיךְ שֶׁהַכֹּל . שְׁטֶעבִיל נִים . שֶׁהַכֹּל :

(ד) נָאנְטִיל פוּן מָאהְן גִיפְּרֶעגִילְט אוּנ הָאנִיק אֲפִילוּ מֶען טוּהְט אַרַיין בְּשָׁעַת דֶעם פְּרֶעגְלִין אַבִּיסֶעל וַוייטְצִין מֶעהְל עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטִין. מַאכְט מֶען אִיבֶּער דֶעם נָאהְנְטִיל בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה :

(ה) אָבֶּער דִיא נַאנְטְלִיךְ וָואס מֶען טוּהְט אוּנ זַייא אַרַיין פֶּערְפִיל זַייא זָאלִין הָאבִּין אַ בֶּעסֶערִין טַעַם. מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אִיבֶּער אַ שְׁטִיקֶעל לֶעקִיךְ אוּנ מֶען פּוֹטֵר דִי נַאנְטְלִיךְ :

**אות ס** סמעטינע אדר זאהר מילעך אהן ברויט · שהכל :

**אות ע** (א) עפיל בורא פרי העץ : וואלד עפאלעך שהכל : (ב) עסיג . שהכל · אז ער איז גאנץ שטארק זאל מען מאכין א שהכל איבער א שטיקעל ציקער אונ פטרין דעם עסיג :

**אות פ** (א) פיטער קיכען . שמאלץ קיכען . בוטעל קיכען . אייל קיכען · אייער בייגיל · אייער קיכעל . מאכט מען אלץ בורא מיני מזונות :

(ב) אפילו עס איז אריין גימישט אין קנעטין אביסעל וואסער אז דיא גרעסטי העלפט איז גיוועין פוטער אדר מילעך אדער שמאלץ אדער בוטעל אדער אייל אדער אייער · מאכט מען בורא מיני מזונות · אונ מען דארף נישט צו וואשין זיך דער צו :

(ג) אז מען עסט דער פון אזו גרויס וויא א האלב איי אדער מעהר מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה :

(ד) נאר מען טאר נישט עסין דער פון אזו פיל וועלכים מען ווערט זאט אדער אזו גרויס וויא זעקס אייער צאמען מען וואשט זיך פריער צו ברויט :

(ה) אז מען עסט פון דיא גיבעקצין ווען מען איז גיוואשין צו ברויט זאל מען נישט מאכין קיין ברכה איבר זייא . אויך זאל מען זיי עסין גלייך מען עסט ברויט זאט צו זיין פון זייא . דען עס איז נישט גלייך צו עסין פון דיא זאכין פאר תענוג אונ מיטען עסין פאר דעם בענטשין :

(ו) דאס גיבעקץ וואס ווערט גיקנעטין מיט א סאך וואסר חאטשע מען מישט אריין, אביסעל פון דיא זאכין וואס מיר האבין גישריבין · דעסט גלייכין תלות וואס זענין גיקנעטין מיט וואסער חאטשי מען טוהט אריין זאפערין אדער עטליכע ראזינקים. דארפין זיך צו זייא צו וואשין אונ מאכין המוציא אונ בענטשין אזו וויא צו רעכט ברויט :

(ז) מייל פראסטי מענטשין האבין א טעות וועלכים זייא זידען אויף וואסער אונ טוהן אריין עטוואס ביאשע . דער נאך קנעטין זייא מיט דעם וואסער גיבעקץ · אונ זאגין אז מען דארף שוין נישט זיך צו וואשין צו דעם גיבעקץ . דארפין וויסען אז דיא מענטשין וואס טוהן א זעלכי זאכין . נארין נישט קיינעם נאר זיך אליין . דען דער מענטש וואס קען נישט גוט לערנין טאר נישט אליין זיך פסקנין · נאר ער זאל טוהן אזו וויא דא שטייט · אדער ער זאל פרעגין א שאלה דעם רב :

(ח) פלאדין וואס ווערט אן גפילט מיט פירות צו עסין איהם פאר תענוג חאטשע ער איז גיקנעטין מיט וואסער האט ער דעם איינינעם דין פון פיטער קיכען וואס מיר האבין פריער גישריבען :

(ט) האמער טאשין אדער קנידליעס אדער פערשקים וואס ווערין גיקנעטין מיט וואסר אונ גיבאקין אין אובען אדר אונ א בעקאלי זאל מען נישט עסין נאר ווען מען וואשט זיך צו ברויט אדער צו פראסטי חלה :

(י) בייא די אלע זאכין זאל מען נישט מאכין קיין בזונדערי ברכה איבער דעם וואס איז אן גיפילט אז מען עסט עס בשעת מען עסט דיא גיבעקצין :

(יא) פערפיל גרויפען . פענציג · שטארק גיקאכט וועלכים זיי זענין צו נאנד גיקלעבט דורך דעם קאכען · מאכט מען בורא מיני מזונות · אונ אז מען עסט פון זייא אזו גרויס וויא אהאלב איי אדער מעהר מאכט מען על המחיה :

(יב) אז זייא זענין נישט צו נאנד גיקלעבט איז נישט גלייך זייא צו עסין צאמען מען וואשט זיך פריער צו ברויט · אז מען קען זיך נישט וואשין צו ברויט מאכט מען איבר זייא בורא מיני מזונות אונ על המחיה אזו וויא מיר האבין גישריבין :

(יג) קוכען קער אפער סקמיר צו זיין חאטש בייא פענציג צוא האבין איין אייער קיכער אונ

מאכן דאריבער דעם בורא מיני מזונות · אונ עסין דער פון אזו גרוים וויא א האלב איי · דער נאך עסין דעם פענציג · אונ מאכין על המחיה :

(יד) פעריל גרויפען מיט ארבים האבין דעם אייגינעם דין פון טייגליך מיט ארבים באות ט׳ סעיף ב׳ . זעה איין דארט :

(טו) פערפיל פון ווייטצין מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל · מאכט מען בורא מיני מזונות · אז מען עסט פון זייא אזו גרוים וויא א האלב איי אדער מער מאכט מען על המחיה :

(טז) פערפיל מיט ארבים האבין דעם אייגינעם דין פון טייגליך מיט ארבים באות ט׳ סעיף ב׳ :

(יז) פערפיל פון צו שטוסעני מצות וואס מען עסט פסח וועלכים זייא זענין גאר קליינע שטיקליך (יעדער שטיקעל איז קלענער פון אהאלב איי) אונ מען קאכט זייא אין פענדיל אדער אונ טעפיל וואס שטייט בייא דעם פייער . דארפין נישט צו וואשין זיך צו זייא גאר מען מאכט בורא מיני מזונות אונ על המחיה . אזו וויא איבר אנדערי פערפיל :

(יח) אבר אז מען קאכט זייא נישט האטשי מען גיסט אויף זייא ארויף הייס וואסער אונ שיסעלי זאל מען זייא נישט עסין נאר ווען מען וואשט זיך פריער צו פראסטי מצות (זעה איין באות מ׳ סעיף א׳ ב׳) :

(יט) פייגין . בורא פרי העץ : (כ) פלאמין · פערדזיבעס . בורא פרי העץ . גיפרעגילטי . אויך בורא פרי העץ · אז זיי זענין שטארק צו ריבען וועלכים מען דער קענט זיי נישט · דעסט גלייכין פאווידלא פון פלאמין אדער פון קערשין וואס איז אזו שטארק צו ריבען · מאכט מען שהכל · אז מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא :

(כא) פאמעראנצין · בורא פרי העץ . (כב) פאמעראנצין שיילעכטץ גיפרעגילט · שהכל . אז מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא :

(כג) פלייש . פיש . הערינג . שהכל :

**אות צ** (א) ציבעלים אן ברויט . יונגע רויע · בורא פרי האדמה . אלטי שהכל . גיקאכטי ציבעלים · שהכל :

(ב) אז מען פרעגילט ציבעלים אונ שמאלץ אדער אונ פיטער פון דיא ציבעלים ווערין אונ מען עסט זייא בלוים · מאכט מען בורא פרי האדמה :

(ג) ציקרינג . אז מען וויל איהם עסין אונ אראפ שלינגען מאכט מען בורא פרי האדמה :

(ד) ציקער · שהכל :

**אות ק** (א) קרעפליך גיקאכטי אדער גיפרעגילטי בורא מיני מזונות · אז מען עסט אזו גרוים וויא אהאלב איי אדער מעהר פון טייג זעלבסט . מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה :

(ב) מען זאל נישט עסין פון דיא גיפרעגילטי קרעפליך אזו פיהל ועלכים מען ווערט זאט דער פון צאמין מען וואשט זיך פריער צו ברויט · דאס אייגינע איז בייא דיא גיקאכטי אז יעדערס פון זייא איז אזו גרוים וויא אהאלב איי :

(ג) קניידליך פון מצה מעהל אדער פון צו ריבעני חלה · בורא מיני מזונות · אז מען עסט אזו גרוים וויא אהאלב איי אדער מעהר דארפין צו מאכין על המחיה :

(ד) אז יעדער קניידיל איז אזו גרוים וויא אהאלב איי בשעת דעם קאכין זאל מען פון זייא נישט עסין אזו פיהל וועלכים מען ווערט זאט · צאמין מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברויט אדער צו פראסטי מצות :

(ה) קניידליך פון קארטאפלים מעהל (באלבים) אדער פון טאטערטשאני מצות . מאכט מען שהכל · אז מען עסט פון זייא אזו גרוים וויא א האלב איי אדער מעהר מאכט מען בורא נפשות . פון זייא מעגין עסין אום גיוואשין וויא פיהל מען וויל :

(ו) קינעל פון ווייטצין מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל · מאכט מען בורא מיני מזונות · אז מען עסט אזו גרויס ווי אהאלב איי אדר מעהר מאכט מען על המחיה :

(ז) מען זאל נישט עסין פון איהם אזו פיהל װעלכים מען װערט זאט אדער אזוי גרויס וויא זעקס אייער צייטין מען איז גיוואשין צו ברויט אדער חלה :

(ח) אז דער קינעל איז גיקנעטין גיווארין מיט דיא גרעסטי העלפט וואסער אונ ווייניג שמאלץ זאל מען נישט עסין פון איהם קיין שטיקעל אום גיוואשין :

(ט) קינעל פון קארטאפלים (באלבים) אדער פון מאטערשאני גרייפליך אדער ער איז גימאכט אויס בלוים פלייש מיט אייער אזוי וויא מען מאכט פסח · מאכט מען שהכל . אונ אז מען עסט אזו גרויס וויא א האלב איי אדער מער וויא פיהל מען וויל מאכט מען בורא נפשות :

(י) דער איינגער דין איז בייא דעם קינעל וואס איז גימאכט פון רייז . עס איז אבער גלייכר נישט צוא עסין דעם קינעל פון רייז אום גיוואשין (זעה איין באות ר׳ סעיף ט׳) :

(יא) אז מען איז גיוואשין צו ברויט אדער חלה דארפין מען נישט צו מאכין קיין ברכה איבער קיין שום קינעל :

(יב) קערשין . בורא פרי העץ . גיפרעגילטי. אויך בורא פרי העץ . אז זייא זענין שטארק צו ריבען וועלכים מען דער קענט זייא נישט. מאכט מען שהכל · אז עס טרעפט זיך מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא :

(יג) קרויט גיקאכט אדער גיזייערט . בורא פרי האדמה :

(יד) ראסעל פון קרויט . שהכל · אז מען טרינקט איהם בשעת מען עסט דאס קרויט זאל מען נישט מאכין קיין ברכה איבער איהם :

(טו) קנאבעל . האט דעם איינגעם דין וויא ציבעלים באות צ׳ סעיף א׳ זעה איין דארט :

(טז) קאשע פון טאטערקי · שהכל . אז מען האט גימאכט בורא פרי האדמה איז מען אויך יוצא · קאשע מיט ארבים אז דיא גרעסטי העלפט איז ארבים מאכט מען בורא פרי האדמה. אז דיא גרעסטי העלפט איז קאשע מאכט מען שהכל :

(יז) גערשטינע קאשע אדער האבער קאשע האבין מיר גישריבען באות ג׳ דיא דינים פון זייא :

(יח) קערליך פון פירות . שהכל . אויב מען עסט נישט צינדערט דיא פירות :

(יט) איבער ביטערי קערליך מאכט מען גאר קיין ברכה נישט אז מען עסט זייא ביטערי הייט :

(כ) קאלינעס . שהכל . (כא) קעז · שהכל · (כב) קימעל · שהכל :

## (יום ו) אות ר

(א) ראזינקים . בורא פרי העץ :

(ב) ראזינקע וויין דארפין אזוי צו מאכין · מען נעמט פרישע ראזינקים וועלכים מען זאל זייא טרעטין וואלט ארויס גיגאנגין זאפט פון זייא · דיא ראזינקים צו שנייד מען · אונ מען לייגט זייא אריין אונ וואסער כדי דאס וואסר זאל ווערין וויין · דיא ראזינקים דארפין צו ווייקין אונ וואסער דרייא מעת לעת · היינו אז מען לייגט אריין דיא ראזינקים דינסטאג זאל מען זייא נישט ארויס נעמין ביז פרייטיג אונ דער איינגער צייט וואס מען האט דינסטאג איין גילייגט :

(ג) אז זייא ווייקען אזו לאנג אונ וואסער אדער מער (אונ מען קוועטשט זייא אויס דער נאך) איז דאס גיטער וויין · מען מאכט דאריבער בורא פרי הגפן · קידוש . הבדלה · עס האט דיא איינגע דינים פון גוטען וויין וואס מיר האבין גישריבען באות ר׳ :

(ד) בשעת הדחק אז מען האט פאר געסין איין צו לייגין דיא ראזינקים ביז מיטוואך · אונ מען האט נישט קיין אנדערין וויין שבת קידוש צוא מאכין מעגין זייא איין לייגין מיטוואך אונ אויס קוועטשין פרייטיג . נאר ווייל זייא האבין נישט גיווייקט גאנצע דרייא מעת לעת איז גליך צו מאכין זייא בנאנד מיט דעם וואסער איידער מען קוועטשט זייא אויס :

(ה) בְּשַׁעַת מֶען לֵייגְט אַרֵיין דִיא רָאזִינְקִים אוּנ וַואסֶער זָאל מֶען נִישְׁט אַרֵיין גִיסֶען צוּ פִיהְל וַואסֶער · דָאס וַואסֶער זָאל נִישְׁט זַיין זָעקִם מָאהְל אַזוֹי פִיהְל וִויא דִיא רָאזִינְקֶעס :

(ו) רוֹזִין אֵיינְגִימַאכְטְץ · בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה :

(ז) רָעטִיךְ אָן בְּרוֹיט אוּנ אָן פְלֵייש · בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה :

(ח) רִיבֶּן דָא וִויא דָער שְׁטֵיינֶער אִיז צוּ עֶסֶן זַייא רוֹיֶע הַייט . בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה : בְּרִיקֶעף אוֹיךְ בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה :

(ט) רַייז אִיז דָא חִילּוּקֵי דֵיעוֹת וָועלְכֵי בְּרָכָה מֶען זָאל מַאכִין · דְרִיבֶּער אִיז גְלַייךְ נִישְׁט צוּ עֶסִין קֵיין רַייז נָאר וָוען מֶען הָאט זִיךְ פְרִיעֶר גִיוַואשִׁין צוּא בְּרוֹיט · אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ מֶען עֶסְט רַייז נִישְׁט אוּנ מִיטֶען עֶסִין מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל :

(י) רֶעשְׁטְשֶׁעגְקִים אָדֶער בָּאבֶּעלִיךְ פוּן טַאטֶערְקְשַׁאנִי מֶעהְל · מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל · אַז מֶען עֶסְט פוּן זַייא אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אַ הַאלְבּ אֵיי אָדֶער מֶער מַאכְט מֶען בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת :

(יא) מֶען דַארְף צוּ וָוארִינֶען דִיא בֶּעקֶערְס זַייא זָאלִין נִישְׁט אַרֵיין מוּשֶׁען מֶעהְל פוּן ווַייץ אָדֶער קָארִין אָדֶער גֶערְשְׁטִין · דֶען אַז עֶס אִיז אַרֵיין גִימוּשְׁט מֶעהְל פוּן דִי מִינִים קֶען מֶען זַייא נִישְׁט עֶסִין צַייטִין מֶען אִיז גִיוַואשִׁין צוּ בְּרוֹיט . וַוייל עֶס אִיז דָא אַ סַךְ חִילּוּקֵי דִינִים אוּנ דִיא בְּרָכוֹת :

(יב) רְפוּאָה . אַז מֶען עֶסְט אָדֶער מֶען טְרִינְקְט עֶפִּיס פוּן רְפוּאָה וֶוענִין · אַז עֶס אִיז גוּט אוּנ מֶען הָאט הֲנָאָה דָער פוּן דַארְפִין צוּ מַאכִין דְרִיבֶּער דִיא בְּרָכוֹת וָואס קֶערִין דָער צוּ :

(יג) אַז עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטִין טַעם וָועלְכִים מֶען הָאט נִישְׁט דָער פוּן קֵיין הֲנָאָה מַאכְט מֶען גָאר קֵיין בְּרָכָה נִישְׁט דְרִיבֶּער :

(יד) אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּנ נִישְׁט שְׁלֶעכְט · דֶעסְט גְלַייכִין אַז מֶען וִויל אַיין נֶעמִין אַ רְפוּאָה אוּנ מֶען ווַייסְט נָאךְ נִישְׁט דֶעם טַעם דָער פוּן מַאכְט מֶען אַ שֶׁהַכֹּל אִיבֶּער אַ שְׁטִיקֶעל צִיקֶער אוּנ מֶען פַּטֶּרְט דִיא רְפוּאָה :

(טו) אֵיידֶער מֶען טוּהְט וָועלְכֵי רְפוּאָה זָאל מֶען זָאגִין דִיא וֶוערְטֶער . "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי שֶׁיְּהֵא עֵסֶק זֶה לִי לִרְפוּאָה כִּי רוֹפֵא חִנָּם אָתָּה" דָאס אִיז אַ גִיבֶּעט אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל הֶעלְפִין דָאס זָאל זַיין אַ גוּטֶע רְפוּאָה :

(טז) בַּייא דֶער רְפוּאָה וָואס מֶען דַארְף צוּ מַאכִין אַ בְּרָכָה זָאל מֶען זָאגִין דִיא תְּפִלָּה פָאר דֶער בְּרָכָה :

(יז) אַז מֶען פָאר זִיכְט אַ גִיקֶעכְטְץ אוֹיבּ עֶס דַארְף זַאלְץ אָדֶער צוּ עֶס אִיז גוּט אוּנ מֶען שְׁפַּייט צוּרִיק אוֹיס דַארְפִין נִישְׁט צוּ מַאכִין קֵיין בְּרָכָה :

(יח) אַז מֶען צוּקַייעֶט אַיין עֶסִין וַוארְג אוּנ מֶען שְׁפַּייט אוֹיס דַארְף מֶען אוֹיךְ נִישְׁט צוּ מַאכִין קֵיין בְּרָכָה :

(יט) עֶס אִיז אָבֶּער גְלַייבֶּער נִישְׁט צוּא קַייעֶן קֵיין עֶסִין וַוארְג צַייטִין מֶען מַאכְט פְרִיעֶר דְרִיבֶּער דִיא בְּרָכָה אוּנ מֶען שְׁלִינְגְט אַרָאפּ אַ שְׁטִיקֶעל :

(כ) אַז מֶען וִויל פַאר זִיכֶען אַ גִיקֶעכְטְץ אוֹיבּ עֶס דַארְף זַאלְץ אוּנ אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען זָאל מֶען מַאכִין דְרִיבֶּער דִיא בְּרָכָה . אוּנ מֶען זָאל אוּנ זוֹגֶען הָאבֶּען בְּשַׁעַת מֶען שְׁלִינְגְט אַרָאפּ אַז מֶען וִויל דָער פוּן הֲנָאָה הָאבִּין גְלַייךְ מֶעְ עֶסְט וָועלְכִים עֶסִין וַוארְג :

**אות ש** (א) שְׁלַאטִין מִיט עֶסִיג אָדֶער מִיט בּוֹמִיל אַזוֹ וִויא דָר שְׁטֵיינֶער אִיז זַייא צוּ עֶסִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה . אַז מֶען עֶסְט זַייא אָן בְּרוֹיט אוּנ אָן פְלֵייש :

(ב) שְׁוָועמִיךְ . שֶׁהַכֹּל :

(ג) שֶׁהֶחֱיָינוּ · אִיבֶּער פֵּירוֹת וָואס וַואקְסִין אַלֵי יָאהְר נַייעֶ (חוּץ יְרָקוֹת) אַז מֶען עֶסְט דִי פְרִי דָאס עֶרְשְׁטִי מָאל אוּנ יָאהְר מַאכְט מֶען שֶׁהֶחֱיָינוּ :

(ד) דִיא שֶׁהֶחֱיָינוּ מַאכְט מֶען אֵיידֶער מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה פוּן דָער פְּרִי . אַז מֶען הָאט פָאר

גֶעסְן אוּן גִימַאכְט פְרִיעֶר דִיא בְּרָכָה מֶעגִין דֶער נָאךְ מַאכִין דִיא שֶׁהֶחֱיָנוּ:

(ה) אַז מֶען הָאט נִישְׁט גִימַאכְט דִיא שֶׁהֶחֱיָנוּ בְּשַׁעַת מֶען הָאט גִינֶעסִין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל מַאכְט מֶען שׁוין נִישְׁט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אִיבֶּער דֶער פֵּרִי:

(ו) אַז עֶס לִיגְן פַאר אִים עֶטְלִיכֶע מִינֵי פֵּירוֹת וָואס מֶען דַארְף אִיבֶּער יֶעדֶערִין צוּ מַאכִין אַ שֶׁהֶחֱיָנוּ זָאל מֶען נִישְׁט מַאכִין נָאר אֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ אִיבֶּער אַלֵי:

(ז) מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ נָאר וֶוען דִיא פֵּרִי אִיז שׁוין גוּט צַייטִיג:

(ח) אַז מֶען טוּהְט אָן אֵיין נַיֶיע מַלְבּוּשׁ אָדֶער מֶען קוֹיפְט אֵיין גְרֵייט מַלְבּוּשׁ (וָואס עֶס אִיז קֵיינְמָאהְל נִישְׁט גִיוֶוען נַיין) אוּן מֶען פְרֵייד זִיךְ דֶער מִיט מַאכְט מֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ:

(ט) עֶס אִיז גְלֵייךְ עֶס אָן צוּ טוּהְן אוּן דֶער פְרִיא. אוּן בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט דִיא בְּרָכָה מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים זָאל מֶען אוּן זוּנֶען הָאבִּין אוֹיף דֶעם מַלְבּוּשׁ אוֹיךְ:

(י) אַז מֶען הָאט נִישְׁט גִימַאכְט דִיא שֶׁהֶחֱיָנוּ בְּשַׁעַת מֶען אִיז גִיגַאנְגִין טְרָאגְן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל זָאל מֶען שׁוין נִישְׁט מַאכִין:

# פֶּרֶק ה דִינִים פוּן בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אוּן בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת:

א בְּפֶּרֶק ד׳ הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבֶּען אִיבֶּער וֶועלְכֵי מַאֲכָלִים מֶען מַאכְט אַ בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת. אוּן אַז מֶען עֶסְט פוּן זַייא אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אַ הַאלְבּ אֵיי אָדֶער מֶער מַאכְט מֶען דֶער נָאךְ דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה עַל הַמִּחְיָה. מֶען אִיז גִיוֵוינְטְלִיךְ תָּמִיד צוּ עֶסִין דִיא מַאֲכָלִים:

ב עֶס אִיז אָבֶּער דָא מֶענְטְשִׁין וָואס וַוייסֶען נִישְׁט פוּן דֶער בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה. זַייא מֵיינֶען אַז זַייא זֶענִין יוֹצֵא מִיט אַ בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת. דֶער דִין אִיז אָבֶּער אַז אוֹיף דִיא זַאכִין אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא מִיט קֵיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת. נָאר מֶען מוּז מַאכִין דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה עַל הַמִּחְיָה. דִיא בְּרָכָה אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר. מֶען דַארְף אוּן אִיהְר שְׁטַארְק גִיוָוארִינְט צוּ זַיין:

ג אוּן וַוייל אוּן דִיא סִידוּרִים שְׁטֵייט זִיא אוֹיס גִימוּשְׁט מִיט עַל הַגֶּפֶן אוּן עַל הָעֵץ. וֶועלְכִים נִישְׁט יֶעדֶערֶער קֶען ווִיסֶען צוּ מַאכִין נָאךְ יֶעדֶער זַאךְ וִויא מֶען דַארְף. דְרִיבֶּער הָאטְשֶׁי מִיר הָאבִּין שׁוין גִישְׁרִיבֶּען בְּפֶּרֶק ד׳ דִיא דִינִים פוּן דִיא בְּרָכוֹת. וֶועלִין מִיר אוּן דֶעם פֶּרֶק וִוידֶער שְׁרַייבִּין בְּקִיצּוּר פוּן דֶער בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ. אוּן דֶעם נוּסַח פוּן דֶער בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה שַׁארְף אַרוֹיס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טוֹעֶה זַיין:

ד אַז מֶען עֶסְט פּוּטֶער קִיכֶען. בּוּטֶעל קִיכֶען. שְׁמַאלְץ קִיכֶען. אֵייל קִיכֶען. אֵייעֶר בֵּייגִיל. אֵייעֶר קִיכֶעל. לֶעקִיךְ. פְלָאדִין. גֶערְשְׁטִינֶע קַאשֶׁע. הָאבֶּער קַאשֶׁע. פֶערִיל גְרוֹיפִּין. לָאקְשִׁין פֶערְפִיל. טֵייגְלִיךְ. אָדֶער אַנְדֶערֵי מַאֲכָלִים פוּן וַוייטְצִין מֶעהְל אָדֶער קָארִין מֶעהְל אָדֶער גֶערְשְׁטִין מֶעהְל. אַז מֶען עֶסְט פוּן זַייא אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אַ הַאלְבּ אֵיי אָדֶער מֶעהְר מַאכְט מֶען דֶער נָאךְ דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם עַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה וְעַל אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה שֶׁרָצִיתָ וְהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ לֶאֱכוֹל מִפִּרְיָהּ וְלִשְׂבּוֹעַ מִטּוּבָהּ. רַחֵם נָא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ וְעַל מִזְבְּחֶךָ וְעַל הֵיכָלֶךָ. וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְהַעֲלֵנוּ לְתוֹכָהּ וְשַׂמְּחֵנוּ בְּבִנְיָנָהּ וְנֹאכַל מִפִּרְיָהּ וְנִשְׂבַּע מִטּוּבָהּ וּנְבָרֶכְךָ עָלֶיהָ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה: (בשבת) וּרְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה. (בראש חודש) וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם רֹאשׁ הַחֹדֶשׁ הַזֶּה. (בראש השנה) וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה. (בפסח) וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה. (בשבועות) וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם חַג הַשָּׁבוּעוֹת הַזֶּה. (בסוכות) וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם חַג הַסֻּכּוֹת הַזֶּה. (בשמיני עצ״ת) וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם

שמיני עצרת החג הזה: כי אתה יי טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ ועל המחיה. ברוך אתה יי על הארץ ועל המחיה (ועל הכלכלה):

ה טייל פוסקים שרייבין מען זאל ניט אויס לאזין ועל הכלכלה. נאר ועל המחיה:

ו אונ די סידורים שטייט צו זאגין יום טוב ושמחנו ביום חג (פלוני) הזה. אבר יי פוסקים שרייבין צו זאגין יום טוב אויך וזכרנו כו'. אזו וויא מיר האבין געשריבין. הה"ב הגאון הקדוש ר' יעקב זלה"ה אונ זיין סידור איז אויך מסכים צו דעם. דריבער קער מען זיך אזו נוהג צו זיין:

ז אז מען טרינקט ווין מיט אמאל אזוי פיהל וויא עס קען אריין אונ צוויא שאהלין פון הינערני אייער מאכט מען דער נאך די ברכה אחרונה:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם על הגפן ועל פרי הגפן ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית והנחלת לאבותינו לאכול מפריה ולשבוע מטובה. רחם נא יי אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך ועל מזבחך ועל היכלך. ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו והעלנו לתוכה ושמחנו בבנינה ונאכל מפריה ונשבע מטובה ונברכך עליה בקדושה ובטהרה: (בשבת) ורצה והחליצנו ביום השבת הזה. (בראש חודש) וזכרנו לטובה ביום ראש החדש הזה. (בראש השנה) וזכרנו לטובה ביום הזכרון הזה. (ביום טוב) וזכרנו לטובה ביום חג (פלוני) הזה. כי אתה יי טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ ועל פרי הגפן. ברוך אתה יי על הארץ ועל פרי הגפן:

ח אז מען עסט צייטיגע ווינטרויבין. ראזינקעס. טייטלין. פייגען. אייל בירטען. מילגראמין. אז מען עסט פון זייא אזוי גרויס וויא א האלב איי אדער מעהר מאכט מען דער נאך די ברכה אחרונה:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם על העץ ועל פרי העץ ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית והנחלת לאבותינו לאכול מפריה ולשבוע מטובה. רחם נא יי אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך ועל מזבחך ועל היכלך. ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו והעלנו לתוכה ושמחנו בבנינה ונאכל מפריה ונשבע מטובה ונברכך עליה בקדושה ובטהרה: (בשבת) ורצה והחליצנו ביום השבת הזה. (בראש חודש) וזכרנו לטובה ביום ראש החדש הזה. (בראש השנה) וזכרנו לטובה ביום הזכרון הזה. (ביום טוב) וזכרנו לטובה ביום חג (פלוני) הזה: כי אתה יי טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ ועל הפרות. ברוך אתה יי על הארץ ועל הפרות:

ט אז מען האט גיגעסין די זאכין וואס מען מאכט נאך זייא על המחיה אונ פירות וואס מען מאכט נאך זייא על העץ אונ גיטרינקען ווין זאל מען ניט מאכין דרייא מאהל די ברכה אחרונה. נאר אונ איין ברכה אחרונה זאל מען זאגין אין אן הייב אלע דרייא שטיקלעך אונ צום סוף אלע דרייא. על הארץ ועל המחיה ועל פרי הגפן ועל הפירות:

י אנדערי מאכלים אונ משקות חוץ די וואס מיר האבין ביז אהער געשריבין. סייא פירות וואס וואקסין אויף ביימער. סייא פירות וואס וואקסין אויף דער ערד. סייא די מאכלים וואס וואקסין ניט פון דער ערד. היינו פלייש. פיש. קעז. אייער. אז מען עסט פון זייא אזו גרויס וויא א האלב איי אדער מעהר מאכט מען דער נאך בורא נפשות:

יא אז מען טרינקט וואסער אדער אנדערי משקות (חוץ וויין) מיט אמאהל אזו פיהל וויא עס קען אריין אונ צווייא שאהלין פון היגערני אייער מאכט מען דער נאך בורא נפשות :

יב אז מען עסט אונ מען טרינקט מאכט מען איין בורא נפשות אויף ביידע :

יג אז מען טרינקט הייסע קאווע אדער הייסע טייא מאכט מען גישט קיין בורא נפשות · ווייל מען טרונקט נישט מיט אמאהל אזו פיהל וויא מיר שרייבין :

יד אז מען עסט וואלגע וועלכים מען ריהט זיך אפ דער צישען אונ עס גידארט לאנג איידער מען עסט אויף אזו גרוים וויא א האלב איי · איז אז עס האט נישט מעהר גידארט נאר וויא מען קען אויף עסין דרייא אייער דארפין צו מאכין דער נאך א בורא נפשות · אבער אז דער כזית האט מעהר גידארט וויא מען קען אויף עסין דרייא אייער זאל מען נישט מאכין קיין בורא נפשות · דער איינגער דין איז אויך ביי די זאכין וואס מען מאכט נאך זייא די ברכה אחרונה וואס מיר האבין אובען גישריבין :

טו חאטשי מען טאר נישט עסין אפילו א קליין שטיקעל צאטין מען מאכט דארויף זיין ברכה · אבער די ברכה אחרונה אונ א בורא נפשות מאכט מען נישט צאטין מען עסט אזו גרוים וויא א האלב איי באופן וויא מיר האבין גישריבין :

טז מען דארף גיווארינט צו זיין אז תיכף נאך דעם עסין אדער נאך דעם טרינקען זאל מען מאכין די ברכה אחרונה אדער דעם בורא נפשות · אונ נישט צו פארגעסין ער אוועק גיין דער צישען :

## (יום ז) פרק ו דינים אז מען דארף צו מאכין די ברכה וואלגע אונ מען דארף אונ זאגען האבין די טייטש · אונ נאך דינים פון ברכות :

א בשעת מען מאכט א ברכה זאל מען אונ זאגען האבין די טייטש פון דער ברכה · אז מען האט אונ זאגען די טייטש מאכט מען די ברכה וויא עס קער צו זיין :

ב דען דער עיקר האט מען אונז גיהייסען מאכין די ברכות מיר זאלין מיט יעדערי ברכה לויבן דעם אייבערשטין · טייל ברכות זענין צו לויבען איהם וואס ער העלפט אונז מיט די זאכין · טייל ברכות זענין צו לויבן איהם וואס ער האט באשאפין די זאכין · טייל ברכות זענין צו לויבן איהם וואס ער האט אונז גיבאטען זיינע מצות וואס מיר וועלין דורך זייא בלייבין ביא דעם רעכטין גוטין · בדארף מיר איהם צו לויבן אויף יעדערי מצוה מיט איהר ברכה :

ג איבער דעם מוז מען שטארק גיווארינט זיין בשעת מען מאכט א ברכה *) אונ זאגען צו האבין די טייטש · דער וואס פאר שטייט נישט די טייטש זאל פרעגין דעם וואס פאר שטייט :

ד אז מען האט גימאכט א ברכה אונ מען האט נישט אונ זאגען גיהאט די טייטש טארין נישט צו נדערט מאכין נאך אמאל די ברכה · דען מען טאר נישט מאכין צווייא מאהל דורך אנאנדר איין ברכה :

ה מען טאר נישט טוהן קיין שום זאך בשעת מען מאכט די ברכה :

ו מען קער זיך גיוויינען צו מאכין די ברכה א ביסעל הויך · דען דורך דעם וועט מען נעכיר אונ זאגען האבין די טייטש :

מען

*) בספר חסידים ובספר ראשית חכמה שרייבין א מעשה · עס איז איינער גקומען א צייט נאך זיין טויט אונ חלום צו זיינם א קרוב אונ האט איהם דער ציילט אז מען שטראפט איהם אלע טאג פאר וואס ער האט נישט אונ זאגען גיהאט בשעת ער האט גימאכט

ז מֶען דַארְף גְוָואלִינְט צוּ זַיין בְּשַׁעַת מֶען דַאוִוינְט אָדֶער מֶען זָאגְט וָועלְכֵי בְּרָכָה צוּא זָאגִין וָואלְטֶע דִיא וָוערְטֶער . אוּנ נִישְׁט גֶעךְ . דֶען מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ זָאגִין *) יֶעדֶער וָוארְט שַׁארְף אַרוֹיס מִיט דִיא נְקוּדוֹת . אוּנ נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען קֵיין שׁוּם אוֹת :

ח יֶעדֶער וָוארְט וָוס לָאוְט זִיךְ אוֹים מִיט אַזֶא אוֹת וִוי דָאס אַנְדֶערִי וָוארְט הֵייבְּט זִיךְ אָן . הַיְינוּ בַּייא קְרִיאַת שְׁמַע בְּכָל לְבָבְךָ . עַל לְבַבְכֶם . בַּייא דֶער הַמּוֹצִיא . לֶחֶם מִן . אוּנ נָאךְ אַזֶא שְׁטֵיינֶער . דַארְפִין עֶטְוָואס צוּ וַוארְטִין צְוִוישֶׁען אַיין וָוארְט אוּנ צְוִוישֶׁען אַנְדֶערִין . מֶען זָאל נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען אַיין אוֹת פוּן זַייא :

ט עֶס אִיז נָאךְ דָא דִקְדוּקִים פוּן דִיא וָוערְטֶער וָואס מֶען דַארְף גְוָואלִינְט צוּ זַיין . דֶער כְּלַל אִיז מֶען זָאל תָּמִיד זָאגִין וָואלְגֶע דִיא וָוערְטֶער אַזוֹי וִויא זַייא שְׁטֵייעֶן מִיט דִיא נְקוּדוֹת מֶען זָאל גָאר נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען :

י מֶען טָאר נִישְׁט מַאכִין אַבְּרָכָה וָוען מֶען דַארְף נִישְׁט :

יא מֶען דַארְף גְוָואלִינְט צוּ זַיין בְּשַׁעַת מֶען דַאוִוינְט אָדֶר מֶען זָאגְט וָועלְכֵי בְּרָכָה אָדֶער מֶען זָאגְט אַנְדֶערִי הַיילִיגֶע וָוערְטֶער דָאס אָרְט זָאל זַיין רֵיין . אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גֶישְׁרִיבִּין בְּסֵפֶר דִּבְרֵי תּוֹרָה סִימָן ב אַלֶע דִינִים פוּן דֶעם . זֶעה אַיין דָארְט :

אז

---

גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה אָדֶער בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דִיא טַייטְשׁ פוּן דִיא וָוערְטֶער :

*) בְּסֵפֶר שֵׁם יַעֲקֹב שְׁרַייבְּט אַ מַעֲשֶׂה . עֶס אִיז אַמָאהְל אַ גְרוֹסֶער צַדִּיק גֶיקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין חָבֵר וָואס הָאט נָאךְ גִילֶעבְּט אוּנ הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט אַז נָאךְ זַיין פְּטִירָה הָאט מֶען אִיהְם גֶיוִויזֶען בבי״ד שֶׁל מַעְלָה אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים . הָאט עֶר זִיךְ גֶיפְרֵייד אוּנ הָאט גִילוֹבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטִין וָואס הָאט אִיהְם גֶיפִירְט אִין גוּטֶען וֶועג . דֶער נָאךְ הָאט מֶען אִיהְם גֶיהַייסִין זִיךְ אוּם קוּקֶען הָאט עֶר גֶיזֶעהְן זַייעֶר אַ סַךְ אַזוֹי וִויא פַייגִיל פְלִיעֶן אוּנ דֶער הֵייךְ . אַזוֹי פִּיהְל וִויא דִיא שְׁטֶערִין פוּן הִימֶעל . הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר דֶער שְׁרָאקִין . אוּנ הָאט גִיפְרֶעגְט וָואס אִיז דָאס . הָאט מֶען אִיהְם גִיזָאגְט אַז דָאס אִיז דִיא נְקוּדוֹת אוּנ דִיא אוֹתִיוֹת וָואס דִיא הָאסְט פַאר פֶעלְט בַּייא דֶעם דַאוִוינֶען . וָועלְכִים דִיא הָאסְט טֵייל מָאהְל נִישְׁט אַרוֹיס גִיזָאגְט שַׁארְף דָאס וָוארְט מִיט זַיין נְקוּדָה אָדֶער דִיא הָאסְט טֵייל מָאהְל גִיזָאגְט צְוַוייא וָוערְטֶער בְּנַאנְד אוּנ הָאסְט דֶער צְוִוישֶׁען פַאר פֶעלְט אַיין אוֹת . דִיא אַלֶע אוֹתִיוֹת מִיט נְקוּדוֹת וָואס דִיא הָאסְט פַאר פֶעלְט צַייט דִיא הָאסְט גִילֶעבְּט זֶענִין אַלֶע מְקַטְרֵג אוֹיף דִיר פַאר וָואס דִיא הָאסְט זַייא פַאר פֶעלְט אוּנ פַאר שֶׁעמְט . הָאט מֶען גִיפַּסְקֶנְט בבי״ד שֶׁל מַעְלָה עֶר זָאל נָאךְ אַמָאל מְגוּלְגָל וָוערִין אֶפְשַׁר וָועט עֶר דָאס פַארְעֶכְטִין . אוּנ וָוען נִישְׁט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואלְט עֶר גִיהַאט זַייעֶר אַ שְׁלֶעכְטִין פְּסַק פַאר דֶעם . אוּנ אַז דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם צַדִּיק הָאבִּין דָאס דֶער הֶערְט הָאבִּין זַייא זִיךְ שׁוֹין גִיוַוינְט צוּ דַאוִוינֶען גָאר וָואהְנֶע . אוּנ יֶעדֶער וָוארְט שַׁארְף אַרוֹיס צוּ זָאגִין מִיט דִיא נְקוּדוֹת . אוּנ נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען קֵיין שׁוּם אוֹת . אוּנ זַייעֶר תְּפִלָּה אִיז אָן גֶינוּמֶען גְוָוארִין . אוּנ עֶס הָאט זִיךְ זַייא נִישְׁט גֶיטְרָאפִין קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶץ ח״ו :

נָאךְ שְׁרַייבִּין אוּנְזֶערִי חֲכָמִים אַז דֶער הַיילִיגֶער מַלְאָךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ז״ל הָאט גִיזָאגְט אַז דוּרְךְ דֶעם גִידָארְט דָאס גָלוּת אַזוֹי לַאנְג וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט גִיוָואלִינְט בְּשַׁעַת דֶעם דַאוִוינֶען צוּ זָאגִין שַׁארְף אַרוֹיס דִיא וָוערְטֶער מִיט דִיא אוֹתִיוֹת אוּנ נְקוּדוֹת . מֶען זָאל גָאר נִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען . אִיבֶּער דֶעם דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ בַּארֶעכִינֶען אוּנ גְוַוינֶען זִיךְ בְּשַׁעַת עֶר דַאוִוינְט אָדֶר בְּשַׁעַת עֶר בֶּענְטְשְׁט . אָדֶער בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט וָועלְכֵי בְּרָכָה . אָדֶער וָועלְכִים הַיילִיג וָוארְט . זָאל עֶר אַלֶץ זָאגִין וָואלְגֶע אוּנ שַׁארְף אַרוֹיס דִיא וָוערְטֶער מִיט דִיא נְקוּדוֹת . אוּנ גָאר נִישְׁט פַאר פֶעלִין . וָועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיהְם הֶעלְפִין מִיט אַלְדִים גוּטֶץ :

יב אז מען רעכט זיך איין דעם שיך מיט דעם וואס מען טאר נישט זאגן דער בייא קיין הייליג ווארט · טארין נישט זאגין קיין שום הייליג ווארט · ביז מען ווישט איהם גוט אפ :

יג טייל מענטשין מיינען אז זייא זענין יוצא מיט דעם וואס זייא ווישען איהם אפ אונ דעם אזין וואס איז פאר דעם הויז . טוהן זייא נישט רעכט · נאר מען דארף אויס צו טוהן דעם שיך אונ גוט אפ ווישען דיא פאדעשווע אונ דא וויא עס איז צו נאנד גיקנייטשט עס זאל אויף יעדערין ארט זיין גוט ריין :

יד קיינין איין אהפען לייב פון א נקיבה דארט וויא דער שטיינער איז צו גיין צו גידעקט טארין נישט זאגין קיין הייליגע ווערטער . אפילו מען האלט צו דיא אויגין · צאמין ער דרייט זיך אוועק מיט דעם פנים אונ מיט דעם גאנצין גוף פון איהר :

טו איבער דעם דארפין גיווארינט צו זיין נישט צו זאגין קיין הייליגע ווערטער בשעת סען איז קיינין דער אשה וואס זייגט אן דאס קינד . אונ האלט אויף גידעקט דיא בריסט · אפילו זיא איז זיין ווייב טאר ער אויך נישט זאגין אקיינען איר הייליגע ווערטער · צאמען ער דרייט זיך איבער מיט דעם פנים אזוי וויא מיר האבין גישריבין :

# הלק ב (יום ח) פרק ז הלכות שבת

א שבת קודש איז דער זייבין וואס גאט ברוך הוא האט אונז גיגעבין מיר זאלין וויסען אז אין זעקס טאג האט גאט ברוך הוא בשאפין דיא וועלט אונ האט גירועט דעם זיבעטין טאג :

ב דער וואס היט שבת וויא עס קער צו זיין איז אזוי גוט גלייך ער איז מקיים דיא גאנצי תורה :

ג מען איז מחויב פראטיג גאר גאכט אן צו צינדען דיא לעכט צום ווייניגסטען א האלבי שעה פאר נאכט · אונ פון דעמאלט אן זאל מען שוין נישט טוהן קיין שום מלאכה :

ד מען קער אבער מחמיר צו זיין אונ טוהן אזוי וויא דיא פוסקים וואס שרייבין אז מען דארף צו צינדען לעכט ווען דיא זון שיינט נאך אביסעל · אונ עטוואס איידער זיא גייט אונטער זאל מען שוין נישט טוהן קיין שום מלאכה :

ה מען דארף צו האבין גוטע לעכט אויף שבת · דער וואס איז גיווארינט אונ דער מצוה איז זוכה צו האבין גוטע קונדער־דאריבער זאל דיא אשה בעטין בשעת זיא בענטשט לעכט זיא זאל האבין זוהן וואס זאלען לייכטין אין דער תורה :

ו דיא ווייבער זענין זיך נוהג אז זייא וואשין זיך אפ אונ טוהן אן שיינע מלבושים לעכט צו צינדען דאס איז גאנץ גוט · אבער אז דיא אשה פאר שפעטיגט זיך מיילמאהל אונ עס איז שוין נישט נאר עפיס מעהר וויא א האלבי שעה צו נאכט . זאל זיא נישט טוהן קיין שום זאך נאר זיא זאל שוין צינדען לעכט וויא אזוי זיא גייט אן גיטוהן זיא זאל נישט ח״ו מחלל שבת זיין :

ז אויך זאל מען נישט קוקען אויף דעם וואס איז נאך ערגיץ אנדערש נישט גיצונדען קיין לעכט . רעסט גלייכין אונ אנדערי מצות זאל מען אויך נישט קוקען אויף אנדערי · נאר מען זאל טוהן אזוי וויא דער דין איז . אזוי וויא מיר שרייבין :

ח אז מען עסט שבת אונ דער זאך פערפיל מיט בונען אונ איינער וויל נישט עסין דיא בונען טאר ער נישט ארויס נעמין דיא בונען אוועק צו לייגין . נאר ער דארף ארויס צו נעמין דיא פערפיל אונ עסין זייא . דיא בונען זאלין ממילא בלייבין ליגען :

ט רעכט גלייכין אז ער וויל עסין דיא בונען אונ נישט דיא פערפיל דארף ער ארויס צו נעמין דיא בונען אונ עסין זייא · אבער נישט דיא פערפיל אוועק לייגין :

י דען דאס איז אבלל · אז מען דארף שבת ארויס צו נעמען דאס מין וואס מען וויל עסען פון דעם אנדערין. אבער נישט פאר קערט · דער וואס איז נישט געווארינט אין דעם· האט א גרויסע עבירה :

יא דעסט גלייכין אז איינער האט צוויא מינים פיש אונ וויל ארויס נעמען איין מין דארף ער דוקא ארויס צו נעמען דאס מין וואס ער וויל צינדערט עסין · אבר נישט פאר קערט · אזוי איז דער דין שבת. ביא אלע זאכין :

יב אז עס ליגען עטליכע מיני כלים אונ מען וויל צינדערט ניטצען מיט איינע· טארין נישט ארויס נעמען א כלי אונ אוועק לייגין אויף שפעטער · נאר מען דארף ארויס נעמען דיא כלי וואס מען וויל צינדערט ניטצען · אזוי וויא מיר האבין פריער געשריבען ביא עסין ווארג :

יג אז מען עסט שבת חלה אדער מצה מיט הייסע יאך זאל מען אריין גיסען דיא יאך אונ א שיסעל אריין · אונ פון דער שיסעל אין איין אנדער שיסעלי אריין. דענמאלט וועט מען הערשט מעגין איין בראקין דיא חלה אדער מצה אונ דער יאך · אבער אז מען טוהט נישט אזוי וויא מיר שרייבין· זאל מען זייא ניט אריין לייגין אונ דער יאך אריין אויב דיא יאך איז הייס :

יד ווער שמיסט אויף גיסען ווארימי יאך אויף חלה אדער מצה. טארין בוודאי נישט אום שבת :

טו אז מען געפינט שבת א פליג אדר אנאנדערי פאסגידנע זאך אונ עסין אדער אין משקה. טארין נישט ארויס נעמען דיא זאך אליין · אויך טארין נישט בלאזין דארויף עס זאל ארויס · נאר מען דארף אן צו נעמין אביסעל עסין בנאנט מיט דער זאך אונ אוועק ווארפין · ביא משקה דארפין אפ צו גיסען אביסל משקה בנאנט מיט דער פאסגידנע זאך :

טז פירות וואס איז דא צווישען זייא ווערמיגע אדער פאר שימעלטי אדער בלעטליך טארין נישט ארויס נעמען זייא אונ אוועק ווארפין · נאר מען זאל ארויס נעמען דיא גוטע פירות אונ עסין :

יז אפילו דיא גוטע ארויס נעמין מעגין נאר אז מען וויל זייא באלד עסין· אבער נישט אוועק צו לייגין אויף אביסעל שפעטיר :

יח אויך טארין נישט זיפען שבת דורך קיין שום כלי :

יט דעסט גלייכין פירות וואס זענין אראפ געפאלין אויף דער ערד אונ זענין אויס געמושט געווארין מיט ערד אדער מיט שטיינדליך. טארין נישט ארויס נעמין קיין שטיינדליך אדער ערד פון זייא · נאר מען זאל אויף קלאבען דיא פירות מיט דער האנט באלד צוא עסין :

כ אויך טארין נישט אריין קלאבען זייא אונ א קויבער אריין · נאר מען זאל אויף קלאבען איינציג ווייס אין עסין :

כא אז מען עסט שבת ניס. דארפין געווארינט צו זיין אז נאך דעם אראפ נעמען דיא שאהל פון זייא זאל מען דיא שאהל שוין נישט נעמין אונ דער האנט אריין :

כב סייא דיא שאהלין ליגען בזונדער · סייא עס ליגט שטיקלעך שאהלין צווישען דיא ניס טארין נישט ארויס נעמין דיא שאהלין · נאר מע זאל ארויס נעמין דיא ניס . אונ דיא שאהלין זאלין בלייבין ליגען :

כג מען דארף געווארינט צו זיין אונ דעם פים אונ זאהרען וואס מען עסט שבת וועלכים דער מנהג איז אריין צו טוהן קנאבעל · זאל מען דיא איבערשטי שאהל פון הייבטיל קנאביל אפ שיילען פראטיג · דען שבת טארין נישט זיא אפ שיילען אויף קיין שום פאל :

כד אונ דיא קליינע שאהל וואס איז אויף יעדערין ציינדיל טארין ניט אפ שיילין שבת

נאר

נאר ווען מען וויל עס באלד עסין :
כה דען מען טאר נישט שבת אפ שיילען קיין שום פרי נאר ווען מען וויל זיא שוין עסין :
כו אויך טארין נישט צו רייבין דעם קנאביל נאר מיט דער שטיל פון מעסיר . עס זאל
זיין שטארק אנדערש וויא מען צו רייבט אונ דער וואכין :
כז אויך טארין נישט אן רייבין דעם קנאבעל אויף דעם פלייש ווען עס איז נאך הייס :
כח אויך טארין נישט גיסען אויף איהם קיין ווארימי יוך :
כט וועד שמיסט אז מען טאר גישט אים אריין טוהן אונ טעפיל ווען דאס עסין איז
נאך ווארים :
ל מען דארף שטארק גיווארינט צו זיין אונ דיא זאכין וואס מיר שרייבין . דען וועלכים
מען טוהט איז אזוי גוט גלייך מען צינט אן שבת א לעכט ח״ו :
לא מען טאר נישט שבת אן הייבין צו שיילען אונ צו שניידין דיא ציבעלים אדער דעם
רעטיך נאר ווען מען קומט פון שיל ווען מען גייט שוין עסין :
לב אויך דארפין גיווארינט צו זיין נישט צו מאכין דיא ציבעלים זייא זאלין זיין בנאנד
וויא איין שטיק . אונ וועד שמיסט מען זאל נישט פאר גלעטין . נאר מען זאל זייא
לאזין נאך דעם צו שניידין אזוי וויא זייא זענין :
לג דעסט גלייכין אז מען מאכט ציבעלים מיט מילעך פון הערינג דארפין אויך גיווארינט
צוא זיין אונ דעם אלימע :
לד אזוי גיקעכטץ אדער קאווע אדער טייא וואס איז נאך נישט אונ גאנצין פארטיג טארין
נישט צוריק שטעלין אונ אובען אריין אדער אויף דעם קומען אדער אונ אייווילע
אריין אונ נישט אויף קיין שום ארט וויא עס קען זיך דער ווארימען :
לה א גיקעכץ אדער טייא אדער קאווע וואס איז שוין קאלט . טארין אויך נישט אריין שטעלין
אויף דיא ערטער וואס מיר האבין גישריבען :
לו א גיקעכץ אדער קאווע אדער טייא וואס איז שוין אונ גאנצין פארטיג אונ עס איז נאך
אביסעל ווארים וועלכים מען קען עס עסין אדער טרינקען דורך דעם ווארימקייט מעג
מען צוריק שטעלין באופן וויא מיר וועלין שרייבין :
לז היינו אין אובען אריין מעגין צוריק שטעלין שבת אונ דער פריא אדער ביי טאג וואס
דיא קולין זענין שוין אויס גיגאנגין . אונ אויך נאר אז עס איז נישט הייס אונ אובען :
לח אויף דעם קומען ארויף מעג מען נאר צוריק שטעלין אז דער קומען איז אפ גישארט
פון דיא קולען . אדער זייא זענין שוין אויס גיגאנגין :
לט אז מען שטעלט צוריק אויף דער ענגלישע קעך אדער מען שטעלט אריין אונ דעם
אייווילע וואס איז איבער דער גריבע דארפין עפים אונטער צוא שטעלין אונטער דעם
טעפיל אדער אונטער דעם טעליר .
מ אז מען שטעלט צוריק פלייש אדער אנאנדער גיקעכץ אויף דיא ערטער וואס מען מעג
צוריק שטעלין . זאל עס נישט זיין טריקען אויב עס איז מיגלעך . נאר מיט ווארימע יוך .
דען טייל פוסקים שרייבין אז מען טאר נישט צוריק שטעלין קיין טריקען גיקעכץ וויא עס קען
הייס ווערין :
מא אויך דארף מען וויסען אז דאס וואס מיר שרייבין אלץ דאס ווארט צוריק שטעלין
מיינט מען אז מען האט דאס גיקעכץ שבת ארא פ גינומען . דערנאכט מעגין צוריק
שטעלין אויף דיא אופנים וואס מיר האבין גישריבען :
מב אלדינג וואס א יוד טאר נישט טוהן טאר ער נישט הייסען א גוי טוהן . נאר ווינטער
אז עס איז שבת גוט קאלט וועלכים מען מעג הייסען א גוי איין הייצען איבער דער
קעלט . מעגין זאגין דעם גוי אז איידער ער צינט אונטער אונ גריבע זאל ער אריין שטעלין

און אייזערנע אדער אוף דער ענגלישע קעך טייא אדער א גיקעכץ אפילו עס איז קאלט און דער נאך אז ער וועט אונטער הייצן דיא גריבע וועט דאס אליין דער ווארימט ווערן :

מג אבער אז ער האט שוין אונטער גיצונדן און גריבע. טארין גישט לאזין איהם ארויף שטעלין :

מד וועט שמיסט אז ער הייצט נאר כדי ער זאל קענין דער ווארימען דאס גיקעכץ אדער דיא טייא. טארין נישט לאזין איהם ארויף שטעלין אפילו איידער ער צינד אונטער :

מה דער יוד אליין טאר נישט ארויף שטעלין א קאלט גיקעכץ אדער קאלטע טייא אפילו איידער מען צינד אונטער :

מו מען טאר נישט לייגין קיין פירות אדער ארויף שטעלין וואסער אויף אזוי אורט וויא זייא קענין זיך דער ווארימען · אפילו מען וויל נאר זייא זאלין אויף גיין פון דער קעלט :

מז מען טאר נישט שבת אריין לייגין פעפיר און א ווארים עסין ווען דאס עסין ליגט נאך און דעם טעפיל וואס עס איז דרונען גיקאכט גיווארין :

מח אז דאס עסין ליגט שוין און שיסעלי. מעגין אריין טוהן פעפיר · נאר מען זאל גיווארנט זיין נישט אויף צו גיסען אויף אים דיין ווארימס פון טעפיל · דיא איינגע דינים גייען אויך אן ביא אנדערי בשמים :

מט דעסט גלייכין בלעטליך פון טייא טארין אויך נישט אריין לייגען און ווארים וואסער · און ניצט אויף גיסען אויף זייא קיין ווארים וואסער :

נ אז מען האט ווארים וואסער און דער כלי וואס עס איז דרונען דער ווארומט גיווארין טארין נישט צו גיסען דער צו אביסעל קאלט וואסער :

נא אבער אז דאס ווארומע וואסער איז שוין און איין אנדערי כלי מעגין צו גיסען קאלט וואסער· נאר נישט אריין שטעלין און איינווייניגע אריין אדער וויא עס קען זיך דער ווארימען :

נב דיא איינגע דינים זענין ביא ווארומע טייא אודער קאווע אדער יוך :

(יום ט) נג מען טאר נישט שבת אפ רייסין פירות פון דער ערד אדער פון בוים :

נד אויך טארין נישט שאקלען דעם בוים דיא פירות זאלין אראפ פאלין · אויך טארין נישט אפ בייסין דיא פירות מיט דעם מויל :

נה פירות וואס זענין שבת אראפ גיפאלין פון בוים אדער אפ גריסען גיווארין. טארין נישט עסין זייא דעם איינגעם שבת. און נישט נעמין און דער האנט אריין :

נו איבער דעם זאל מען נישט נעמין שבת פון די פירות וואס מען גיפינט אונטערין בוים. טאמער זענין זייא היינט אראפ גיפאלין פון בוים :

נז דעסט גלייכין פירות פון אגוי וואס עס איז צו קלערין טאמער האט ער זייא היינט אפ גרוסין טארין נישט עסין זייא · און נישט נעמין און דער האנט אריין אום שבת :

נח מען טאר נישט וואשין קיין קלייד אדער גרעט אום שבת. דעסט גלייכין אז עס פאר נעצט זיך און וואסער אדער און שתנה. טארין עס נישט אויס קוועטשין :

נט א קלייד אדער גרעט וואס עס איז דרויף דא א פלעק אדער צואה. טארין נישט אויף דעם אורט ארויף גיסען קיין וואסער אדער אנדערי משקה. אפילו מען קוועטשט ניט אויס · מען דארף און דיא זאכין שטארק גיווארנט צו זיין . דאס איז גרויסי עבירות :

ס נאר מען זאל אפ ווישען דא וויא עס איז איין גירעכט מיט א שמאטע.מען זאל גיווארנט זיין צו ווישען גרינג · און ניט שווער . מען זאל נישט אויס קוועטשין דאס פאסניקטווע וואס איז אין גיזאפט :

סא אפילו אויף אזא קלייד אדער גרעט וואס איז נישט דא קיין פלעק זאל מען אויך נישט גיסען קיין וואסער . אבער אפ ווישען זיך נאך דעם וואשין מעגין מיט דעם

אָרט וויא עס איז נישט דאָ קיין פלעק :

סב וואַסער אָדער משקה וואָס איז דאָ דרונען וועריס אָדער בלאָטע טאָר מען נישט זייען עס אום שבת :

סג אַז מען איז שטאַרק דאָרשטי׳ מעגין עס טרונקען דורך אַ פּאַרטושעלע אָדער דורך אַנדער געוועט . נאָר מען זאָל אַכטינג געבין עס זאָל אויף דעם אָרט נישט זיין קיין פלעק :

סד דורך דעם אַרביל פון העמד וואָס מען גייט דרונען זאָל מען נישט טרונקען דען אַז עס וועט אים זיין נאַס דער נאָך · קען זיין אַז ער וועט אויס קוועטשין :

סה אַז עס איז פאַר נאַסין גיוואָרין וואַסער אָדער אַנדערי משקים אויף דעם טישטעך אָדער אויף גרעט טאָר מען נישט אָפּ שעפּין מיט אַ לעפיל חאָטשי מען וויל עס אַוועק גיסען :

סו אויך טאָרין נישט אָפּ קראַצין מיט אַ מעסער דאָס וואַסער אָדער דיא משקים אויך טאָרין נישט דיא זאַך אויס קלאַפּין :

סז אַז עס איז פאַר נאַסין גיוואָרין וואַסער אויף דעם טיש אָדער אויף אַ באַנק טאָרין נישט אָפּ ווישען זייא מיט אַ קלייד אָדער גרעט וואָס מען איז מקפיד עס זאָל נישט זיין פאַר נעצט · נאָר מען זאָל זייא אָפּ ווישען מיט אַזאַ שמאַטע וואָס מען איז נישט מקפיד אַז זיא איז פאַר נעצט :

סח אויך זאָל נישט זיין קיין פלעק אויף דעם אָרט פון דער שמאַטע וואָס מען ווישט אָפּ דער מיט · אַז עס איז שוואַרץ פון גיטצען הייסט נישט קיין פלעק :

סט אַ בעכעריל אָדער אַ גלעזיל וואָס עס איז דרינען גיוועזען וואַסער אָדער משקה טאָרין נישט ניט אויס ווישען · אפילו מיט אַ שמאַטע :

ע מען טאָר נישט שבת פאַר שטאָפּען מיט אַ נאַס טיכעל אָדער מיט נאַס פּאַפּיר אַ פלעשיל וואָס איז דרינען דאָ משקים · וואָרען דורך דעם פאַר שטאָפּען וועט זיך אויס קוועטשין דיא משקה וואָס איז דרינען איין גיזאַפּט אונ פלעשיל אַריין :

עא מען טאָר נישט שבת אָפּ קראַצין דעם שיך אָדער אַנדערי פעהל מיט דעם נאָגיל אָדער מיט אַ מעסיר · אפילו מיט דער אַנדערי זייט פון מעסיר · טאָרין אויך נישט :

עב איבער דעם טאָרין נישט שבת אָפּ ווישען דעם שיך אונ דעם אייזין וואָס איז פאַר דעם הויז · אויב עס איז אַזוי שאַרף חאָטש וויא דיא אַנדערי זייט פון מעסיר :

עג אַז מען רעכט זיך איין דעם שיך אָדער דעם שטיוועל· מעגין איהם שבת אָפּ ווישען מיט אַ שמאַטע אָדער אונ אַ בעליק :

עד מען טאָר נישט שבת מאַכין אַ קניפּ אַז בענדליך אָדער אונ אַנדערי זאַכין. נאָר אַ שלייף מעגין מאַכין אונ אַזאַ נאָך וואָס איז דער שטייגער דעם איינגעם טאָג בנאַכט אויף צו שלייפין· אָבער נישט אויף עטליכע טעג :

עה מען טאָר נישט אויף קניפּען אַ קניפּ אום שבת . נאָר אַז מען איז זיך שטאַרק מצער וואָס עס איז פאַר קניפּט.מעג מען אויף קניפּען אַזאַ קניפּ וואָס איז דער שטייגער דעם איינגעם טאָג איהם אויף צו קניפּען :

עו אַזאַ שלייף וואָס איז מען זאָל איהם דעם טאָג אויף שלייפין מעגין שבת איהם אויף שלייפען · אָבער אַזאַ שלייף וואָס איז נישט דער שטייגער מען זאָל איהם דעם איינגעם טאָג בנאַכט אויף שלייפען· טאָרין נישט שבת אויף שלייפין · אַז מען דאַרף נייטיג מעגין הייסען אַ גוי אויף שלייפען :

עז דיא פעדים וואָס דיא שניידערס סטריגעווין אָן דיא מלבושים מיט דער פּאָטשעווקי איידער זייא מאַכין פאַרטיג דאָס מלבוש. טאָרין נישט דיא פעדים אַרויס ציהען אום שבת :

עח אַ מלבוש וואָס דיא נאָט האָט זיך צו שייד. טאָרין נישט שבת אָן נעמין ביידע עק פון פאָדים אונ צו ציהען דיא נאָט :

עט מען טאר נישט שבת אַראָפּ נעמען אַ טיהר אָדער אַ פענצטער · אויך טאָרין נישט זייא צוריק אַרויף זעצין :

פ מען טאר נישט שבת גיסען וואַסער אָדער משקה אויף גראָז אָדער וויא עס איז גיזייעט :

פא מען טאר נישט פלעכטין אָדער אויף פלעכטין דיא האָר אום שבת · אויך טאָרין נישט קעמין דיא האָר אום שבת :

פב אַז מען וואַשט אָפּ שבת כלים וואָס זענין פאַר פעצט · טאָרין נישט גיסען אויף זייא וואַרים וואַסער · נאָר מען זאָל פריער אַריין גיסען דאָס וואַסער אונ אַ כלי אַריין · דער נאָך זאָל מען אַריין לייגין דיא כלים :

פג מען טאר נישט שבת אָפּ וואַשין נאָר דיא כלים וואָס מען דאַרף דעם שבת צו עסין אָדער טרינקען אונ זייא :

פד מען טאר נישט אָן גרייטען קיין שום זאַך פון שבת אויף אונ דער וואָכין · היינו צו בעטין דאָס בעט שבת אויף מוצאי שבת · אָדער ברענגין וואַסער אָדער ויין אויף מוצאי שבת אונ נאָך אַזאַ שטייגער טאָרין אַלץ נישט :

פה אַז אַ בהמה אָדער אַ חיה אָדער איין עוף אַנטלופין · טאָרין עס נישט כאַפּין אום שבת :

פו מען דאַרף צו וואָרינען דיא ווייבער זייא זאָלין נישט כאַפּין שבת איין עוף וואָס אַנטלויפט · דען דאָס איז אַזאַ גרויסי עבירה גלייך מען צונד אָן שבת אַ לעכט ח״ו :

פז זייא דאַרפין זיך צו באַרעכינען אַז דער שבת קאָסט זייא אַסאַך מעהר וויא דאָס עוף · אונ פאַר וואָס זאָלין זייא אַזוי שטאַרק מחלל שבת זיין דורך דיא פאַר גילדען וואָס דאָס עוף איז ווערט :

פח דער אייבערשטער וואָס גוט אונז אויף שבת וועט בודאי אונז גוט אָפּ געבין פאַר דעם עוף אָדער פאַר דער בהמה וואָס אַנטלויפט שבת אונ מיר כאַפּען עס נישט ווייל אונז ווילען מקיים זיין זיינע מצות צו דינען איהם וואָס דאָס איז אונזער גאַנץ לעבין :

פט דיא בהמות וואָס זענין גיוואוינט מיט דעם מענטש אונ זייא דרייען זיך צווישען אַרום אונ דראַסען אונ מען האָט מורא מאַמר ווערט מען זייא אַוועק גנבענין מעג מען זייא אַריין טראַבין אונ הויז אַריין אויב זייא אַנטלויפין נישט :

צ נאָר מען זאָל נישט נעמין זייא אונ דער האַנט אַריין · דען מען טאר נישט שבת נעמין אונ דער האַנט אַריין קיין שום בהמה אָדער אַ חיה · אָדער איין עוף · אפילו אונ שטיב :

צא מען טאר נישט שבת לאָזין בלייט פון קיין שום לעבעדיקע זאַך :

צב אויך טאר מען נישט מאַכין קיין באַהל אונ אַ מענטש אָדער אונ אַ בהמה אָדער אונ אַ חיה אָדער אונ איין עוף אָדער אונ איין עכבר אָדער אונ אַנדערי שרצים אַזייא שטייגער :

(יום י׳) צג טייל מענטשין נעמין שבת אַ שטיקעל האָלץ ווערכים עס איז נישט קיין כלי אונ פאַר שטעקין דער מיט דיא טיהר אָדער עפּים אַנדערש · דאַרפין זייא צו וויסען אַז דאָס איז איין עבירה · דען העלצער אָדער שטיינער ווערכים זייא האָבין נישט אויף זיך קיין נאָמין פון אַ כלי · טאר מען זייא גאָר נישט נעמין שבת אונ דער האַנט אַריין :

צד יעדער זאַך וואָס איז נישט קיין כלי צו ניטצען דער מיט דהיינו · האָלץ · פעהל · בהמות · חיות · עופות · אַנדערי לעבעדיגע זאַכין · געלט · שאָהלין פון ניס · אָדער פון אייער · אָדער האַרטע ביינער וואָס אפילו אַ הינט קען נישט זייא עסין · טידען אָדער פענצטער פון דיא הייזער וואָס זענין אַראָפּ גינומען גיוואָרין פון זייא · שטיקלעך פון צו בראָכעני כלים וואָס מען האָט פרייטיג אַוועק גיוואָרפין אויף דעם מיסט · אָדער זייא טויגען שוין נישט צו ניצען מיט זייא · רויע עסין וואָרג וואָס מען דאַרף עס צוא קאָכען פון מענטשין ווענין אונ עס איז נישט דער שטייגער אַוועק צוא געבין עס דיא הינט אָדער דיא בהמות ·

דיא אלע זאכין טאר מען נישט שבת נעמין אונ דער האנט אריין :

צה נאר אז עס איז צו בראכין געווארין גלאז וארג אויף דעם אורט וואס מען קען גישאדיגט ווערין. מעגין זייא אוועק לייגין :

צו אש פון דעם האלץ וואס איז דעם שבת פאר ברענט גיווארין. דעסט גלייכין איין אייוואס דאס עוף האט עס גיליינט דעם שבת · אדער מילעך וואס איז גימאלקין גיווארין דעם שבת. אדער פירות וואס זענין דעם שבת אראפ גיפאלין פון בוים· אדער אנוי האט זייא היינט אפ גירוסען· טאר מען דאס אלץ גישט עסין אונ גישט נעמין אונ דער האנט אריין דעם שבת :

צז דיא כלים וואס דער ניצטיץ פון זייא אונ דער וואכין איז צו אזא זאך וואס מען טאר נישט טוהן אום שבת . היינו א האמער · א האק · א בעזים · א שופר . א נאדיל אונ נאך אזא שטיינער אונ מען וויל ניצען שבת מיט זייא אזא זאך וואס מען מעג . דהיינו מען וויל מיט דעם האמער אדער מיט דער האק צו קנאקין ניס . אדער מען דארף דאס אורט וויא זייא ליגען· מעגין זייא נעמין אונ דער האנט אריין · אבער צו בהאלטין זייא כדי זייא זאלין נישט צו בראכין ווערין אדער מען זאל זייא נים אוועק גנבענין טארין נישט נעמין זייא אונ דער האנט אריין :

צח א לאכטער וואס מען האט נישט גיברענט אונ איהם דעם שבת· האט דעם איינענעם דין וויא דיא כלים וואס מיר האבין גישריבען בסעיף צ״ז :

צט אבער דיא לאכטער וואס מען ברענט אונ זייא לעכט פרייטיג צו נאכט. טארין נישט נעמין אונ דער האנט אריין גאנץ שבת אויף קיין שום פאהל :

ק תפילין טאר מען נישט נעמין שבת אונ דער האנט אריין צייטין מען דארף דאס אורט וויא זייא ליגען· אדער זייא ליגען אויף אזא אורט וואס זייא קענין איין גירעכט ווערין :

קא אלע כלים וואס מען איז מקפיד מען זאל נישט ניצען מיט זייא נאר דיא זאך וואס מען טאר נישט טוהן אום שבת · דהיינו א כלי פון א בעל מלאכה וועלכים ער לאזט נישט טוהן מיט איהר קיין אנדערי זאך . כדי זיא זאל נישט קאלע ווערין . אדער א חליף פון דעם שוחט. אדער שרייב פאפיר . אדער וועקסלין. קאנטראקטין . רעכינגקים . בריף פון משא ומתן וועלכים מען דארף זייא נאך · אדער כלים וואס מען האלט צו פאר קויפען אונ מען איז מקפיד נישט צו גיטצען מיט זייא . אדער א באטיל פון געלט . דיא אלע זאכען טארין נישט שבת נעמין אונ דער האנט אריין אויף קיין שום פאהל :

קב דיא זאכין וואס זענין נאר קיין כלים נישט דהיינו. העלצער · שטיינער · געלט · שטיקער אייזין · אונ נאך אזא שטיינער־טארין נישט נעמין שבת אונ דער האנט אריין אויף קיין שום פאהל :

קג נאר אז מען האט פרייטיג אן גבריים א האלץ אדער א שטיין מען זאל ניצען דער מיט וועלכי זאך תמיד. הייסט דאס שוין א כלי . אונ מען מעג עס נעמין שבת אונ דער האנט אריין :

קד דיא כלים וואס דער ניטץ פון זייא איז צו אזא זאך וואס מען מעג טוהן אום שבת· דהיינו א בעכעריל · אדער א שיסעלי . אונ נאך אזא שטיינער· מעגין זייא נעמין אונ דער האנט אריין אפילו צו בהאלטין זייא כדי זייא זאלין נישט צו בראכין ווערין · אדער כדי מען זאל זייא נישט אוועק גנבענין · אבער אז מען דארף גאר נישט צו זייא אונ נישט צו זייער אורט · טארין נישט זייא נעמין אונ דער האנט אריין :

קה עסין וארג אדער משקה · אדער הייליגע ספרים· מעגין נעמין אונ דער האנט אריין אפילו מען דארף גאר נישט :

קו מען טאר אנדערש נישט נעמין קיין זאכט שבת אונ דער האנט אריין· צייטען מען האט

עס

עס אַן גיבּרייט פאַר שַׁבָּת אויף אַ בּזונדער אָרט אָדער אוּנ אַ כּלי :

קז בִּשְׁעַת מען נעמט דאס זאַמט זאָלין גיוואָרינט זיין מען זאָל נישט נעמין פון סיטען · דען עס ווערט אויף דעם אָרט אַזוי וויא אַ גריבּעל · אוּנ דאס טאָרין נישט מאַכין אוּם שַׁבָּת אֲפִילוּ דאס זאַמט ליגט אוּנ אַ כּלי · דריבּער זאָלין אַפּ שַׁארען גלייך פון אויבּען :

קח יעדער זאַך וואס מען טאָר נישט נעמין שַׁבָּת אוּנ דער האַנט אַריין טאָרין עס נישט געבּין קיין שׁאַקיל :

קט איבּער דעם טאָרין נישט אַן רוּרען אוּנ דעם הענגיל לייכטער · דען מיט דעם אַן רוּרען שׁאַקעלט מען איהם אַבּיסעל :

קי אַז עס פאַלט עפּיס אַרויף אויף אַ לאַכטער מעגין עס אַראָפּ נעמין :

קיא מען טאָר נישט שׁטיפּען מיט אַ מעסיר אָדער מיט עפּיס אַנדערש דיא זאַך וואס מען טאָר נישט נעמין אוּנ דער האַנט אַריין :

קיב אַז דאס איז אַ גרוּנגע זאַך מעגין עס בּלאָזין עס זאָל אַוועק פליען :

קיג אַז עס ליגט אויף דער ערד מעגין עס צוּ שׁארין מיט דיא פיס אַזוי וויא מען גייט · אויך מעגין זוּצען דרויף האָטשׁי עס שׁאַקילט זיך אוּנטער איהם :

קיד אַז אַגוֹי בּרענגט שַׁבָּת געלט זאָל ער עס אַליין אַריין לייגען אוּנ שׁיפלעדיל · אָבּער אַז ער לייגט עס אַנידער טאָר נישט דער יוּד אַריין וואַרפין עס דאָרך דעם טישׁטיך כּדי עס זאָל נישט פאַר לוֹרען ווערין :

קטו מען טאָר נישט פרייטיג צוּ נאַכט שׁלעפּין דאס טישׁטיך מיט דיא לעכט צוּ זיך כּדי עס זאָל זיין לעכטיגער דאַ וויא מען זוּצט אֲפִילוּ מען האָט פאַר לעכט צינדען גילייגט דיא חַלּוֹת אויף דעם טישׁטיך :

קטז מען טאָר נישט לויפען אוּם שַׁבָּת אֲפִילוּ מיט שׁמאָלע טריט :

קיז אויך טאָרין נישט מאַכין קיין גרויסע שׁפּרייזין אֲפִילוּ מען לופט נישט · הַיְינוּ דער גאַנג זאָל זיין אַז צווישען איין פיס צווישען אַנדערין זאָל נית זיין מעהר וויא אַ האַלבּ אייל :

קיח אֲפִילוּ אוּנ דער וואָכין איז אויך נישט גיזוּנד צוּ מאַכין גרויסע שׁפּרייזין :

קיט אַז עס איז אַ שׁטיקעל אַ בּלאָטע אוּנ עס איז איהם שׁלעכט איין צוּ רעכטין דעם פיס מעג ער אֲפִילוּ שַׁבָּת מאַכין אַגרויסען שׁפּרייז איבּער דער בּלאָטע :

קכ פון אַ מִצְוָה ווענין דְהַיְינוּ אוּנ שׁיל אַריין אָדער אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַריין איז אַ מִצְוָה צוּ לויפען אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת :

קכא מען טאָר נישט אַרוּם גיין שַׁבָּת אוּנ זיין פעלד אָדער אוּנ דעם הויז וואס מען שׁטעלט זיך צוּ זעהן וואס מען דאַרף נאָך שַׁבָּת צוּא טוּהן דרוּנען אַזעלכי זאַכין וואס מע טאָר נישט טוּהן אוּם שַׁבָּת :

קכב דעסט גלייכין צוּ גיין שַׁבָּת ווענין אַנדערי זאַכין אַזא שׁטייגער טאָרין אַלץ נישט :

קכג מען טאָר נישט גיין שַׁבָּת אויף אַזא אָרט וואס מען קען זיך אויס גליטשען אוּנ פאַלן אוּנ וואַסער אַריין :

קכד מען מעג גיין אויף גראָז אוּם שַׁבָּת :

קכה אַזא זאַך וואס מען טאָר נישט טוּהן אוּם שַׁבָּת · דְהַיְינוּ קאָבען אָדער וואַשׁין · אָדער קופען אָדער דינגען. טאָרין נישט זאָגין שַׁבָּת איך וועל דיא זאַך טוּהן נאָך שַׁבָּת :

קכו אויך טאָרין נישט שַׁבָּת זאָגין איך וועל מאָרין פאָרין אוּנ דער שׁטאָט אַריין · נאָר מען מעג זאָגין איך וועל גיין מאָרגין אוּנ דער שׁטאָט אַריין :

קכז אֲפִילוּ פראַכטי רייד טאָרין אויך נישט שַׁבָּת רעדין קיין סך :

קכח אויך טאָרין נישט שַׁבָּת שׁמוּסען פון אַזא זאַך וואס מען האָט דער פון עגמַת נֶפֶשׁ :

קכט אויך טארין גישט שבת רעכינען מיט דעם מויל אזעלכי חשבונות וואס מען דארף ‏:

קל פון א מצוה וועגין מעגין רעדין שבת פון אזעלכי זאכין וואס מען טאר נישט טוהן שבת • היינו מען זאר צו זאגין צדקה (זעה איין בפרק ט״ז סעיף ו׳ ד׳ ח׳) אדער שמיסען מיט א מלמד אויב ער וויל צו נעמין א קונד צו לערנין • אדער שמיסען מיט א בעל מלאכה אויב ער וויל צו נעמין א קונד צו לערנין דיא מלאכה • דען דאס איז אויך א מצוה • ווארען אז דאס יונגעל וועט גרויס ווערין אונ וועט נישט האבין מיט וואס זיך מפרנס צו זיין קען ער ח״ו ווערין א גזלן ‏:

קלא נאר מען טאר נישט שבת אן דינגען דאס קונד ביא דעם מלמד אדער ביא דעם בעל מלאכה האטשי עס איז א מצוה ‏:

קלב מען טאר נישט אפילו מיט איהם שמיסען פון געלד וויא פיהל מען וויל געבין אדער וויא פיהל ער וויל נעמין ‏:

קלג אז מען האט עגמת נפש דורך דעם וואס מען טראכט אונ דיא וואכידיגע עסקים טארין גישט טראכטין פון זייא אום שבת ‏:

קלד עס איז א מצוה שבת נישט צו טראכטין פון קיין שום עסק • גאר עס זאל שבת זיין ביא איהם גלייך ער האט שוין אלדונג אפ גיטוהן ‏:

קלה וועקסלין • קאנטראקטין • רעכינונקים • האנדיל בריף • טארין אליין נישט לייגין שבת • אפילו נאר צו קוקען אונ זייא האטשי מען זאגט גישט מיט דעם מויל טארין אויך נישט ‏:

קלו דאס וואס שטייט אויף גישריבין ביא דיא פאטרעטין פון וועמין דער פאטרעט איז טארין אויך גישט קוקען דרינען שבת ‏:

קלז אז עס קומט צו איינעם א בריף אונ ער ווייסט נישט וואס עס שטייט אונ איהם מעג ער אריין קוקען אין איהם • נאר ער זאל נישט לייגין מיט דעם מויל ‏:

קלח אז מען ווייסט אז עס שטייט נישט אונ דעם בריף א זעלכי זאכין וואס מען דארף פון גוף וועגין טארין גישט אריין קוקען אויך אונ איהם ‏:

קלט יעדער כתב וואס מען טאר נישט אריין קוקען דרינען שבת אונ ער דארף עס צו האבין נאך שבת וועלכים ער איז מקפיד מען זאל גישט דער מיט עפים פאר שטאפען אדר איין וויקלען עפים דרינגען טארין עס נישט נעמין שבת אונ דער האנט אריין ‏:

קמ ביכלעך פון אזעלכי זאכין וואס שטייט נישט אונ זייא פון תורה לערנין אונ מען לערינט נישט אפ פון זייא קיין יראת שמים טארין גישט אריין קוקען אונ זייא שבת ‏:

קמא אפילו אונ דער וואכין טארין אויך נישט קוקען אונ אזעלכי ביכלעך וועלכים זייא גיטצען נישט אפילו צום האנדיל • אפילו זייא זענין גישריבין אדער גידרוקט אויף לשון הקודש ‏:

קמב אלדונג וואס דער יוד טאר נישט טוהן שבת. טאר ער נישט זאגין צוא אגוי ער זאל טוהן שבת • חוץ דיא זאכין וואס מיר האבין גישריבען בספר דברי תורה סימן נ״א סעיף י״ג ובסוף סימן נ״ח ובסימן ס׳ • זעה איין דארט ‏:

קמג אויך טארין גישט שבת זאגין צו אגוי אדער צו א יוד ער זאל טוהן נאך שבת אזא זאך וואס מען טאר גישט טוהן שבת ‏:

קמד נאר פון א מצוה וועגין מעגין יוא הייסען טוהן נאך שבת • וויל מען הייסט דאך נישט טוהן אום שבת זעלבסט ‏:

## פרק ח הלכות יום טוב

א אלדונג וואס מען טאר נישט טוהן שבת טארין גישט טוהן יום טוב • נאר דיא זאכין

וָואס גֵייעֶן אָן אוּנ עֶסִין וַוארג · דְהַיְינוּ קְנֶעטִין · בַּאקִין · שֶׁעהְטִין · קָאכְעֶן · פַּייְעֶר בְּרֶענִין · אַרוֹיס טְרָאגִין · דִיא זַאכִין מֶעג מֶען טוּהְן יוֹם טוֹב אַז מֶען דַארְף אַזוֹ · וִויא מִיר וֶועלִין שְׁרַייבְּעֶן :

ב אִיבֶּער דֶעם דַארְפִין צוּ וִויסְעֶן אַז דִיא אַלֶע זַאכִין וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהְן אוּם שַׁבָּת וָועלְכִים מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבְּעֶן בְּפֶּרֶק ז׳ פוּן סְעִיף נ״ג בִּיז סוֹף פֶּרֶק (חוּץ סְעִיף פ״ב. צ״ח. צ״ט. קט״ו) טָארִין אוֹיךְ נִישְׁט טוּהְן אוּם יוֹם טוֹב · זֶעה אֵיין וַויטֶער בִּסְעִיף כ״ב כ״ג:

ג אַ לֶעכְט אוֹיס וַואקְס אָדֶער אוֹיס חֵלֶב. טָארִין נִישְׁט עֶס דֶער וַוארִימֶען אוּנ אָן קְלֶעבִּין אוּנ לַייכְטֶער אָדֶער אוּנ דֶער וַואנְט :

ד אַז דָאס רֶערִיל אִיז פִּיהְל מִיט חֵלֶב· מֶעגִין עֶס אוֹיס מַאכִין מִיט אַזַא זַאךְ וָואס מֶען מֶעג יוֹם טוֹב נֶעמִין אוּנ דֶער הַאנְט אַרַיין :

ה מֶען טָאר נִישְׁט פַאר לֶעשִׁין פַּייְעֶר אוּם יוֹם טוֹב · אוֹיךְ טָארִין נִישְׁט גוֹרֵם זַיין עֶס זָאל פַאר לָאשִׁין וֶוערִין · דְהַיְינוּ צוּ שְׁטֶעלִין דָאס לֶעכְט אוֹיף דֶעם וַוינְט :

ו אֲפִילוּ עֶס אִיז צוּגְדֶערְט נִישְׁט קַיין וִוינְט טָארִין אוֹיךְ נִישְׁט הַאלְטִין דָאס לֶעכְט אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס אַז עֶס וָואלְט גִיוֶועןְ אַ וִוינְט וָואלְט דָאס לֶעכְט פַאר לָאשִׁין גִוָוארִין :

ז אוֹיךְ טָארִין נִישְׁט עֶפִינֶען קַיין פֶענְצְטֶער אָדֶער אַ טִיר קֵיינֶען דֶעם לֶעכְט אַז עֶס אִיז אַזוֹ נָאהְנְט אַז עֶס וָואלְט פַאר לָאשֶׁען גִיוָוארְעֶן וֶוען דֶער וִוינְט וֶועט בְּלָאזֶען אוּנ דְרָאסֶען טָארִין נִישְׁט עֶפִינֶען אֲפִילוּ דֶער וִוינְט בְּלָאזְט נִישְׁט צוּגְדֶערְט :

ח אַז מֶען צוּנְד אָן אַ לָאמְפּ פוּן נַפְט מוּז מֶען גִיוָוארִינְט זַיין מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין דְרֵייעֶן דָאס קְנֵייטֶעל אוּם יוֹם טוֹב · דֶען דָאס הֵייסְט גְלַייךְ מֶען פַאר לֶעשְׁט אַבִּיסֶעל פַּייעֶר פוּן קְנֵייטִיל · דַארִיבֶּער זָאל מֶען יוֹם טוֹב פַאר דֶעם אָן צוּנְדֶען אַרָאפּ נֶעמִין דָאס קֵיימֶענְדִיל אוּנ גוּט אַרַיין דְרֵייעֶן עֶס זָאל נָאר בְּלַייבִּין עֶטְוָואס אַז דָאס פַּייעֶר זָאל זִיךְ קֶענִין אָן הַאפִּין . אוּנ מֶען זָאל אָן צוּנְדֶען אוּנ אַרוֹיף זֶעצִין דָאס קֵיימֶענְדִיל מִיט דֶעם גְלֶעזִיל . דֶער נָאךְ מֶעגִין אַרוֹיס דְרֵייעֶן וִויא פִּיהְל מֶען דַארְף עֶס זָאל זַיין לֶעכְטִיגֶער . נָאר נִישְׁט אַרַיין דְרֵייעֶן :

ט אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת טְרָאגִין מֶעגִין נָאר יוֹם טוֹב טְרָאגִין אַז מֶען דַארְף הֵיינְט אַזַא הֲנָאָה פוּן גוּף וֶועגִין וָואס יֶעדֶערֶער דַארְף אַזֶעלְכֵי זַאךְ · אָדֶער מֶען דַארְף צוּ טְרָאגִין אַ סֵפֶר צוּ דַאוִוינֶען אָדֶער צוּ לֶערְנִין דְרִינֶען דֶעם טָאג :

י אָבֶּער אַזַא זַאךְ וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט הֵיינְט חָאטְשֵׁי מֶען טְרָאגְט עֶס בַּייא זִיךְ וַוייל מֶען דַארְף עֶס צוּ הִיטֶען טָארִין אוֹיךְ נִישְׁט :

יא אִיבֶּער דֶעם דַארְפִין גִיוָוארִינְט צוּ זַיין אַז מֶען וִויל גֵיין יוֹם טוֹב אוֹיף אַזַא אָרְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת טְרָאגִין זָאל מֶען אַוֶועק לֵייגִין פוּן זִיךְ דִיא שְׁלִיסֶעלִיךְ פוּן דִיא קֶעסְטְלִיךְ וָואס עֶס לִיגֶען נִישְׁט אוּנ זַייא אַזֶעלְכֵי זַאכִין וָואס מֶען דַארְף יוֹם טוֹב :

יב אִיבֶּער דָאס שְׁלִיסֶעלִי פוּן דֶעם קֶעסְטִיל וָואס לִיגֶען דְרִינֶען דִיא מַלְבּוּשִׁים אָדֶער עֶסִין וַוארג וָואס מֶען דַארְף הֵיינְט מֶעגִין הָאבִּין בַּייא זִיךְ. אַז מֶען הָאט עֶס מוֹרָא אִיבֶּער צוּ לָאזִין אוּנ דֶער הַיים :

יג דִיא עוֹפוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין שְׁטִיבּ אָדֶער אִין הוֹיף אוּנ זַייא זֶענִין שׁוֹין דָארְט גִיוואוֹנְט אַז אֲפִילוּ זַייא גֵייעֶן אַרוֹיס קוּמֶען זַייא בַּנַאכְט אַ הַיים. מֶעג מֶען זַייא חַאפֶּען צוּ שֶׁעהְטִין פוּן סְעוּדַת יוֹם טוֹב וֶועגִין · אָבֶּער אַז נִישְׁט פוּן דֶעם וֶועגִין טָארִין נִישְׁט חַאפִּין זַייא :

יד דִיא עוֹפוֹת וָואס מֶען הָאט הֶערְשְׁט גִיקוֹיפְט וָואס זֶענִין נָאךְ נִישְׁט גִיוואוֹנְט אַלַיין אַהַיים צוּ קוּמֶען· טָארִין נִישְׁט יוֹם טוֹב חַאפִּין אֲפִילוּ פוּן שֶׁעהְטִין וֶועגִין :

טו נָאר אַז זַייא זֶענִין אוֹיף אַזַא אָרְט וָואס מֶען קֶען זַייא חַאפִּין אַז מֶען וֶועט זִיךְ נָאר אַיינְמָאהְל אֵיין בֵּייגִין · אָדֶער הֶענִיר וָואס זִיצֶען בַּנַאכְט וֶועלְכִים זַייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז

דערנאמאלט זיך נישט צו רידערן-מעגין זייא גענמין צו שעכטין פון סעודת יום טוב ווענין:

טז בייא דיא אופנים וואס מען מעג נעמין דיא עופות זאל מען ערב יום טוב אן גרייטין וועלכי עופות מען וויל יום טוב שעחטין · אונ נישט קלויבען יום טוב וועלכי צוא שעכטין:

יז דיא עופות וואס מיר שרייבין אז מען טאר נישט גענמין זייא צו שעכטין. טארין נישט זייא נעמין צו עסין אדער צו טרינקען צייטין מען שטייט אביסעל וויט פון זייא · טאמער וועט מען פאר געסין אונ מען וועט זייא גענמין:

יח טויבין אדער פייגיל טארין נישט יום טוב נעמין אונ דער האנט אריין אפילו זייא זענין שוין גיוואנט אליין צוריק צו קומען. אז זייא זענין נאר קליין זאל מען פרעגין א שאלה:

יט אז מען דארף יום טוב צו פאר נייען א מעניקע מיט מעהל אזוי וויא דער שטיינער איז טארין נישט פאר נייען נאר צייטין מען האט ערב יום טוב אריין גיצוגין דעם פאדים אונ דער נאדיל. אויך דארף מען ערב יום טוב צו זעהן דער פאדים זאל נישט זיין צו לאנג:

כ אז מען האט אזוי גיטוהן נאר עס בלייבט יום טוב נאך דעם צו נייען א שטיקעל פאדים מעגין עס אפ ברענין:

כא דיא דינים וואס מיר האבין גישריבין בפרק ז׳ פון סעיף צ״ד אן פון די זאכין וואס מען טאר נישט נעמין שבת אונ דער האנט אריין · אדער דיא זאכין וואס מיר האבין דארט גישריבען אז מען מעג זייא נעמין אונ דער האנט אריין ווענין דער זאך אונ נישט ווענין דעם · גייען אויך אן אום יום טוב:

כב נאר ווייל עס איז דא זאכין וואס מען מעג טוהן יום טוב אונ נישט שבת. למשל ברענין אדער קאכין אדער שעכטין דריבער איז דא אזעלכי זאכין וועלכים מען מעג זייא יום טוב נעמין אונ דער האנט אריין. אונ שבת נישט. למשל פייער אדער לאכטער אדער איין עוף צו שעכטין וועלכים מען מעג יום טוב · אבער חוץ דיא זאכין האט יום טוב דיא דינים פון שבת:

כג מיט דיא זאכין איז יום טוב הארבער פון שבת. דהיינו אז מען שיילט אפ יום טוב איין פרי אונ דיא שאהל ניצט נאך פון בהמות ווענין. אדער מען עסט יום טוב פלייש אונ עס בלייבט ביינער וואס א הינט קען זייא עסין · אדער כלים וואס זענין יום טוב צו בראכין גיווארין אונ זייא טויגין נאך צו עפים. נאר גישט צו דעם וואס זייא האבין פריער גינוצט · דאס אלטץ זאל מען נישט יום טוב נעמין אונ דער האנט אריין · אונ שבת מעגין יוא:

כד אבער שאהלין פון נים אונ פון אייער אונ הארטי ביינער אונ שטיקלעך צו בראכעני כלים וואס טויגען נאר גישט. האבין מיר גישריבען בפרק ז׳ סעיף צד אז מען טאר נישט שבת זייא נעמין אונ דער האנט אריין:

כה האלטץ מעגין נאר נעמין יום טוב אונ דער האנט אריין צו ברענגין דער מיט פייער · אבער נישט צו פאר שטעקין דער מיט דיא טיהר אדער צו שארין דער מיט דאס פייער · אונ נאך אזא שטיינער · אז מען דארף נייטיג זאל מען פרעגין א שאלה:

כו דאס אש פון דעם האלץ וואס איז ערב יום טוב פאר ברענט גיווארין. מעגין יום טוב נעמין אונ דער האנט אריין:

כז אבער דאס אש פון דעם האלץ וואס איז יום טוב פאר ברענט גיווארין · מעגין עס נאר נעמין אונ דער האנט אריין ווען עס איז ווארים אז מען קען דרויף עפים בראטין · אבער ווען עס איז קאלט טארין עס נישט נעמין אונ דער האנט אריין:

כח מען טאר נישט יום טוב מאכין פייער פון אבייב קינדעל · אדער פון א ברענגלאז · אדער פון שטיינער:

כט פייל פוסקים שרייבין אז מען טאר נישט רייכערין קיין טוטין אדער ציגארין אום יום טוב. דער וואס רייכערט תמיד מעג זיך פאר לאזין אויף דיא פוסקים וואס זענין מתיר:

ל נאר מען זאל נישט פאר רייבערין מיט אזא פאפיר וואס שטייט דרויף אותיות. דען אז ער
פאר ברענט עס הייסט גלייך ער מעקט אפ דיא אותיות:

לא אויך זאל מען גיווארונט זיין בשעת מען פאר רייבערט מיט א קויל אדער מיט פאפיר מען
זאל זייא נישט אוועק ווארפין נאך דעם פאר רייבערין. דען זייא ווערין דארך דעם פאר
לאשין. דריבער זאל מען זייא נאך דעם פאר רייבערין וואלגע אנידר לייגין:

לב אויך טארין נישט צו שניידין דעם טוטין אום יום טוב:

לג אויך טארין נישט אפ בייסין דאס שפיצעל פון דיא ציגארין. נאר מען זאל פאר רייבערין
פון דער זייט:

לד אויך טאר מען נישט קלעבין דיא פאפיראסין:

לה אויך איז נישט גלייך יום טוב צוא רייבערין אונ איין נייע סטאנבאלקי אוים שארבין וואס
איז נישט גיגלייזט:

לו דעסט גלייכין איז נישט גלייך יום טוב צוא קאכין אונ נייע ערדערני טעפ וואס זענין נישט
גיגלייזט. אויב מען האט נאך נישט גיקאכט אונ זייא פאר יום טוב:

לז אלע מלאכות וואס מען מעג טוהן יום טוב מעגין נאר פון דעם אייגינעם טאג וועגין. אבער
צו קאכין אדער טוהן וועלכי מלאכה אויף בנאכט אדער אויף מארגין טארין נישט.
האטשי דער אנדערער טאג איז אויך יום טוב:

לח ווער שמיסט אז מען טאר נישט יום טוב טוהן אויף אונ דער וואכין:

לט אפילו אזא זאך וואס איז נישט קיין מלאכה. היינו צו ברענגין וואסער אויף בייא נאכט
אדער ויין אויף קידוש פון בנאכט אדער אויף הבדלה אדער אפ צו וואשין כלים אויף
ביי נאכט. טאר מען אלץ נישט:

מ נאר אז עס איז יום טוב פאר נאכט אביסעל פינצטער. מעגין שוין אן צינדען א לעכט.
דען דאס אהן צינדען איז עס זאל צינדערט זיין לעכטיג:

מא ערב יום טוב פארין נאכט דארפין צו פר מאכין די גיוועלבין האטש א האלבי שעה פאר נאכט:

מב אויך טוז מען גיווארונט זיין מען זאל האטש פון א האלבי שעה פאר נאכט אן שוין
נישט טוהן קיין שום זאך וואס מען טאר נישט טוהן אום יום טוב:

## (יום יא) פרק ט דינים פון כוס פון קידוש אונ פון הבדלה אונ פון בענטשין. אונ פון דיא פיר כוסות פון פסח. אונ נאך עטליכי דינים פון פסח. אונ פון מגילה לייענין:

א דער כוס פון קידוש אונ פון הבדלה אונ פון בענטשין דארף יעדערער צוא האלטין
האטש אזו פיהל וויא עס קען אריין אונ צווייא שאלין פון היגערני אייער. סייא דער
כוס איז ויין אדער אנדערי משקה אדער בראנפין טאר אלץ נישט זיין ווינציקער:

ב בספר ארץ החמדה שרייבט אז דיא מענטשין וואס גיבען א יונגעל קידוש צו מאכין איבער
א קליין בעכעריל טוהן צווייא עבירות. איינס אז דאס יונגעל מאכט דיא ברכה פון קידוש
לבטלה ח״ו. דען אז ער איז נישט יוצא איז דאך דיא ברכה אומזיסט ח״ו. אונ דאס
איז א גרויסי עבירה צו מאכין א ברכה אומזיסט:

ג דיא אנדערי עבירה איז אז דאס יונגעל איז נישט יוצא מיט דעם קידוש אונ עסט אן
קידוש. עס וואלט שוין גרייכיר גיוועזן ער זאל יוצא זיין מיט דעם פאטערס קידוש איידער
ער זאל מאכין קידוש איבער א קליין בעכעריל:

ד דיא ווייבער זענין אזוי גוט מחויב אונ קידוש וויא דיא מאנטצביל. אז זייא הערין קידוש

פון אַזאַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט קֵיין בָּארד מוזֶען זַייא נָאךְ זָאגֶען יֶעדֶער וָוארְט פון קִידוּשׁ • אוּנ אַז נִישְׁט זֶענֶען זַייא נִישְׁט יוֹצֵא :

ה אוּנ אֲפִילוּ זַייא הֶערֶין קִידוּשׁ פון דֶעם וָואס הָאט יוֹא אַ בָּארד אִיז אוֹיךְ גְלַייךְ זַייא זָאלֶין נָאךְ זָאגֶין יֶעדֶער וָוארְט פון קִידוּשׁ :

ו אַז זִיא קֶען אוּנ מַאכְט אַלֵיין קִידוּשׁ אִיז זִיא בְּוַדַאי יוֹצֵא • אַז זִיא מַאכְט נִישְׁט אַלֵיין קִידוּשׁ נָאר הֶערְט פון אַנְדֶערִין • זָאל זִיא נִישְׁט זָאגֶין קֵיין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ • נָאר אָמֵן אַלֵיין :

ז וַויין וָואס אִיז זֵאהֶר וָועלְכִים מֶענְטְשִׁין וִוילֶען נִישְׁט טְרוּנְקֶען אִים אִיבֶּער דֶעם זָאהְרְקַייט פָאר מֶען נִישְׁט קִידוּשׁ מַאכִין אִיבֶּער אִים :

ח וַויין וָואס אִיז גִישְׁטַאנֶין אוֹיף גִידֶעקְט אַפָּאר שָׁעָה • טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין קִידוּשׁ מַאכִין אִיבֶּער אִים :

ט דֶער וָואס מַאכְט קִידוּשׁ דַארְף צוּ טְרִינְקֶען מִיט אַמָאהְל אַזוֹ פִיהְל וִויא עֶס קֶען אַרַיין אוּנ דֶעם מֶענְטְשֶׁם מוֹיל אַרַיין אִין אֵיין זַאט • אַזוֹ וִויא דֶער שְׁטַיינֶער אִיז פון אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אוּנ אַיין זַאט מוֹיל אַרַיין מַשְׁקֶה אַז עֶס וֶוערְט דִיא בַּאק פון דְרָאסְעֶן אוֹיף גִיהוֹבִּין דַארָארְךְ :

י עֶס אִיז אַ מִצְוָה אַז דִיא אַלֶע וָואס זֶענֶען יוֹצֵא מִיט דֶעם קִידוּשׁ זָאלִין אוֹיךְ טְרִינְקֶען פון קִידוּשׁ :

יא פון דֶעם כּוֹס פון הַבְדָלָה אוּנ פון בֶּענְטְשִׁין דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּ טְרִינְקֶען הָאטְשׁ אַזוֹ פִיהְל וִויא מִיר הָאבִּין פְרִיהֶער גִישְׁרִיבֶּען • נָאר פון זַייא אִיז גְלַייךְ צוּ טְרִינְקֶען מִיט אַמָאהְל אַזוֹ פִיהְל וִויא עֶס קֶען אַרַיין אוּנ צְוַוייא שְׁאהְלִין פון הִינֶערְנִי אַייֶער • כְּדֵי מֶען זָאל מַאכִין דֶער נָאךְ דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה עַל הַגֶּפֶן אוֹיף וַויין • אָדֶער בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אוֹיף אַנְדֶערִי מַשְׁקֶה :

יב דִיא פִיר כּוֹסוֹת וָואס מֶען טְרִינְקְט דִיא עֶרְשְׁטֵי צְווייא נֶעכְט פֶּסַח • סַייא דִיא כּוֹסוֹת פון מַאנְטְצְבִּיל סַייא דִיא כּוֹסוֹת פון ווייבֶּער דַארְף אוֹיךְ יֶעדֶער כּוֹס צוּ הַאלְטִין הָאטְשׁ אַזוֹ פִיהְל וִויא עֶס קֶען אַרַיין אוּנ צְוַוייא שְׁאלִין פון הִינֶערְנִי אַייֶער • אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט אַזוֹ פִיהְל אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא :

יג אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיס טְרִינְקֶען פון יֶעדֶערִין כּוֹס דִיא גְרֶעסְטִי הֶעלְפְט מִיט אַמָאהְל • אוּנ דֶעם פֶערְדִין כּוֹס זָאל מֶען אוֹיס טְרִינְקֶען אוּנ גַאנְצִין מִיט אַמָאהְל אוּנ מַאכִין דֶער נָאךְ אַ בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה : (זֶעה אֵיין בְּפֶּרֶק ה׳ סָעִיף ז׳)

יד אַ יוּנְגְעל אָדֶער אַ מֵיידֶעל וָואס וַויסִין שׁוֹין פון דֶער קְדוּשָׁה פון יוֹם טוֹב אוּנ פַאר שְׁטֵייעֶן דָאס עֶנְיָן וָואס גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אוּנְז אוֹיס גִיצוֹגִין פון מִצְרַיִם וָואס מֶען שְׁפִּיקְט דִיא נַאכְט • דַארְף דֶער פָאטֶער צוּ גֶעבִּין זַייא אַ כּוֹס עֶר זָאל הַאלְטִין אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען בְּסָעִיף י״ב • אוּנ זַייא זָאלִין טְרִינְקֶען דִיא פִיר כּוֹסוֹת • אוּנ אוֹיס טְרִינְקֶען פון יֶעדֶערִין כּוֹס אַזוֹ וִויא אַ גְרוֹסֶער מֶענְטְשׁ :

טו אַז זַייא קֶענִין נִישְׁט טְרִינְקֶען אַזוֹ פִיהְל וַויין זָאל מֶען זַייא גֶעבִּין רָאזִינְקֶעס וַויין אוֹיף דִיא פִיר כּוֹסוֹת :

טז נָאךְ דֶעם וָואס דָאס קִינְד פְרֶעגְט מַה נִּשְׁתַּנָּה זָאל דֶער פָאטֶער עֶנְטְפֶערִין דֶעם קִינְד אוֹיף דַייטְשׁ דֶעם תֵּירוּץ אַז מִיר זֶענִין גִיוָועזֶן קְנֶעכְט צוּא פַּרְעֹה אוּנ מִצְרַיִם אוּנ גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אוּנְז אוֹיס גִילֵייזְט פון דָארְט • אוּנ הָאט אוּנְז גִיבָּאטִין זַיינֶע מִצְוֹת :

יז יֶעדֶער פָאטֶער אִיז מְחוּיָב דָאס אַלֶץ צוּ גֶעבִּין פַאר שְׁטֵיין דֶעם קִינְד • אוֹיךְ נָאךְ יֶעדֶערִין שְׁטִיקֶעל הַגָּדָה דַארְף עֶר עֶס צוּא גֶעבִּין פַאר שְׁטֵיין דֶעם קִינְד אוֹיף דַייטְשׁ וִויא וַוייט מֶיגְלֶעךְ אִיז :

יח אוֹיךְ זָאל עֶר גֶעבִּין צוּ פַאר שְׁטֵיין דֶעם בְּנֵי בַּיִת דֶעם פְּשַׁט פון דֶער הַגָּדָה וִויא

ווייס עס איז מיגליך · אז ער אליין פאר שטייט נישט די הגדה זאל ער זאגין
אין איין הגדה מיט עברי טייטש :

יט די נאכט וואס קער צו ערב פסח וואס מען איז דעמאלט בודק חמץ · דארפין
גיווארינט צוא זיין צו זוכען אויף אלע ערטער ווי עס איז נאר צוא קלערין · אז
מען האט דארט אריין גיבראנגט חמץ אויב עס ליגט נאך דארט וועלכים שטיקעל חמץ ·
אונ דאס איז די מצוה פון בודק חמץ זיין :

כ אבער די מענטשין וואס נעמין נאר צו די שטיקליך וואס דער מנהג איז זיי צו לייגין
אונ זוכען נישט · זענין זיי גאר נישט מקיים די מצוה :

כא באלד נאך דעם בודק זיין דארף ער צו זאגין כל חמירא וואס שטייט אונ סידור ·
די טייטש פון כל חמירא איז · יעדער זויער טייג אונ יעדער חמץ וואס איז דא אונ
מיין רשות וואס איך האב עס נישט גיזעהן אונ איך האב עס נישט אויס גירוימט אונ
איך ווייס נישט דער פון זאל זיין בטל אונ עס זאל זיין הפקר אזו ווי די שטויב פון
דער ערד :

כב אונ דער פריא דארף ער צו פאר ברענין דאס חמץ באלט ווען מען טאר עס שוין
נישט עסין · אונ באלד נאך דעם פאר ברענין זאל ער זאגין דעם אנדערין כל חמירא :

כג די טייטש פון דעם אנדערין כל חמירא איז · יעדער זויער טייג אונ יעדער חמץ וואס
איז דא אינ מיין רשות סיי וואס איך האב יא גיזעהן סיי וואס איך האב נישט
גיזעהן סיי וואס איך האב יא אויס גירוימט סיי וואס איך האב נישט אויס גירוימט
זאל אלץ זיין בטל אונ עס זאל זיין הפקר אזו ווי די שטויב פון דער ערד :

כד מען דארף אונ זינגען האבין ביי יעדערין כל חמירא די טייטש :

כה די מענטשין וואס פאר שטייען נישט די טייטש אונ מיינען אז זיי זאגין וועלכין
יהי רצון · זענין זיי גאר נישט יוצא :

כו דען דער עיקר פון דעם זאגין איז ער זאל זיך אפ זאגין מיט דעם גאנצין הארץ · אז
דאס חמץ וואס גיפינט זיך אונ זיין רשות זאל זיין בטל אונ הפקר אזו ווי די שטויב
פון דער ערד :

כז בשעת מען לייענט פורים די מגילה · דארפין די אלע וואס זענין יוצא מיט דעם הערין
גיווארינט צו זיין סיי מאנצביל סיי ווייבער · זיי זאלין הערין יעדער ווארט · דען
אז מען פעלט נאר איין ווארט פון דער מגילה וועלכים מען הערט עס נישט · איז מען
שוין נישט יוצא :

כח דאריבער דארפין צו האבין פאר זיך א מגילה בשעת מען הערט · אז מען קען
האבין א כשרי מגילה צו זאגין מיט יעדער ווארט שטילער הייט · איז בודאי גלייבער :

כט אז מען האט נישט קיין כשרי מגילה פאר זיך זאל מען טאקע הערין אונ וואס ערי
מגילה עס איז אדער אונ א חומש וואס עס שטייט דרינען די מגילה · (אז מען
האט נישט קיין כשרי מגילה טארין נישט נאך זאגין יעדער ווארט נאר מען מוז הערין) · אונ
מען זאל גיווארינט זיין אז ווען מען וועט וועלכים ווארט נישט דער הערין זאל מען תיכף
זאגין דאס ווארט מיט דעם מויל פון דעם חומש · וועט מען שוין יוצא זיין :

ל אז בשעת ער זאגט צו דאס ווארט לייענט דער בעל קורא ווייטער דארף ער גלייך
שטילער הייט ווייטער צו זאגין ביז ער וועט האלטין גלייך מיט דעם וואס לייענט דעמאלט
זאל ער שוין שווייגין אונ הערין פון דעם בעל קורא :

לא אבער אז ער דער יאגט נישט דעם בעל קורא נאר ער זאגט צו דאס ווארט וואס
ער האט נישט דער הערט ווען דער בעל קורא האט שוין ווייטער גילייענט איז ער
נישט יוצא :

לב זיא מאנטשביל זיא ווייבער מוזען ארץ געווארינט זיין אונ דיא זאכין ׃

## פרק י דינים אז מען טאר נישט רעדין קיין רכילות אדער שלעכטץ אויף א מענטש . אונ מען טאר נישט זיך נוקם זיין ׃

א מען טאר גישט גיין מיט רכילות פון איינעם צום אנדערין . צוא זאגין איהם אזו האט יענער גיזאגט אויף דיר . אזו האט יענער דיר גיטוהן . אזו האב איך גיהערט אויף יענים . האטשי דאס איז אמת . עס איז א גרוסי עבירה צוא גיין פון איינעם צום אנדערין מיט א זעלכי רייד ׃

ב מען טאר גישט רעדין קיין לשון הרע אויף א יוד . דהיינו אפ צוא רעכטין דער מענטש איז אזו שלעכט האטשי עס איז אמת . איז עס א גרוסי עבירה . וער שמיסט אז עס איז ליגענט ׃

ג דיא מענטשין וואס זייער שטייגער איז תמיד אפ צו רעכטין פון אנדערי צו זאגין אז אונ אזו האט יענער גיטוהן א זעלכי עלטערין האט יענער גיהאט . א זעלכי שלעכטי זאכין האב איך גיהערט אויף איהם . דיא מענטשין וואס זענין גיוואונט מיט דעם . האבין נישט קיין חלק לעולם הבא . נאר זייא ווערין פאר שניטן אונ גימשפט אייביג אויף דער זינד ׃

ד מען דארף דאס צו ווארינען זיא מאנטשביל זיא ווייבער זייא זאלין זיך שטארק היטען פון דער עבירה ׃

ה אפילו מען שמיסט פון איינעם אז ער איז נישט קיין ערליבער יוד אונ טוהט דיא עבירה טאר מען אויך נישט דאס אפ רעכטין אונ שמיסען ווען יענער הערט נישט . האטשי דאס איז אמת ׃

ו דען וואס קומט ארויס וואס מען שמיסט דאס צינדערט ווען יענער הערט נישט . דאז מען יענים אליין זאגין שטילער הייט מיט וויכי רייד אז ער טוהט נישט גלייך מיט דער זאך . אפשר וועט יענער פאלגין אונ וועט שוין נישט טוהן קיין שלעכץ ׃

ז אבער צינדערט אז מען זאגט ווען יענער הערט נישט מיינט מען דאך נאר צו רעדין אויף יענים . אונ דאס איז א גרוסי עבירה ׃

ח דען דער אייבערשטער וויל נישט מען זאל רעדין שלעכץ אויף יודען חו . נאר אדרבה זיין גוטער ווילען איז מען זאל תמיד זאגין אויף זייא גוטץ . וויא ווייט עס איז נאר מיגליך . דער מענטש וואס רעט גוטץ אויף יודען גידענקט מען אים אויך אונ הימעל צו גוטען ׃

ט אז איינער דער ציילט דעם אנדערין שלעכץ אויף יענים טאר ער אים נישט גלייבין . יענים פיינט צו האבין דארף דעם . אדער צו בצאלין יענים שלעכץ דער פאר ׃

י נאר אז עס איז אזא זאך וואס אויב עס איז אמת דארף ער זיך צו היטען פאר יענים . זאל ער זיך היטען ׃

יא אפילו א זעלכי ווערטער וואס איז נישט רעכט לשון הרע טאר מען אויך נישט רעדין . למשל צו זאגין שווייגטץ פון יענים איך וויל נישט דער ציילין וואס עס איז גיוועזן . דען פון דעם פאר שטייט מען אז ער ווייסט עפים שלעכטץ אויף יענים ׃

יב אויך טאר מען נישט רעדין קיין גוטס אויף א מענטש פאר דיא מענטשין וואס האבין אים פיינט . דען דאס ברענגט זייא זאלין רעדין שלעכטץ אויף אים ׃

יג אויך טאר מען נישט רעדין שלעכטץ אויף יענים מיט א לשון גילעכטיר גלייך מען רעט נישט מיט שנאה ׃

יד זייא דער מענטש וואס מען רעט שלעכטץ אויף אים איז גישט דער ביי זייא ער איז יוא דער ביא איז אלקץ א גרויסי עבירה ׃

טו אז מען זידעלט אים ווען ער איז דער ביא איז דיא עבירה נאך גרעסיר. דען עס איי א גרויסע עבירה צו פאר שעמין א יוד:

טז דער וואס איז גיוואנט צו פאר שעמין יודען בשעת ווען אנדערי מענטשין שטייען דער ביא האט נישט קיין חלק לעולם הבא:

יז מען טאר נישט דער ציילען פאר מענטשין זייני מעשים אונ זיין חכמה קייגען יענעמס מעשים אונ יענימס חכמה כדי מען זאל אן זעהן אז ער איז גוט אונ יענער איז שלעכט האמשי יעניר איז נישט דער ביא. דער וואס איז גיוואנט אזוי צוא טוהן האט אויך נישט קיין חלק לעולם הבא:

יח דאס אלטץ וואס מיר שרייבין אז מען האט נישט קיין חלק לעולם הבא איז נאר א, מען טוהט נישט קיין תשובה. אבער אז מען טוהט תשובה אונ מען נעמט אויף זיך מען זאל שוין נישט זינדיקען אונ מען איבער בעט דעם מענטש וואס מען האט אים גיזינדיגט האט מען יוא א חלק לעולם הבא. דען תשובה פוילט צו אלדינג:

יט אז איינער זאגט עפיס דעם אנדרין טאר ער עס נית קיינעם דער ציילין ציידין דער וואס האט גיזאגט הייסט אים דער ציילין:

כ אז דער וואס זאגט דיא זאך זאגט בפירוש מען זאל עס נישט דער ציילין. איז אפילו עס שטייען מענטשין דער ביא טאר קיינער פון זייא נישט דער ציילין:

כא אז איינער זאגט צום אנדערין אנטלייע מיר דיא זאך אונ ער וויל אים נישט אנטלייען. צו מארגינס בעט דער אנדערר אים ער זאל אים עפיס אנטלייען טאר ער נישט זיך נוקם זיין נישט צו וועלין אנטלייען אזו וויא ער האט אים נישט אנטליגען. נאר ער דארף אים יוא צו אנטלייען. דען א יוד דארף מוחל צו זיין דעם אנדערין יוד אונ נישט זיך נוקם זיין אונ אים:

כב בשעת ווען ער אנטלייעט אים טאר ער נישט זאגין איך גיב דיר אונ בין נישט אזוי וויא דיא וואס האסט נישט גיוואלט מיר אנטלייען. נאר ער דארף גאר צו פאר געסין פון דעם וואס יעניר האט אים נישט גיוואלט אנטלייען. אונ זאל צוריק יענים ליב האבין מיט דעם גאנצין הארץ. דען מען דארף צו וויסען אז אלדינג וואס עס קומט אויף דעם מענטש איז אלטץ פון אייבערשטין. אזוי וויא מיר האבין גישריבין בפרק ל״ז זעה איין דארט:

# חלק ג (יום יב) פרק יא. דינים פון פלייש זאלצין:

א איידער מען זאלטץ דאס פלייש דארף מען עס צו ווייקין אונ וואסער א האלבי שעה. מען דארף אכטונג צו געבין עס זאל קיין שטיקער פלייש נית ארויס שטארין פון וואסער:

ב אז דאס וואסער איז שטארק קאלט דארף מען עס צו שטעלין אויף אווארים אורט פאר דעם ווייקין עס זאל בשעת דעם ווייקין נישט זיין אזוי קאלט:

ג פלייש וואס איז פאר פרורין פון דער קעלט. דארף מען צו ווארטין ביז עס וועט אויף גיין. עס פוילט נישט דער צו דאס ווייקין אונ זאלצין ווען עס איז פאר פרורין. נאר מען זאל עס נישט לייגין נאהנט פון ווארימען אויבען. אונ נישט אונ ווארים וואסער ארייין:

ד נאך דעם ווייקין דארף מען דאס פלייש גוט אפ צו וואשין פאר דעם זאלצין. בפרט אויף דעם אורט וויא מען זעהט בלוט דארף מען בוודאי גוט אפ צו וואשין:

ה מען זאל נישט צו שניידין דאס פלייש נאך דעם ווייקין פאר דעם זאלצין. דען אז מען צו שנייט עס דענמאלט דארף מען עס נאך אמאהל צו ווייקין:

ו דיא כלי וואס איז דער שטייגער אז מען ווייקט אונ איהר פלייש זאל מען זיא נישט ניצען צו קיין עסין ווארג:

ז נאך דעם וואס מען האט גיווייקט דאס פלייש אונ אפ גיוואשין דארפין עטוואס צו ווארטין


עם

עס זאל אראפ טריפן דער פון דאס וואסער . כדי דאס זאלץ זאל ניט צו גיין פון וואסער . נאר
מען זאל ניט ווארטן ביז עס ווערט טריקען :

ח דאס זאלץ זאל ניט זיין נאר דין ווי מעהל . אונ אויך ניט גראבע שטיקלעך . נאר
מיטעל . אויך זאל עס זיין טרוקען :

ט מען דארף צו שיטען דאס זאלץ אויף אלע זייטן אונ אויף יעדערן אורט פון פלייש . עס
זאל ניט בלייבן קיין אורט אן זאלץ :

י עופות דארפין גוט צו עפינען פאר דעם ווייקן . כדי מען זאל זיי קענין גוט ווייקן אונ
גוט זאלצין פון אינעווייניג אויך . אויך זאל מען אפ שניידין די קעפ פאר דעם ווייקן :

יא דאס געזאלצענע פלייש דארף צו ליגען אויף איין אורט וואס דאס בלוט קען גוט אראפ רינען
דער פון איבער דעם זאל מען ניט לייגן די אהפעלקי מיט פלייש אויף דער ערד . דען
דאס בלוט וועט ניט קענין גוט אוועק רינען פון פלייש :

יב אז מען זאלצט אויף א ברעט דארפין צו לייגן דאס ברעט משופע . דאס בלוט זאל
קענין אראפ רינען :

יג אז עס איז דא אונ דעם האלטץ גריבלעך וואס עס קען זיך פאר האלטין דאס בלוט . טארין
ניט זאלצין דרויף אפילו מען וויל עס לייגן משופע :

יד אפילו דאס פלייש ליגט שוין מעהר פון א שעה אונ זאלץ . טארין עס אויך ניט לייגן אויף
די ערטער וואס מיר שרייבין :

טו אז מען זאלצט עופות אדער א גאנצע זאט דארפין צו לייגן מיט דער הולער זייט אראפ .
עס זאל זיך ניט פאר זאמלין בלוט אויף דעם אורט :

טז דאס פלייש דארף צו ליגען א שעה אונ זאלץ :

יז איידער מען נעמט אפ דאס פלייש טאר מען עס ניט אריין לייגן אונ א כלי וואס איז אונ
איהר ניט דא קיין וואסער :

יח בשעת מען גייט אפ גיסען דאס פלייש זאל מען עס אפ קלאפין פון זאלץ אונ איבער
שווענקין עס דרייא מאהל אונ וואסער . מען זאל ניט זאליווען קיין וואסער . נאר יעדער
מאהל עס גוט איבער שווענקין :

יט מען דארף געווארנט צו זיין ניט צו לייגן אום געזאלצין פלייש אויף דעם אורט ווי עס
ליגט טייל מאהל זאלץ . דען טאמער קלעפט זיך אן א שטיקעל זאלץ אן דעם פלייש פאר
דעם ווייקען :

כ אויך זאל מען ניט אריין לייגן אום געזאלצין פלייש אונ אזא כלי וואס מען לייגט טייל מאל
אריין אונ איהר איין אנדער עסין ווארג . דען דאס בלוט וואס קלעפט זיך אן אונ דער כלי
פון פלייש וועט זיך אן קלעבין אונ עסין ווארג :

כא דעם קאפ דארפין פאר דעם ווייקין צו שניידען אונ ארויס נעמין דעם מארך אונ צו רייסין
דאס היטעל אונ איטליכעס בזונדער זאלצין . דעם קאפ זאל מען זאלצין פון דרויסין אונ
פון אינעווייניג . מען מעג אים זאלצען אויף די האר :

כב ביינער וואס זענין בהעפט מיט פלייש מענין זיי זאלטצין מיט דעם פלייש בנאנד . אז
זייא זענין ניט בהעפט צום פלייש זאל מען זייא זאלטצין בזונדער . אונ ניט
לעבין פלייש :

כג די פיס פון די בהמות דארפין פאר דעם ווייקין אפ צו האקין די שפיצען פון די
קלאען דאס בלוט זאל קענין פון דארט אויך ארויס גיין בשעת דעם זאלצין :

כד אויך זאל מען זייא שטעלין באופן אז דאס בלוט זאל פון דארט אויך ארויס רינען .
אונ ניט שטעלין אויף דער ערד . מען מעג זייא זאלצין אויף די האר :

כה דאס הארץ דארפין אויף צו שניידין פאר דעם ווייקין . עס זאל ארויס גיין דאס בלוט
וואס

## פרק יב חידושי דינים נחוצים מלוקטים מהרב המופלג והמפורסם כש"ח מו"ה אלימלך הכהן נ"י האבד"ק ראחוב יצ"ו . עם כמה הוספות מהרב המחבר נ"י משלחן ערוך ופוסקים :

א צריך להזהיר לבני ביתו כשרוצים להכשיר העופות בהדחה ומליחה שיבקעום לשנים קורם השרייה ויוציאו כל הבני מעים וגם הריאה . וישרו במים חצי שעה כידוע ואחר

---

וואס איז איין גיזאמילט דרינגען :

כו דיא לינגען זאל מען אויך צו שניידין אונ עפנין דיא גרוסי אדערין פאר דעם ווייקין :

כז דיא לעביר פוילט נישט צו זאלצין . נאר מען מוז זיא בראטין אויף דעם פייער :

כח איידער מען בראט זיא דארפין זיא גוט צו שניידין אונ דער בנייט אונ אין דער לענג אונ לייגין מיט דעם צו שניטענים אויף דעם פייער . דאס פייער זאל גוט ארויס ציהן דאס בלוט :

כט איידער מען לייגט זיא אויף דעם פייער זאל מען זיא איבער שווענקין . אונ בשעת זיא ליגט אויף דעם פייער זאל מען זיא אביסל זאלצין :

ל זיא זאל זיך בראטין אויף דעם פייער ביז זיא וועט גוט זיין צו עסין . דער נאך זאל מען זיא גוט אפ וואשען דרייא מאהל . דער נאך מעגין זיא שוין קאכין :

לא אז מען וויל זיא נישט קאכען נאר עסין גיבראטעני הייט . דארפין זיא דאפער נישט צו שניידען :

לב מען דארף גיווארינט צו זיין נישט צו בראטין זיא אויף א טריקענים אובען . אויך טארין נישט איין וויקלען זיא אונ פאפיר צו בראטין . דען דאס בלוט וועט צוריק איין גיזאפט ווערין . נאר מען זאל זיא בראטין בלויז אויף דיא קוילען :

לג איטער דארפין גוט צו שניידין עטליכע מאהל אונ דער לענג אונ אין דער בנייט פאר דעם בראטין כדי דיא מילעך זאל פון איהם ארויס גיין :

לד דאציפארט זאל מען איהם נישט קאכען נאך דעם בראטין . נאר עסין אזו . דארעשט דינים פון בראטין דעם איטער איז אזו וויא מיר האבין גישריבען בייא דער לעביר :

לה דיא מילטץ דארפין צו טרייבערין פאר דעם ווייקין :

לו א מאגין פון א קאלב וואס איז דא אונ איהם מילעך זאל מען דיא מילעך אויס גיסען פאר דעם ווייקען :

לז אייער וואס מען גיפינט אונ עופות סייא זייא זענין נאך קליין סייא זייא זענין שוין אונ גאנצין פארטיג דארף מען זייא צו ווייקען אונ זאלצין אזו וויא אנדער פלייש :

לח דאציפארט טארין נישט זאלצין זייא בנאנד מיט דעם פלייש נאר זייא זאלין ליגען נייט פון פלייש . עס זאל נישט קענין ארויף ריגען אויף זייא דאס בלוט פון פלייש :

לט אויך טארין נישט עסין זייא מיט קיין מילעך אפילו זייא זענין שוין אונ גאנצין פארטיג :

מ מען דארף גיווארינט צו זיין נישט צו לאזין ליגען אום גיזאלטצען פלייש דרייא מעת לעת אום גיווייקט . נאר מען זאל עס ווייקין אונ וואסער איידער עס לאזין זיך אום דרייא מעת לעת פון דער שחיטה אן . אז עס איז אבער גלעגין דרייא מעת לעת אום גיווייקט זאל מען פרעגין א שאלה :

מא מען זאל נישט אפ זענגין דיא עופות נאר איבער דעם פלאם פון שטרויא אדער גראבעוויגעס . אויך זאל מען נישט מאכין קיין שטארקין פלאם :

מב אויך דארפין צוא רידערין דאס עוף אהין אונ אהער עס זאל זיך נישט דער ווארימען כדי דאס בלוט זאל קענין דער נאך ארויס גיין בשעת דעם זאלטצין :

יעדער

ואחר כך ידיחום היטב מבפנים ומבחוץ . ובבית השחיטה . ובכל מקום שנראה צרירת דם ידיחו וישפשפו היטב מהדם . ואחר כך ימלחו אותם בבל מקום כדין :

ב ולא כמנהג קצת נשים שעושים בהעוף נקב קטן להוציא הבני מעים . ואחר כך מכשירים העוף על ידי שמפזרין המלח בתוכם . שזה אינו נכון מכמה טעמים . כמו שכתב הפרי מגדים ביורה דעה סימן ס"ט סוף ס"ק ט"ו בשם הבית לחם יהודא דראוי לבקוע העופות לשנים (קודם הדחה ומליחה) . והטעם משום ריאה הנחבאת בין הצלעות . וכתב הפרי מגדים על זה דיפה כתב . הדא דלכתחילה אי אפשר למלוח בפנים בכל מקום כו' . ואף בבקע יש להוציא הריאה כו' דלכתחילה בעי (הריאה) מליחה מב' צדדים . עד כאן לשונו :

ג ועוד אחזק דבריהם ז"ל ממה שראיתי בעיני איזה אווזות שהי' איזה שאלה עליהם . ואמרו לי שמלחום כבר על ידי שהוציאו הבני מעים ופזרו המלח לפנים בלא בקיעה . ומצאתי אחר כך בתוכם כמה צרירת דם . וזה מבואר ברמ"א סימן ס"ט סעיף א' ובחכמ"א כלל ל' דצריך אחר הדחת הבשר קודם מליחתו להדיחו היטב במי השריה . וידוע שזה אי אפשר לעשות כן מבפנים כשהעוף שלם :

ד וזה לשון החכמת אדם שם יזהר לשרות במים ערך חצי שעה ולהדיחו ולשפשפו יפה יפה במי השרייה . וצריך לדקדק במקומות שנראה בו דם וכ"ש דם שנצרר על ידי מכה . וכן בחלל העופות ובמקום בית השחיטה . ושם צריך שפשוף היטב . ואפילו בדיעבד אם מצא שם דם בעין אחר המליחה צריך לקלוף מן הבשר מעט באותו מקום . ולכן צריך ליזהר בזה עד כאן לשונו :

ה ובסימן ס"ז כתב רמ"א דיש להחמיר לקלוף בית השחיטה או לחתוך באותו בשר קודם מליחה (וקודם הדחה) הואיל ונצרר שם הדם בשעת שחיטה עד כאן לשונו . וכן כתב בחכמת אדם סוף כלל כ"ט . וכתב שם הפרי מגדים במשבצות סוף ס"ק ב' וזה לשונו ואיני יודע על מה סומכין העולם בבשר בית השחיטה דעל כל פנים כו' בעי חיתוך (קודם מליחה) עד כאן לשונו . ולכן צריך להזהיר על זה :

ו כשרוצין לשרות עופות בתוך ג' ימים שיהיו מותרין לבישול אחר כך כידוע צריך ליזהר לפותחן מקודם . כי אם שרו העופות שלימים אסור לבשל האברים הפנימים אחר כך רק

## (יום יג) פרק יב

א יעדער יוד דארף צו ווארנען דאס בני בית אז ווען זייא וועלען בשר מאכין איין עוף דורך ווייקין אונ זאלצין . זאלין זייא צו שפאלטין דאס עוף פאר דעם ווייקין . אונ ארויס נעמין דיא קישקעליך אונ אלדינג פון אינעווייניג . אפילו דיא לינגליך זאלין זייא ארויס נעמין פאר דעם ווייקין . אונ זאלין אלדינג איין ווייקין אונ וואסער עס זאל ליגען אונ וואסער א האלבי שעה אזוי וויא דער דין איז :

ב דער נאך זאל מען ארויס נעמין דאס פלייש פון וואסער אונ גוט אפ וואשין פון בלוט . דאס עוף זאל מען גוט אפ וואשין פון אינעווייניג אונ פון אויסענווייניג . ווער שמיסט אויף דעם אורט וויא דאס עוף איז גישאחטין בייא דעם האלז דארפין בוודאי איין שניידין אונ גוט אפ וואשין עס זאל זיין ריין פון בלוט :

ג אויך אויף וועלכין אורט מען זעהט בלוט זאל מען גוט אפ וואשין מיט דער האנט פאר דעם זאלצין . דער נאך זאל מען גוט זאלצין דיא עופות פון אינעווייניג אונ פון אויסענווייניג אונ יעדער פלייש פון אלע זייטין . עס זאל גישט בלייבין קיין אורט אן זאלץ :

ד אז מען וואשט גיט גוט אפ דאס פלייש פאר דעם זאלצין אזוי וויא מיר שרייבין אונ מען גיפינט נאך דעם זאלצין א שטיקעל אורט פון פלייש וועלכים עס איז נאך איין גירעכט מיט בלוט פון פריער זאל מען פרעגין א שאלה :

ה דען דאס זאלץ קען נאר אויס ציען דאס בלוט פון אינעווייניג . אבער דאס בלוט וואס דאס פלייש איז איין גירעכט פון פריער מוז מען גוט אפ וואשין פאר דעם זאלצין אזוי וויא מיר האבין גישריבען :

איבער דעם טוהן גישט רעכט וויל ווייבער וועלכים זייא צו שפאלטין גישט דאס עוף פאר דעם

רק לצלותם כמבואר בשאלות ותשובות נודע ביהודא הובא בפתחי תשובה סימן ס"ס
ס"ק כ"ז :

ז ביורה דעה סימן ק"כ פסק הש"ך שם ס"ק י"ב דכלי עץ שיש לו השוקים של ברזל
מבחוץ שמעמידים אותו דיש לטובלו בלא ברכה או עם כלים אחרים דמספקא לן אי
אזלינן בתר המעמיד . וכן פסק בחכמת אדם כלל ע"ג :

ח ולכן נראה דמה שנוהגים העולם בכלים כגון קדירות וקערות שנשברו ותופרים אותם
בחוט של ברזל שקורין דרעט . שאם תפרם עכו"ם צריך לטובלם בלא ברכה . כיון
שהברזל מעמידם ובלא דידי הברזל היו שברים בעלמא . והברזל עושה אותן כלי :

ט ומכל שכן כשהחוט של ברזל הוא גם כן מבפנים והנכרי נותן החוט של ברזל משלו
דיש סברא להצריך להטבילם בברכה . כמבואר ברמ"א ואחרונים שם עיין שם .
ועכ"פ צריך ליזהר להטבילם בלא ברכה . או עם כלים אחרים :

י וכשיבוא להטבילם צריך להדיחם יפה שלא יהיה דבוק בהם שום לכלוך כמבואר
ביורה דעה שם :

יא גם יהא אדם נזהר בענין מכירת בהמה המבכרת לנכרי שיהיה כסף ומשיכה כדין
תורה . (ועיין בחו"מ סימן קצ"ז דין משיכת בהמה) . וישאל לחכם שבעירו איך
ינהוג בזה . וכמבואר בש"ע רז"ש סוף הלכות פסח. ומהראוי על השוחטים דמתא להשגיח
על זה שיהיה על פי הדין . כדי שלא יבואו ה"ו לידי שחיטת קדשים בחוץ :

יב גם יזהר כל אדם שלא לקלל ח"ו את שום אדם מישראל . כי מבואר בחו"מ סימן
כ"ז ברמ"א ואחרונים שעל זה לא מהני מחילה . אם כן זה גרע מחירף את חבירו
דמהני מחילה . ועל זה לא מהני מחילה לבד . אלא אם כן יעשה גם כן תשובה כמו
שעבר על איזה לאו שבתורה :

יג גם יש להזהיר שאורך הציצית יהיה י"ב גודלין מלבד המונח על הבגד כמבואר
בשלחן ערוך אורח חיים סימן י"א ובאחרונים שם ועיין שם דמודדין באדם בינוני
במקום

דעם וויַיכֿן . נאָר זייא שניידין אויף אַשְׁטיקעל און נעמין אַרויס פון אינווייניג . דער
נאך וויַיכן זייא עס אַזוי . דער נאך זאַלצין זייא עס פון אויבן . און שיטען אַריין אינעווייניג
אויף זאַלץ יוצא צו זיין . דאס איז אָבער גישט רעכט פון פיהל טעמים :

ז זייא דאַרפין אַליין צו ווייסען אַז עס טויג נישט אַזוי . דען נאך דעם זאַלצין און נאך דעם
אָפּ גיסען ווען זייא צו שפּאַלטין דאס עוף גיפינט מען דאך אינעווייניג פיהל ערטער וועלכים
זענין איין גירעכט מיט בְּלוּט פון פְריער . איבער דעם מוז מען טוהן אַזוי וויא מיר האָבין
אויבען גישריבען בסעיף א׳ ב׳ ג׳ :

ח אויך יעדער פלייש וואס מען וויל זאַלצין כָּשֵׁר צו מאַכין מוז מען אָלְטָץ נאך דעם ווייקין
פאר דעם זאַלצין גוט אָפּ וואַשין אויף אַלע ערטער עס זאָל נישט זיין אויף דעם פלייש קיין
בְּלוּט פון פריער בשעת דעם זאַלצין :

ט טיילמאָהל ווען עס טרעפט זיך עס ליגען עופות ביז דעם דריטען טאג אום כָּשֵׁר גימאַכט
און מען וויל זייא דעם דריטען טאג ווייקען און וואַסער מען זאָל מעגין זייא ווייטער
האַלטין צווייא טאג אום כָּשֵׁר גימאַכט . דאַרף מען זייא צו עפינען און אַרויס נעמין פון
אינעווייניג פאר דעם ווייקין :

י אַז מען האָט אָבער אַזוי איין גיווייקט גאַנצע הייט און עס איז פאַר בייא גיגאַנגין דרייא
מעת לעת פון דער שחיטה ביז דעם זאַלצין זאָל מען פרעגין אַ שאלה :

יא פון צינדערט אָן וועלין מיר שרייבין נאך נייטיגע דינים פון שלחן ערוך ופוסקים וועלכים
יעדער מענטש דאַרף זייא נייטיג צו וויסען :

יב אַז מען קופט פון אַגוי אַ קענדיל אָדער אַ פעסיל מיט אייזערנע רייפען דאַרף מען עס
צו טובלין אָן אַ בְּרָכָה :

יג דעסט גלייכין וואס דער שטיינער איז ווען אַ טעפיל אָדער אַ שיסעלי ווערט צו בראָכין
ומען עס צו אַגוי ער זאָל עס צו נייען מוט דראט מען זאָל קענין דער נאך ווייטער

במקום הרחב שבאגודל. ועיין שם בפרי מגדים במשבצות סק"ג שכתב וזה לשונו לא יפה עושים מוכרים שמצמצמין במדת אורכם וקרוב הדבר ברכה לבטלה כו' ויש להזהירם על כך עד כאן לשונו :

יד ובאשל אברהם שם סק"ח כתב וזה לשונו ומשמע אפילו דיעבד מעכב אם לאחר הכריכה והקשירה אין בארכן י"ב גודלין מלבד מה שמונח על הבגד. והעולם מוכרין ציצית קצרים וראוי למחות בידם עד כאן לשונו :

טו וכי כדאי הוא להכנים את עצמו לברכה לבטלה מחמת שציצית הקטנים נמכרים קצת בזול פחות מעט. ואפילו לקטנים גם כן צריך לקנות ציצית גדולים כשיעור הנ"ל. מטעם הנ"ל :

טז ואיתא בגמרא מנחות דף מ"ג עמוד ב' רבי שמעון בן יוחאי אומר כל הזריז במצוה זו זוכה ומקבל פני השכינה • וגם איתא שם דשקולה מצוה זו כנגד כל המצות כולן וגם מצלת מעבירת זנות כמבואר שם בגמרא דף מ"ד. בוודאי כדאי הוא לפזר על ציצית כשרים שיהיו כפי שיעור הנ"ל :

יז הנה מבואר בפרי מגדים סימן רפ"ט וסימן רצ"א ובסידור דרך החיים דנשים מחויבים בשבת גם בבוקר בקידוש היום. לכן יזהיר את בני ביתו על זה לשמוע גם כן הקידוש בבוקר. ויאכלו אחר כך תיכף כזית לחם או פת הבא בכסנין מחמשת המינים. כדי שיהיה קידוש במקום סעודה כידוע :

יח עוד יזהיר שלא לשאוב בשבת לעת ערב מים שלא לצורך שבת. ולא כמו שנוהגים בקצת מקומות לצאת לשאוב בשבת לעת ערב בשני כלים. כדי שיהיה להם על מוצאי שבת קדש. כי אסור להכין משבת לחול כמבואר בגמרא ופוסקים :

יט עוד צריך להודיע דבערב יום טוב בערב מחויבים לסגור החניות ולפסוק ממלאכה האסורה ביום טוב סמוך לשקיעת החמה. כמו בערב שבת. כמבואר בגמרא יומא דף פ"א עמוד ב' שמחויב להוסיף מחול על הקודש בערב יום טוב כמו בערב שבת. וזה נלמוד מהפסוק תשבתו שבתכם. וכמבואר בפרי מגדים ורז"ש סימן רס"א ובחיי אדם כלל ה'. גם יש חילוקים בשיעור בין השמשות כידוע :

כ ולא כמו שנשתבשו קצת בני אדם שאין סוגרים את החניות בערב יום טוב עד קרוב להשיכה. ונדמה להם שערב יום טוב קיל מערב שבת. השי"ת יכפר בעדם. ויזהרו מכאן ולהלאה לעשות כדין :

וראיתי

ניצען דער מיט דארף מען עס אויך נאך דעם צו גייען צו טובלין אין א ברכה :

יד בייא דעם אלימען אז מען האט אנדערי כלים צו טובלין וועלכים מען מאכט יוא בייא זייער טובלין דיא ברכה • זאל מען דיא כלים וואס מיר האבין געשריבען באלד טובלין נאך יענע כלים • כדי דיא ברכה פון פריער זאל זיין אויף דיא כלים אויך :

טו בשעת מען וויל טובלין א כלי דארפין אכטונג געבין זיא זאל זיין ריין • אז זיא איז נישט ריין דארפין זיא גוט אפ וואשין זיא זאל זיין ריין בשעת דעם טובלין :

טז דער מענטש וואס טובעלט א כלי דארף זיך איין צו טינקען דיא האנט אונ דער מקוה פאר דעם טובלין. אונ זאל נישט האלטין שטארק דיא כלי נאר מיטעל :

יז מען מוז אכטונג געבין דיא כלי זאל זיין אונ גאנצין מיט אמאהל אונ וואסער בשעת דעם טובלין :

יח ווייבער זענין מחויב שבת אונ קידוש אזוי וויא מאנטצביל • אפילו אונ דעם קידוש פון דער פריא זענין זייא אויך מחויב :

יט איבער דעם דארף מען צו ווארינען דעם בני בית זייא זאלין גוט אויס הערין דעם קידוש סייא פון בנאכט סייא פון אונ דער פריא. אונ זייא זאלין אונ זינגען האבין יוצא צו זיין :

כ אויך דארף מען צו עסין באלד נאך דעם קידוש אונ דער איינגער שטיב א שטיקער חלה אדער אייער קיכעל האטש אזוי גרוים וויא א האלב איי. דען אז נישט איז מען נישט יוצא מיט דעם קידוש :

**כא** וראיתי להזכיר כאן דברי הפרי מגדים באורח חיים סימן שס״ו במשבצות סק״ז שתמה על נוסח רוב סידורים שלנו בנוסח העירובי חצרות כשעושין בעד כל העיר המתוקנת בעירובין :

**כב** וזה לשונו שם . שמתי אל לבי בדין עירובי חצירות ושיתופי מבואות . וראיתי נדפס בסידורים בדין כו׳ להכנים ולהוציא ולהביא בכל שבתות השנה הזאת . מבית לבית . מחצר לחצר . מגג לגג . ומבתים להצר . ומחצר לבתים . ומחדר לחדר . ומבית לגג.ומגג לבית כו׳ לנו ולכל ישראל הדרים בעיר הזאת עכ״ל . ובעיקר הנוסח איני יודע למה השמיטו ממבוי לחצר ובתים מאחר דלדידן המצה בערב פסח הוא שיתוף ועירוב . אם כן יאמר בדין יהא כו׳ וממבוי לחצירות ולבתים כבסימן שצ״ה. ועירוב כולל עירוב ושיתוף . ומה שכתוב בנוסח מבית לבית וחדר לחדר. היינו של שני בני אדם . דבלא עירוב אסור מחדר לחדר בבית אחד אף סמוכין זה אצל זה כמו שכתב המג״א . ומחצר לחצר. היינו כלים ששבתו בבית . וכעת צריך עיון בזה הנוסח . ואיני יודע מה אידון ביה׳ כי לדעתי יש להוסיף ולכלול מבואות כאמור . גם יש לומר ביום טוב גם כן כו׳ . ומ״ש כאן בסט״ז ובמג״א דאם גבו העירוב ולא אמרו דמותר. היינו בלא הזכיר כלל . הא לומר מקצת ולהשמיט מקצת יש לומר אף דיעבד לא מהני וכיון דהשיתוף בטל גם העירוב בטל כו׳ עכ״ל :

**כג** ובאשל אברהם ס״ק כ״א כתב גם כן דאם הזכיר מקצת יש לומר לכ״ע אסור עד כאן לשונו :

**כד** ובחיי אדם כלל ע״ב סימן ה׳ כתב וזה לשונו בשעה שמזכה העירוב מברך אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב ואומר בהדין יהא שרא לנא לאפוקי ולעיולי מן הבתים לחצר ומן החצר לבתים ומבית לבית ומן הבתים למבוי וממבוי לבתים לכל בתי החצירות ולכל מי שיתוסף בעיר הזאת . ואם מערב לכל שבתות השנה יאמר לכל שבתות השנה ולכל ימים טובים עד כאן לשונו :

**כה** ורז״ש סימן שס״ו סעיף י״ח כתב וזה לשונו ואומר בדין עירובא יהא שרא לנא לאפוקי ולעיולי מן הבתים לחצר ומן החצר לבתים ומבית לבית לכל הבתים שבחצר . ונוסח שלנו יתבאר בסימן שצ״ה עד כאן לשונו :

**כו** ובסימן שצ״ה כתב וזה לשונו ואומר בזה השיתוף יהא מותר לכל בני המבוי להוציא ולהכנים מהצירות למבוי . ואם משתתפים בפת וסומכין על שיתוף במקום עירוב כו׳ יאמר גם כן מחצירות לבתים עד כאן לשונו:

**כז** ועיין עוד בשלחן ערוך ואחרונים סימן שס״ו שס״ח דיש לומר גם כן בשעה שמערב

**כא** אַז צְוֵויא יוּדְען וואָנען אוּנ אֵיין הויז אויף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת דָארְט טְרָאגִין דַארְפִין זַייא פְרַייטִיג צוּ מַאכִין אַיין עירוּבֵי חֲצֵירוֹת . דֶען אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט דָארְט קֵיין עירוּבֵי חֲצֵירוֹת טָארִין נִישְׁט טְרָאגִין דָארְט שַׁבָּת אֲפִילוּ פוּן שְׁטִיבּ אוּנ הויז אַרַיין . אוּנ אוֹיךְ נִישְׁט פוּן אֵיינֶעמְס שְׁטִיבּ אוּנ דֶעם אַנְדֶערִינְס שְׁטִיבּ אַרַיין :

**כב** דֶער וָואס ווייסְט נִישְׁט ווִיא אַזוֹ צוּא מַאכִין אַיין עירוּבֵי חֲצֵירוֹת זָאל פְרֶעגִין דֶעם וָואס ווייסְט . ווִיא אַזוֹ צוּ מַאכִין.זֶעה אַיין בְּסֵפֶר דִבְרֵי תּוֹרָה סִימָן ס״ב :

**כג** אוּנ דֶער שְׁטָאט וָואס מֶען מֶעג שַׁבָּת טְרָאגִין ווייל זִיא אִיז אַרוּם מִיט עירוּבִין אִיז גִינוּג וָואס דֶער רָב מַאכְט עירוּבֵי חֲצֵירוֹת פַאר דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט :

**כד** נָאר אַז דֶער עירוּב אִיז פְרַייטִיג אִיבֶּער גִירִיסֶען גִיוָוארֶען בַּדַארְף יֶעדֶער הויז וָואס וואָנֶען דְרִינֶען צְוֵויא יוּדְען צוּ מַאכִין פְרַייטִיג אַיין עירוּבֵי חֲצֵירוֹת . זַייא זָאלִין מֶעגִין טְרָאגִין אוּנ דֶעם אֵייגֶנֶעם הויז פוּן אֵיינֶעמְס שְׁטִיבּ אוּנ אַנְדֶערִינְס אַרַיין אוּנ אוֹיךְ אוּנ הויז אַרַיין :

**כה** דַארֶעשְׁט דִינִים וָואס שְׁטַייעֶן אוּבֶען בִּלְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבֶּען בִּלְשׁוֹן עִבְרִי טַייטְשׁ יֶעדֶערִין דִין אוֹיף זַיין אָרְט . אִין דֶעם פֶּרֶק וָואס דֶער דִין דַארְף צוּ שְׁטַיין : זֶעה אַיין בְּפֶּרֶק ז׳ סְעִיף פ״ד . וּבְפֶּרֶק ח׳ סְעִיף מ״א מ״ב . וּבְפֶּרֶק ט״ז סְעִיף ט״ז י״ז י״ח . וּבְפֶּרֶק ל׳ סְעִיף ב׳ ג׳.וּבְפֶּרֶק ל״ו סְעִיף ח׳ ט׳ י׳ . אַלֶע דִינִים פוּן יֶעדֶערִי זַאךְ :

שמערב שמזכה גם כן לכל מי שיתוסף עליהם מיום זה ואילך:

כח ובסימן שצ"ה באשל אברהם כתב וזה לשונו והנוסח בדין יש להוסיף כו' להוציא ולהכניס מחצר למבוי וממבוי לחצר ומהם לבתים כו' ולהוסיף גם כן לנו ולכל ישראל הדרים בעיר הזאת ולכל מי שיתוסף עד כאן לשונו:

כט ועיין עוד בט"ז ומג"א סימן שס"ו ובט"ז ורז"ש ומחצית השקל סימן תקי"ח דיכלול בו גם יום טוב ולומר לכל שבתות וימים טובים של שנה זו. ורז"ש שם הוסיף עוד דגם מי שנוהג לערב ולשתף לכל שבת ושבת יאמר בשבת שלפני יום טוב לשבת זו וליום טוב הבא עלינו עד כאן לשונו:

ל ולכן כתבנו כאן הנוסח על פי הפוסקים הנ"ל וכעין שהוא בקצת סידורים שנדפסו מחדש. בדין יהא שרא לנא להכנים ולהוציא ולהביא בכל שבתות השנה הזאת מבית לבית. ומחצר לחצר. ומגג לגג. ומבתים לחצר. ומחצר לבתים. ומחצרות למבוי. וממבוי לחצרות ולבתים. ומחדר לחדר. ומבית לגג. ומגג לבית. כל מה דצריך לן בשבת הבאה ובכל שבתות השנה הזאת (בשבת הסמוך ליום טוב יאמר גם כן, וביום טוב הבא עלינו) ובימים טובים של שנה זו הבאים עלינו לטובה לנו ולכל ישראל הדרים בעיר הזאת ולכל מי שיתוסף בעיר הזאת:

לא וכשמערב גם כן בכל ערב שבת בלא ברכה כמו שכתבו האחרונים סימן שס"ח דנכון לעשות כן (שמא נתפשׁ העירוב שבבית הכנסת) ידלג אז תיבות ובכל שבתות השנה הזאת. ותיבות ובימים טובים של שנה זו:

לב וכל זה כשמערב בעד העיר המתוקנת בעירובין. אבל מי שדר במקום שאינו מתוקן בעירובין ומערב בכל ערב שבת לחצר שלו בלבד. יכול לומר הנוסח הכתוב בכל הסידורים. או יאמר נוסח המבואר למעלה סעיף כ"ה מדברי רז"ש ז"ל בסימן שס"ו:

---

## פרק יג דינים פון מילעכדיקס און פליישיגס. און וויא אזוי מען מעג שיקען פלייש אדער אנדערע זאכין דורך א גוי:

א אז איינער עסט פליישיגס טאר ער נישט עסין קיין מילעכדיקס ביז ער ווארט זעקס שעה אפילו ער קייעט נאר פון א קינד װעגין דארף ער אויך צו ווארטין:

ב אז מען גיפינט נאך די זעקס שעה פלייש צווישען די ציין דארף מען עס ארויס צו נעמין. און ער דארף שוין נישט צו ווארטין. נאר ער זאל איבער קייען א שטיקעל ברויט און אויס שווענקין דאס מויל:

ג אז איינער עסט איין עסין ווארג וואס איז נישט דרינען גיוועןקיין פלייש און קיין שמאלץ נאר עס איז גיקאכט גיוואָרין און א פליישיג טעפיל מעג ער עסין דער נאך מילעכדיקס:

ד אז איינער עסט מילעכדיקס און וויל עסין דער נאך פליישיגס דארף ער זיך אפ צו וואשין די הענט מיט וואסער און איבער קייען א שטיקעל ברויט און אויס שווענקין דאס מויל. וועט ער מעגין עסין פליישיגס:

ה עס איז גלייך אפ צו בענטשין אדער מאכין דעם בורא נפשות אדער די ברכה אחרונה נאך דעם מילעכדיקס און ווארטין אביסעל איידער ער זעצט זיך עסין פליישיגס.

ו אז מען עסט הארטין קעז וואס איז שוין אלט זעקס חדשים אדער פעטין קעז וואס איז ווערמדיק. דארפין צוא ווארטין זעקס שעה איידער מען עסט פליישיגס:

ז אז איינער עסט מילעכדיקס און וויל דער נאך עסין פליישיגס דארף ער אפ צו שארען פון טיש די מילעכדיקע קרישעליך:

ח מען טאר נישט עסין קיין פליישיגס אויף א מילעכדיק טישטיכעל אודער פאר קערט:

ט אויך טארין נישט שניידין מיט א פליישיג מעסיר ברויט צו עסין עס מילעכדיק אדער פאר קערט. אפילו דאס מעסיר איז ריין:

**י** אז מען האט נישט קיין אנדער מעסיר זאל מען גוט אפ ווישען דאס מעסיר עס זאל זיין גאנץ ריין · ווען מען מעגן דער נאך דער מיט שניידין ברויט צו עסין מיט דעם אנדערין מין :

**יא** איין אויבן וואס איז אויס גילאפין אויף דער דנאי שמאלץ אדער מילך · דארפין איהם צו גליען אונ צו צו שפרייטין דיא קולען אויף דער גאנצער דנאי · עס זאל פון איהר שפריצען פינקען :

**יב** איבער דעם דארפין גיווארינט זיין בייא דעם איינוואלי וואס איבער דער גריבע אז עס לויפט דארט אויס אויף דער דנאי מילך אדער יאך פון פלייש מוז מען אריין לייגין קולען אונ גוט אויס גליען דיא דנאי :

**יג** פייל מענטשין האבין א טעות אונ זאגין אז עס ווערט גיגליעט ווען מען ברענט הינטען אונ דער גריבע ווערט ממילא איבער גיברענט אונ איינוואלע דורך דער היטץ פון הינטען · ווייל זייא זיך טועה · ווען דער דין איז אז אויף דעם איינינעם ארט וויא עס איז איין גיזאפט גיווארין מ״ז אויף דעם איינינעם ארט גיגליעט ווערין דורך פייער אדער דורך קולען · אבער דאס ברענין אויף יענער זאט פוילט גאר נישט :

**יד** דאס איינינע מוז מען גיווארינט זיין בייא דער ענגלישע קעך וואס מען ברענט פון הינטען אונ מען קאכט פון אויבן · אז עס לויפט עפיס אויס מוז מען אויך אויס ברענין פון אויבען אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבען :

**טו** אז מען שיקט עיין אדער פלייש דורך אגוי · דארפין צו פאר חתמנין דיא זאך וואס זייא ליגען דרינען מיט צוויא חתימות · דער גוי זאל עס נישט פאר ביטין :

**טז** אז מען שיקט מילך אדער ברויט אדער קעז דורך אגוי איז גינוג אז מען פאר חתמית מיט איין חתימה :

**יז** דיא איינינע דינים גייען אויך אן אז מען גיט אגוי צו בהאלטין דיא זאכין וואס מיר שרייבין :

**יח** אז דיא זאך וואס מען שיקט אדער מען גיט צו בהאלטען ליגט אונ א זאק דארפין צו פאר דרייען דעם זאק מיט דער נאט אריין אונ אריין לייגין דיא זאך אונ פאר בינדען אונ פאר חתמנין איהם :

**יט** אז מען האט גישיקט דורך אגוי דיא זאכין וואס מיר האבין גישריבען אונ זייא זענין נישט גיוועין פאר חתמית · דארפין צו פרעגין א שאלה אויב מען מעג דיא זאך עסין אדער טרינקען :

**כ** דאריבער טארין נישט האלטין זיך פאר גרונג צו זאגין למשל דער גוי וועט זעביר נישט פאר ביטין · נאר מען זאל טוהן אזוי וויא מיר האבין גישריבען · אויך זאל מען נישט פראכטע פאר קלעבין מיט טריפוואקס · נאר מען זאל פאר חתמנין מיט א חתימה פון אותיות :

## (יום יד) פרק יד דינים פון פראצענט נעמין :

**א** עס איז אגרויסי עבירה צו אנטליען אויף פראצענט אז עס איז נישט על פי היתר עיסקא וואס מיר וועלין ווייטער שרייבין :

**ב** אפילו ער האט אים נישט צו גיזאגט בשעת ער האט זיך אנטליגען נאר דער נאך בשעת יעניר מאנט אים דעם חוב וואס ער איז שילדיג פון א וואסערי זאך עס איז · גיט ער אים געלט אדער עפיס אנדערש ער זאל אים ווארטין עטליכע טעג איז דאס א גרויסי עבירה · סייא אויף דעם וואס נעמט סייא אויף דעם וואס גיט :

**ג** אפילו ער אנטלייעט אים ער זאל געבין דאס פראצענט אנאנדערין אדער ער זאל עס אוועק געבין איין אריסאן טארין אויך נישט · דען אז ער גיט דעם וואס ער הייסט געבין איז גלייך

וויא ער גיט עס אים אליין :

ד אפילו מען האט גאר נישט· אוים גירעט קיין פראצענט נאר בשעת ער בצאלט אים גיט ער אים עפיס מער וויא ער האט אים אנטליגען הייסט דאס שוין פראצענט :

ה אפילו ער זאגט אים נישט אז ער גיט אים דאס פאר פראצענט · אונ אפילו ער אליין אי׳ אויך נישט זיך מכוין דאס צו געבין פאר פראצענט · אונ אפילו ער איז גיוואנט גיוועז צו געבין אים מתנות פון תמיד. טארין אליך נישט :

ו דען אז ער גיט אים נאר עפיס מער בשעת ער בצאלט אים זעהט שוין אוים אז דאס איז פראצענט :

ז אפילו דער וואס האט זיך גיליגין זאגט אים בשעת ער גיט אים פראצענט אז ער שענקט עס אים גלאט פאר א מתנה טאר ער אויך נישט צו נעמין פון אים :

ח אז איינער האט אבער שוין גינומען פראצענט אונ ער וויל טוהן תשובה אונ אפ געבין דעם לוה. אונ דער לוה זאגט אז ער איז עס אים מוחל דארף ער שוין נישט אפ צו געבין :

ט דעם כלל זאל מען וויסען אז דער וואס אנטלייעט הייסט מלוה· אונ דער וואס לייעט זיך הייסט לוה. מען זאל דאס גידענקין כדי מען זאל זיך נישט טועה זיין :

י אז דער לוה איז נישט גיוואנט גיוועז צו זאגין דעם מלוה גוט מארגין טאר ער אים ציגדערט אויך נישט זאגין · דען א גוט ווארט הייסט אויך פראצענט :

יא דריבער טאר ער אים נישט לובין בשעת ער הערט אדער צו זאגין אים א שיינעם דאנק אדער צו בענטשין אים ווען ער הערט וויל ער האט אים אנטליגען · אדער וויל ער ווארט אים ביז ער וועט אפ געבין טאר מען אליך נישט :

יב אז ער דארף אים צו בעטין ער זאל אים אנטלייען אדער ער זאל אים ווארטין עטליכע וואכין זאל ער גלאט בעטין מיט ווייכי רייד · אבער נישט לובין אים אדער חנפענין :

יג נאר מען זאל זיך פאר לאזין אויף השם יתברך אז מען וועט בוודאי קריגען וואס מען דארף אז מען וועט נישט ווינדיגען קיינעם אים מיט דיא זאכין וואס מיר שרייבין. אפילו מען וועט נישט קריגען פון דעם מענטש וועט השם יתברך צו שיקען דארך אנאנדערין מענטש · אזוי וויא זיין גוטער ווילען איז :

יד אז איינער אנטלייעט דעם אנדערין געלט טאר ער נישט דינגען בייא דעם לוה דאס הויז אדער עפיס אנדערש פאר ווינציקער וויא אנאנדערער וואלט גיגעבין :

טו אז איינער אנטלייעט דעם אנדערין געלט אונ דער לוה גיט אים א משכון א הויז אדער אפעלד ער זאל זיצען דרינען אדער ער גיט אים א משכון וועלכי זאך ער זאל ניצען דער מיט. זאל ער פרעגין א שאלה וויא אזוי ער זאל טוהן צו זיצען דרונען אדער ניצען מיט דעם משכון פאר וועלכווילער :

טז אבער צו זיצען אונ דעם הויז אדער גיצען מיט דעם משכון אונ נאר נישט אפ שלאגין פון חוב טארין בוודאי נישט :

יז דאס וואס דיא וועלט אנטלייעט געלט אויף פריצענט אויף אוועקסיל וואס מען שרייבט על צד היתר עיסקא פולט נאר אז יענער האנדילט מיט דעם געלט · גיט ער דעם מלוה א חלק פון ריוח· אונ אזוי וויא מיר האבין גישריבען בספר מסגרת השלחן סימן ס׳ו ובספר דברי תורה סוף סימן ל׳ט דאס ענין דער פון מיט פיהל טעמים דער צו :

יח אבער אז יענער לייעט זיך דאס געלט צו בצאהלין א חוב אדער אויף עפיס אנדערש· טאר מען נישט נעמין בייא אים קיין פראצענט · אויך טאר ער נישט געבין קיין פראצענט · אזוי גוט וויא ער וואלט זיך אנטליגען אהן א היתר עיסקא :

פרק

## פרק טו דינים אַז מֶען טָאר נִישְׁט גְלַייבִּין אוּן זָאכִין וָואס זֶעהְן אוֹיס וִויא כִּישׁוּף :

א טייל מֶענְטְשִׁין גְלַייבִּין אוּן אַזֶעלְכֵי זַאכִין וָואס זֶעהְן אוֹיס וִויא כִּישׁוּף · דְהַיְינוּ זַייא זָאגִין דָאס בְּרוֹיט אִיז מִיר אַרוֹיס גִיפַאלִין פוּן מוֹיל · אָדֶער דֶער שְׁטֶעקִין אִיז מִיר אַרוֹיס גִיפַאלִין אוֹיס דֶער הַאנְט · אָדֶער אַנְדֶערֵי זַאכִין אַזַא שְׁטֵייגֶער וָואס טְרֶעפְט זִיךְ זַייא . אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּאסְין זַייא זִיךְ אָפּ זַייא זָאלִין צִינְדֶערְט נִישְׁט גַיין אוּן וֶועג אַרַיין אָדֶער נִישְׁט אָן הַייבִּין צוּ טוּהְן אַ מְלָאכָה :

ב דֶעסְט גְלַייכִין אִיז דָא טֵייל מֶענְטְשִׁין וָואס זָאגִין אַז זַייא וִוילֶען צִינְדֶערְט נִישְׁט אָפּ גֶעבִּין קַיין חוֹב וַוייל עֶס אִיז נַאנְץ פְרִיא אָדֶער עֶס אִיז תֵּיכֶּף נָאךְ שַׁבָּת צוּ דֶער פִילֶער וָואךְ אָדֶער עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וִוילֶען זַייא נִישְׁט אָן הַייבֶּען צִינְדֶערְט אָפּ צוּ גֶעבִּין אַ חוֹב :

ג בַּדַארְפִין צוּ וִויסֶען אַז דִיא אַלֶע זַאכִין אִיז אַגְרוֹסֵי עֲבֵירָה . דֶען אַ יוּד דַארְף נָאר צוּ גְלַייבִּין אוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז עֶר פִירְט דִיא וֶועלְט . אוּן עֶס אִיז אַלְץ בַּייא אִיהְם אוּן דֶער הַאנְט · דַארִיבֶּער דַארְפִין נָאר זִיךְ צוּ פַאר זֶעכֶערִין אוּן גָאט בָּרוּךְ ה״א · אוּן בֶּעטִין צוּ אִיהְם · אָבֶּער נִישְׁט אוּן זִינֶען הָאבִּין דִיא אַלֶע נַארִישְׁקַייט פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען :

## פרק טז דִינִים אַז מֶען זָאל גִיוָוארִינְט זַיין נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערִין אוּן נִישְׁט קַיין נֶדֶר טוּהְן . אוּן מֶען זָאל נִישְׁט גִידֶענְקִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטִינְס נָאמִין אוּמְזִיסְט . אוּן מֶען זָאל נִישְׁט שֶׁעלְטִין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין :

א מֶען דַארְף גִיוָוארִינְט צוּ זַיין נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערִין קַיינְמָאהְל · אוּן אוֹיךְ נִישְׁט טוּהְן קַיין נֶדֶר . דֶער מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט עֶס אִיז אַ סַךְ שְׁטֶעט חָרוּב גִיוָוארִין וַוייל זַייא זֶענִין גִיוואוֹינְט גִיוֶוען מִיט שְׁבוּעוֹת אֲפִילוּ אוֹיף אֱמֶת :

ב עֶס אִיז פַאר הַאנִין טֵייל מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענִין גִיוואוֹינְט צוּ שְׁוֶוערִין אָדֶער זָאגִין אָסוּר אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ . אָדֶער אוֹיף נֶאֱמָנוּת · דַארְפִין זַייא וִויסֶען אַז דָאס אִיז אֵיין עֲבֵירָה . דִיא עֲבֵירָה פוּן נְדָרִים אוּן שְׁבוּעוֹת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס · דַארִיבֶּער מוּז מֶען זֶעהְן זִיךְ אָפּ צוּ גִיוֵוינֶען דֶער פוּן :

ג דִיא הֵיילִיגֶע סְפָרִים שְׁרַייבִּין אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁוֶוערִין אֲפִילוּ מִיט דֶעם לָשׁוֹן „מֶען זָאל אַזוֹי לֶעבִּין״ אוּן נָאךְ אַזַא שְׁטֵייגֶער :

ד אוֹיךְ דַארְפִין צוּ וִויסֶען נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערִין אֲפִילוּ אוֹיף פוֹילִישׁ אָדֶער רוּסִישׁ · דֶען אוֹיף וֶועלְכִין לָשׁוֹן מֶען שְׁוֶוערְט הַייסְט אַלְץ אַ שְׁבוּעָה . וֶועלְכִים דֶער אִיסוּר דֶער פוּן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס :

ה מֶען דַארְף צוּא לֶערְנִין דִיא קִינְדֶער זַייא זָאלִין זִיךְ נִישְׁט גִיוֵוינֶען מִיט קַיין שְׁבוּעוֹת אוּן נִישְׁט מִיט קַיין נֶדֶר :

ו אֲפִילוּ צְדָקָה אִיז אוֹיךְ נִישְׁט רֶעכְט מְנַדֵר צוּ זַיין . נָאר וֶוען מֶען הָאט זָאל מֶען גְלַייךְ גֶעבִּין אָן אַ נֶדֶר :

ז אַז דֶער עוֹלָם זָאגְט צוּ צוּ גֶעבִּין צְדָקָה וֶועלְכִים מֶען דַארְף אוֹיךְ צוּ זָאגִין אָדֶער בְּשַׁעַת מֶען אִיז מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת. זָאל מֶען זָאגִין בְּפֵירוּשׁ בְּלִי נֶדֶר ; הַיְינוּ מֶען זָאל זָאגִין „אִיךְ וִויל גֶעבִּין אַזוֹי פִיהְל בְּלִי נֶדֶר״ :

ח אַז מֶען זָאגְט אָבֶּער אִיךְ וֶועל גֶעבִּין אוּן מֶען זָאגְט נִישְׁט בַּאלְד דָאס וָוארְט בְּלִי נֶדֶר

איז דאס שוין אַ נדר. און מען מוז זעהן ווי אזוי געבעטין צו געבין :

טז דעסט גלייכין אז איינער זאגט אויף וועלכי מצוה איך וועל דאס טוהן און זאגט נישט באלד בלי נדר איז דאס שוין אַ נדר און ער מוז זעהן ווי אזוי געבעטין דיא זאך צו טוהן :

י דעריבער דארף אַ מענטש צו געוויינען זיך ווען ער זאגט צו טוהן וועלכי זאך זאל ער זאגין דיא ווערטער „בלי נדר". דאס הייסט דיא זאך זאל אויף מיר נישט זיין קיין נדר :

יא דעסט גלייכין דער וואס וויל זיך נוהג זיין וועלכי מצוה וואס ער איז נישט מחויב זיא צו טוהן נאר פון פרומקייט וועגין. דארף ער אוים צוא געמין בשעת ער הייבט זיך אן נוהג צו זיין אז די זאך זאל אויף אים נישט זיין קיין נדר. אויך זאל ער זאגין אז ער וויל נישט זיך אזוי נוהג זיין נאר ציינדערט אדער ווען ער וועט וועלין. אבער נישט תמיד :

יב אז ער האט נישט גיזאגט דיא ווערטער וואס מיר שרייבען און ער וויל דער נאך שוין נישט אזוי זיך נוהג זיין. דארף ער צו לאזין זיך מתיר נדר זיין גלייך ער האט גיטוהן וועלכין נדר :

יג מען טאר נישט גידענקין דעם אייבערשטענס נאמין אומזיסט. דאס איז אַ גרויסי עבירה. אפילו אויף דייטש אדער אויף אנאנדער לשון טארין אויך נישט גידענקין אומזיסט דאס ווארט וואס מען רופט דעם אייבערשטין מיט דעם לשון :

יד אויך זאל מען נישט שרייבין דעם אייבערשטענס נאמין אין אַ בריף. טאמער וועט דער בריף דער נאך זיך ארום וואלגערין אויף דעם מיסט. דאס ברענגט ר"ל צו ארומקייט וואס מען גידענקט זיין ליבען נאמין אומזיסט. אדער מען שרייבט איהם ווייא עס קען ח"ו קומען צוא איין בזיון :

טו אויך אז מען זעהט צו ריסענע בלעטער פון ספרים וואלגערין זיך ארום. איז אַגרויסי מצוה צו באהאלטין זייא :

טז אויך דארפין גיווארינט צו זיין נישט צו שעלטין קיין שום יוד אדער זיך אליין מיט דעם אייבערשטינס נאמין :

יז טייל מענטשין זאגין טייל מאהל אויף איינעם „גאט זאל איהם שטראפען" זייא ווייסין נישט אז דאס איז אַ גרוסע עבירה :

יח אפילו גלאט שעלטין אַ יוד אדער זיך אליין. אפילו נישט מיט דעם אייבערשטינס נאמין טאר מען אויך נישט :

יט דער מנהג איז צו מאכין ערב ראש השנה התרת נדרים. מען מוז אבער פאר שטיין דיא טייטש פון דיא ווערטער בשעת מען זאגט :

כ דער וואס ווייסט נישט דארף צו בעטין דעם וואס ווייסט ער זאל איהם גוט אוים טייטשען דיא ווערטער פון התרת נדרים. און פון דער מסירת מודעה וואס מען זאגט דער נאך. כדי ער זאל קענין און זינגען האבין דעם פשט בשעת ער זאגט :

## (יום טו) פרק יז דינים פון תורה לערנין :

א יעדער יוד איז מחויב צו לערנין תורה. אפילו דער וואס האנדילט אדער טוהט וועלכי מלאכה איז מחויב זיך איבער צו לאזין צייטין בטאג און בנאכט צו לערנין :

ב אז מען קען נישט לערנין איז מען מחויב צו לערנין און דיא הייליגע ספרים וואס זענין איבער גיזעצט אויף עברי טייטש. איבער דעם דארפין צו האבן תמיד גרייט ספרים און ווען מען האט צייט זאל מען לערנין און זייא :

ג טייל מענטשין פטרין זיך פון לערנין ווייל זייא זאגין אז דיא מחשבות פון האנדלין לאזין

זייא נישט לערנין · אונ אפילו ווען זייא האבין צייט האבין זייא נישט דעם קאפ צו לערנין. דארפין זייא וויסען אז דאס איז נישט קיין תירוץ · נאר זייא דארפין וויא ווייט מיגליך אין יעדערין טאג חאטש עפים צוא לערנין · אונ דאס ביסעל וועט זיין חשוב בייא השם יתברך גאנץ שטארק · אונ זייא וועלין האבין דער פאר א גרויסן שכר :

ד וער שטיקט שבת מוזען בוודאי דיא פראסטי מענטשין לערנין א סך אונ דיא היילינע ספרים בלשון הקודש אדער אויף דייטש אדער תהלים זאגין יעדער מענטש וויא ווייט ער קען :

ה דיא מצוה פון תורה לערנין איז זייער גרויס · דאריבער דיא מענטשין וואס האנדלין אונ לערנין נישט וויא עס קער צו זיין דארפין צו געבין דיא ערליכע יודען וואס לערנין תמיד אויף פרנסה וועט זיין אזו גוט גלייך זייא אליין לערנין :

ו אז מען לערינט אינ מען וויל ארויס גיין זאל מען נישט לאזין אופען דאס ספר · דען דארף דעם פאר געסט מען דאס לערנין :

ז בשעת מען לערינט זאל מען ארוים זאגין מיט דעם מויל יעדער ווארט · אויך איז גלייך צו לערנין הויך · דען דארף דעם וועט מען גידענקין וואס מען לערינט :

# פרק יח דינים פון מזוזה :

א מען איז מחויב אן צו מאכין א מזוזה אונ יעדער טיר · אפילו מען גייט נישט צינדערט דורך איהר נאר דורך אנאנדערי טיהר :

ב דאס ארט פון דער מזוזה איז אונ דער רעכטי זאט פון דער טיהר וויא מען קומט אריין אונ אייבערשטין דריטעל פון באשטידעל :

ג אז דאס באשטידעל איז הויך דארף מען אכטונג צוא געבין דיא מזוזה זאל נישט זיין אן גישלאגין פיהל העכיר פון דיא אקסלין פון מענטש :

ד אויך דארפין אכטונג צו געבין דיא מזוזה זאל חאטש זיין ווייט א פאסט פון דעם וואס ליגט אויף דיא בייא שטידלען :

ה עס איז אבער גלייבער דער סופר זאל אן שלאגין דיא מזוזה · דען עס איז דא נאך דינים אונ דעם אן שלאגין :

ו איידער מען שלאגט אן דיא מזוזה דארף מען צו מאכין א ברכה · ברוך אתה ה' אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וצונו לקבוע מזוזה · אז מען שלאגט אן עטליכע מזוזות זאל מען נישט מיין מאכין וויא איין ברכה :

ז אז מען נעמט אראפ דיא מזוזה בודק צו זיין זאל מען נישט מאכין קיין ברכה ווען מען שלאגט זיא צוריק אן :

ח אז מען האט נישט אן גישלאגין דיא מזוזה נאר גלאט אויף גיהאנגין איז מען נישט יוצא · איבר דעם דארף מען אן צוא שלאגין דיא זאך וואס דיא מזוזה איז אונ איהר איין גהילט מיט א נאגיל פון הינטען אונ א נאגיל פון אויבן :

ט טייל מענטשין זענין זיך נוהג אז וויא דיא באשטידלעו זענין נאס פון ווילנאטש אדער אונ דיא שטיינערני באשטידלען פון דיא קעלערס ועלכים זייא זענין תמיד נאס הענגין זייא אויף דיא מזוזה אונ א פלעשיל · זענין זייא נאר נישט יוצא · דען דיא מזוזה דארף זיין גוט אן גישלאגין :

י איבער דעם זאלין זייא דאס פלעשיל וואס דיא מזוזה ליגט דרינען ארום וויקלען מיט א שטיקעל לאווינט · אונ דיא לאווינט אן שלאגין אונ דעם באשטידעל מיט א נאגיל פון הינטען אונ א נאגיל פון אובען :

יא אויף דעם ארט וואס מען האט מורא מען זאל גישט דיא מזוזה אוועק גנבנין׳ זאל מען אביסעל איין האקין אונ באשטידעל אונ אריין זעצין דיא מזוזה · נאר מען זאל נישט אויס האקין טיף וויא א פאסט . אונ דער נאך ווען מען שלאגט מיט עפים צו פון אובן דארף מען צוא דער קענין אז דא זיצט א מזוזה :

יב אז עס איז נישט מיגלעך זיא אן צו שלאגין פארינגט זאל מען זיא אן שלאגין אן א ברכה אונ פלאטש פון באשטידעל · נאר נישט אונ דער וואנט · אויך מוז מען גיווארינט זיין זיא אן צו שלאגין אונ אן הייב באשטידעל נאהנט וויא מען גייט אדארך אונטער דיא זאוויצע· דען אז זיא איז אן גישלאגין אריין צו צו וואלכים זיא איז ווייט א פאסט פון דער פארינדיגע זאט באשטידעל איז זיא פסול. מען דארף אכטונג געבין צו טוהן אזו וויא מיר שרייבין · דען אז נישט איז אזו גוט גלייך מען זיצט אונ הויז אן א מזוזה :

יג מען קער אבער וויא ווייט מיגלעך איז גיווארינט צו זיין זיא אן צו שלאגין אונ דער פארינדיגע זאט באשטידעל . אונ נישט אונ דער פלאטש . דען פיהל פוסקים שרייבין אז מען טאר נישט זיא אן שלאגין אונ דער פלאטש נאר פארינגט וויא מען גייט אדורך :

יד דיא טויערין פון דיא הייזער אדער פון הויף דארפין אויך צו האבין א מזוזה · האלקטין קאמערין אדער שפאכלערים דארפין אויך צו האבין א מזוזה :

טו דאס שטיבעל אדער דאס קעמעריל וואס האלט נישט פיהר איילין דיא ברייט אונ פיהר איילין דיא לענג אדער עס איז נישט דא אונ זייא קיין טירען. זאל מען נישט מאכין קיין ברכה בשעת מען שלאגט דארט אן דיא מזוזה :

טז אונ דיא גיוועלבין זאל מען אן שלאגין א מזוזה אן א ברכה :

יז אויף דעם ארט וואס איז גוט ריין. איז גלייך מען זאל זעהן דעם שם וואס איז אויף דער מזוזה · נאר מען דארף ארויף לייגין א שטיקעל גלאז אויף דעם שם מען זאל נישט אפ מעקין דעם שם ביקלעך נייס מיט דער האנט וואס מען לייגט ארויף נוען מען גייט ארוים אונ אריין :

יח אויף דעם ארט וואס איז נישט אזו ריין דורך קונדערי זאל דיא מזוזה זיין צו גידעקט מיט דעם שם :

יט מען בדארף צו זעהן וויא ווייט מיגלעך איז עס זאל זיין ריין ארום דער מזוזה · ווער שמיסט מען זאל דארט נישט אנידר שטעלין קיין שאף וואס מען וואשט זיך אריין דרינען · דאטשי דיא מזוזה איז צו גידעקט :

כ מען דארף דיא מזוזה בודק צו זיין צוויא מאהל אונ זיבען יאהר . אויב זיא איז נישט פסול גיווארין :

כא אז מען נעמט אראפ דיא מזוזה בודק צו זיין אדער בשעת מען ווייסט דיא שטיב דארפין גיווארינט צו זיין תיכף זיא צוריק אן צו שלאגין . דען עס איז א גרויסי עבירה צו זיין אן א מזוזה :

כב מען דארף שטארק גיווארינט צו זיין אונ דער מצוה פון מזוזה . דען ווען מען גייט אריין אונ ארוים דער מאנט מען זיך דורך דער מזוזה אז דער אייבערשטער איז איין גאט אונ אלע וועלטין . אונ עס בלייבט גישט דעם מענטש נאר וואס מען דינט גאט ברוך הוא אונ מען איז מקיים זיינע מצות :

כג דער וואס איז גיווארינט אונ דער מצוה פון מזוזה וועט ער אונ זיינע קינדער לאנג לעבין :

## (יום טז) פרק יט דינים אז מען טאר נישט טראכטין קיין הרהור עבירה. אונ מען מוז זיך היטען פון הוצאת זרע לבטלה :

א מען טאר נישט מוציא זיין קיין זרע לבטלה . דיא זונד איז הארבער פון אלע עבירות

ב דיא מענטשין וואס זענין מנאף מיט דער האנט אונ זענין מוציא זרע לבטלה. איז א י גוט גליך זייא הארגענין מענטשין. *) איבר דעם שטארבין טייל מאהל דעם מענטשם יונגע היים ח״ו · אונ דיא עבירה ברענגט דעם מענטש צו ארומקייט ח״ו :

ג מען טאר נישט טראכטין קיין הרהור פון ניאוף אדער אזעלכי מחשבות וועלכים דאס אבר ווערט בקושי ח״ו · דיא עבירה פון דעם איז זייער גרויס. סייא א הרהור פון איין אשה סייא א הרהור פון אזכר סייא מאנטצבור סייא ווייבער טארין אלץ נישט טראכטין קיין שום הרהור פון דיא זאכין :

ד אז עס פאלט איין אונ דער מחשבה עפיס פון דיא זאכין. איז מען מחויב עס תיכף אוועק צו שלאגין · אז מען קען באלד טראכטין מחשבות פון דברי תורה איז בוודאי גוט · דען דברי תורה זענין זייער גוט אוועק צו שלאגין דיא שלעכטי מחשבות . אז נישט זאל מען זיך נעמין אונ זוכען אריין מחשבות פון וועלט זאכין פון וואס עס איז. כדי מען זאל אויף הערין צו טראכטין דיא שלעכטי מחשבות :

ה מען דארף זיך גוט צו היטען מען זאל גאר נישט אריין קלערין אונ דיא שלעכטי מחשבות. דען אז מען קלערט נאר אריין דריגען אפילו מען וויל עס מבטל זיין מיט דעם קלערין. מאכט עס שוין קאלי דעם מענטש · אונ עס קען אים ברענגין צו א זינד ח״ו . דריבער זאל מען זייא נאר אוועק שלאגין פון דיא גידאנקין . נישט צו קוקען אונ זייא אונ גאר נישט אריין קלערין אונ זייא :

ו מען טאר נישט שלאפין אויף דעם ריקען מיט דעם פנים ארויף · נאר מען זאל ליגען אביסעל אויף דער זייט . כדי דאס אבר זאל נישט ווערין בקושי :

ז אויך זאל מען נישט קוקען אויף בהמות אדער חיות אדער עופות בשעת זייא זענין איינער ביים דעם אנדערין :

ח אויך טאר מען נישט רייטין אויף א בהמה אן א זאטעל :

ט דער יונג בדארף זיך היטען וויא וויט מיגליך איז עס זאל זיך אים נישט טרעפין קיין מקרה לילה ח״ו · דריבער זאל מען נישט עסין בנאכט קיין סך . אונ איידער מען לייגט זיך שלאפין זאל מען לערנין תורה. נאר דער עיקר איז מען זאל נישט טראכטין קיינמאהל קיין הרהור עבירה ח״ו · אזוי וויא מיר האבין גישריבען :

## פרק כ דינים אז מען דארף זיך צו דער ווייטערין פון א פרעמדי אשה :

א דער יונג מוז זיך שטארק דער ווייטערען פון דיא ווייבער . ער טאר נישט שטיפען אדער לאכין

---

*) דער היילינער מלאך אליהו הנביא ז״ל שרייבט אונ זיין ספר (פרק ריח) א מעשה ער איז אמאהל אריין גיקומען אונ א ישיבה וועלכים עס האבין דארט גילערנט צוויא הונדערט בחורים . אונ דאס אנדערי יאהר איז ער ווידער אריין גיקומען דארט איז שוין דער רבי גיהאט גישטארבין · אונ דיא בחורים זענין אויך ניהאט אויס גישטארבין . אונ עס איז נישט מעהר גיבליבען נאר דיא קליינע תלמידים . האט אליהו הנביא ז״ל גיוויינט אונ גיקרעכצט אויף זייא. איז גיקומען צו אים א מלאך פון הימעל אונ האט אים גיפרעגט פאר וואס וויינסט דיא · האט אליהו הנביא ז״ל גיזאגט וואס זאל איך נישט וויינען אויף דיא בחורים וואס האבין דא גילערנט אונ צינדערט זענין זייא אויס גישטארבין · האט אים דער מלאך גיענטפערט זייא האבין גימוזט מיסע זאכין · אונ האבין מוציא גיוועזן זרע לבטלה · דורך דעם זענין זייא גישטארבין : איבער דעם דארף זיך יעדער מענטש ארויס נעמין א מוסר אונ היטען זיך שטארק פון דער עבירה · וועט ער האבין אלדים נוטים אוף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

לאבין מיט א פרעמדי אשה . אויך טאר ער ניט קוקען אויף איר צו זעהן איר שוינקייט :

ב אז מען קוקט אפילו אויף דעם פינגער פון א פרעמדי אשה הנאה צו האבין דער פון האט מען א גרויסע עבירה . נאר דיא וואס מען וויל נעמין פאר איין ווייב זאל מען זעהן פריער אויב זיא געפעלט :

ג אז מען באגעגינט איין אשה אין מארק טאר מען ניט גיין אונטער איר . נאר מען דארף גיך צו גיין ביז זיא זאל זיין אין דער זייט . אדער אונטער איהם :

ד אויך טאר מען ניט הערין זינגען פון איין אשה אדער זעהן אירע האר :

ה מען טאר גישט אן רירען און קיין שום נקיבה פון הרהור עבירה וועגין :

ו ביא דיא אלע זאכין איז גישט קיין חילוק צווישען איין אשה און צווישען א בתולה . אפילו זיא איז זיין כלה כל זמן זיא האט נישט מיט איהם חתונה גיהאט. האט זיא דיא אייגינע דינים פון א פרעמדי אשה :

ז מען דארף און דיא זאכין שטארק גיווארנט צו זיין . און אנדערי צו ווארינען וויא ווייט עס איז מיגליך :

ח דארעשט דינים פון דיא זאכין האבין מיר גישריבען בספר דברי תורה סימן צ"ז צ"ח . זעה איין דארט :

# פרק כא דינים פון מאן און ווייב :

א א מענטש דארף שטארק ערליך צו האלטין זיין ווייב . און זאל רעדין צו איהר מיט ווייכי רייד . און נישט זיך בייזערין . דיא ברכה איז נאר דא און מענטשס הויז איבער דעם ווייב :

ב מען דארף גיווארנט צו זיין מען זאל גישט מצער זיין דאס ווייב מיט שלעכטי רייד . דען דער שטייגער איז פון איין אשה אז זיא וויינט באלד . און השם יתברך איז שטארק מקפיד אויף טרערין גיצאלט צו ווערין פון דעם מענטש וואס איז מצער :

ג דאס ווייב דארף שטארק ערליך צו האלטין דעם מאן . און זאל מורא האבין פאר איס און זאל טוהן אלדינג אזוי וויא ער הייסט :

ד דער הייליגער מלאך אליהו הנביא ז"ל שרייבט און זיין ספר אז דיא בעסטי אשה צווישען דיא ווייבער איז דיא וואס פאלגט איהר מאן . נאר נישט ח"ו צו טוהן איין עבירה :

ה דיא ווייבער וואס זייערי מאנין קענין לערנין און קענין נישט געבין דיא ווייבער פרנסה וויא עס קער צו זיין און דיא ווייבער טוהן זייא אן גרויסי צרות און זענין זייא מבטל פון לערנין און פון דאווינען. דארפין זייא וויסען אז זייא פאר זינדיגין זיך שטארק דער מיט :

ו דען דיא גמרא זאגט אז ווייבער זענין זוכה צו עולם הבא פאר דעם וואס זייא זעהן דיא קינדער זאלין לערנין תורה און דיא מאנין זאלין לערנין תורה . און ווארטין אויף דיא מאנין ביז זייא קומען פון לערנין :

ז און קיינער פרנסה דארפין צו וויסען אז גאט ברוך הוא גיט יעדערין מענטש פרנסה . נאר דער מענטש דארף עפיס צו טוהן . קען איס גאט ברוך הוא העלפין ער זאל האבין מער פון דעם וואס ארבייט שטענדיג :

ח מען טאר נישט זיין מיט דעם ווייב אפילו איין שעה אהן א כתובה . אז עס ווערט פאר לוירען דיא כתובה מוז מען תיכף גיין צום רב ער זאל איהר שרייבין איין אנדערי כתובה :

ט מען טאר נישט משמש המטה זיין ביא איין לעכט . און נישט ביא טאג . נאר און א פינצטער שטיבעל :

י אז מען וויל משמש המטה זיין און דעם שטיבעל וואס ליגט דרונען תפילין אדער ספרים אדער כתובים פון דברי תורה. דארפין זייא צו דעקין מיט צוויא בייליקער אדער צוויא מלבושים

אײנס אויף דעם אנדערין . אדער מען זאל זיא ארײן לײגן אין צװײא כלים . היינו אײן כלי אונ דער אנדערער . דאס פולט נאר אז עס איז ניט דער שטײגער פון דיא תפילין אדער ספרים צו לײגן אונ אײנס פון דיא צװײא כלים :

יא אז מען דעקט צו מיט עפיס דאס קעסטיל װאס דיא ספרים לײגן דרונען איז אויך גוט :

יב אז די אלמער פון ספרים האט אײן איל דיא לענג אונ אײן איל דיא ברײט אונ דרײא אײלין דיא הײך דארפין זיא נאר ניט צו דעקין אויב זיא איז פאר מאכט אונ מען זעהט ניט דיא ספרים פון דראסען :

יג דיא מזוזה װאס איז אונ דעם שטיבעל דארפין אויך צו דעקין מיט צװײא זאכין אײנס אויף דעם אנדערין . אונ אויך נאר אז חאטש אײנס פון זײא איז ניט דער שטײגער די מזוזה זאל לײגען תמיד דרונען . אזוי װיא מיר האבין געשריבען בסעיף י׳ :

יד א שטיבעל װאס איז דא דרונען א ספר תורה טאר מען ניט דארט משמש זײן :

## (יום יז) פרק כב דינים אז מען דארף זיך אפ שײדין פון װײב נאהנט פון איר וסת . אונ דיא דינים פון דיא בדיקות פון דער אשה אונ דיא רײני טעג :

א דער שטײגער איז פון װײבער אז זײא האבין אײן געזעצטי צײט צו זעהן דם נדה . א טײל איז זײער צײט צו זעהן אלע צװאנציג טאג . טײל זעהן אלע דרײסיג טאג . טײל האבין אײן אויס געזעצטי צײט אונ חודש היינו ראש חודש אדער פינעף טאג אונ חודש . אונ נאך אזא שטײגער :

ב בײא דיא אלע דארף זיך דער מאן אפ צו שײדען פון איהר דיא נאכט פריער אונ דעם טאג װאס קומט אויס . זיא זאל װערין א נדה . טאמער װעט זיא בשעת מעשה טמא װערין חס ושלום :

ג מען דארף אונ דעם שטארק געװארנט צו זײן . דען אז ער שײד זיך ניט אפ אונ דער צײט אונ זיא װערט טמא בשעת מעשה . איז גלײך װיא ער װאלט געװען בײא איהר ח״ו במזיד װען זיא איז א נדה :

ד אונ דער זינד װאס מען שײד זיך ניט אפ אונ דער צײט שטארבין דיא קינדער ח״ו . אבער דער װאס שײד זיך יוא אפ אונ דער צײט . האט קינדער װאס קענין גוט לערנין :

ה דיא אשה װאס האט א וסת קבוע . דאס הײסט אײן געזעצטי צײט . היינו זיא זעהט תמיד צעהן טאג אונ חודש . אדער זיא זעהט תמיד גלײך װעלכין טאג אונ חודש . דארף זיך דער מאן אפ שײדן פון איר דעם טאג אונ חודש אונ די נאכט פריער . אז איר שטײגר איז צו זעהן בײ נאכט דארף ער זיך אפ שײדען דיא נאכט אונ אויך דעם טאג פריער (זעה אײן בפרק כ״א סעיף ט׳) :

ו אויך דארף זיא זיך גוט בודק צו זײן דעם טאג אדער דיא נאכט פון דער וסת מיט א װײס טיכעל פון אלטי לאװינט אדער באװיל . אונ דאס טיכעל זאל דארט לײגען ענג דעם גאנצין טאג פון דער וסת . אז עס קען ניט אזוי לאנג לײגען זאל זיא זיך גוט בודק זײן דיא נאכט אדער דעם טאג פון דער וסת . אונ דיא נאכט נאך דער וסת זאל זיא זיך נאך אמאהל גוט בודק זײן :

ז אונ אז דאס טיכעל װעט זײן רײן אונ עס װעט ניט זײן דארויף קײן טראפין רויט אדער שװארץ . װעט זיא שוין מותר זײן צום מאן נאך דעם טאג פון דער וסת . נאר דער מאן דארף זיא פרעגין אויב זיא האט זיך בודק געװען אונ האט ניט געזעהן קײן דם אזוי װיא מיר האבין געשריבען :

ח דיא אשה וואס איהר שטיינער איז אז עס גידארט תמיד פון דעם לעצטין טאג פון דעם מאהל זעהן ביז דעם ערשטין טאג פון דעם מאהל זעהן א גלייכין חשבון . למשל פינעף אונ אונ צוואנציג טאג . נישט ווינציגער אונ נישט מעהר . הייסט דאס אז זיא האט א גיזעצטי צייט צו זעהן אונ זיא איז נאר אסור דעם טאג פון דער וסת אונ דיא נאכט פריער . אדער דיא נאכט פון דער וסת אונ דעם טאג פריער . אונ אויך דארף זיא זיך בודק זיין דעם טאג אדער דיא נאכט פון דער וסת . אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסעיף ר :

ט דאס שטימט אלטץ אז דיא אשה וואס מיר האבין גישריבען בסעיף ה' האט שוין גיזעהן אונ א גלייכין טאג אונ חודש דרייא מאהל ביא נאכט אדער דרייא מאהל ביא טאג . אונ פיהרט תמיד אזוי אונ קיינמאהל נישט אנדרש . אדער דיא אשה וואס מיר האבין גישריבין בסעיף ח' האט שוין גיזעהן דרייא מאהל בנאכט אדער דרייא מאהל בטאג אונ גלייכי צייטען אז פון לעצטין טאג פון דעם מאהל זעהן ביז דעם ערשטין טאג פון דעם מאהל זעהן איז גיוועזן פונקט אזוי פיהל טעג דרייא מאהל דארך אנאנד . נישט ווינציגער אונ נישט מעהר . אונ פיהרט תמיד אזוי . אונ קיינמאהל נישט אנדערש :

י אבער דיא ווייבער וואס ריקען ווייער וסת טיילמאהל עטליכע טעג פריער אונ טיילמאהל שפעטיר איז דא אונ דעם פיהל הילוקי דינים . אויך קען זיא האבין נאר איין אנדערי וסת . בספר מסגרת השלחן סימן קנ"ה האבין מיר גישריבען אלע דינים פון דעם . אונ אלי חשבונות וואס קער צו דעם . יעדער זאך אקראט על פי דין וועלכים מען קען נישט אויף עברי טייטש שרייבין אזוי פיהל מען זאל פאר שטיין :

יא איבער דעם שרייבט הרב הגאון הצדיק ר' משה זלה"ה בספר מעין טהור סימן ב' וסימן ד' אז זיא מוז האבין שאלת חכם וויא אזוי זיך נוהג צו זיין מיט דעם אפ שיידין נאהנט פון דער וסת :

יב נאר וייל דאס איז היינט שכיח מחמת דיא שלאפי דורות אונ דער מאן שעמט זיך צוא פרעגין דיא זאכין. וועלין מיר דא אביסעל פארעכטין אונ שרייבין וויא אזוי זייא זאלין זיך נוהג זיין :

יג איין אשה וואס איהר שטייגער איז צו זעהן דם נדה אלע פיהר וואכין אונ נישט פונקט תמיד דעם אייגינעם טאג . נאר טיילמאל עטליכע טעג פריער אדער שפעטיר דארף זיך דער מאן פון איהר אפ צו שיידען ווען עס קומט דיא צייט פון איהר וסת דיא עטליכע טעג פריער אדער שפעטיר :

יד אויך דארף ער זיך אפ שיידען פון איהר דעם דרייסיגסטען טאג פון יענים מאהל זעהן אונ דעם איינ־דרייסיגסטען טאג . דאס דארף ער נישט ציילען אויף טעג . נאר ער זאל וויסען א כלל למשל ויא איז גיווארין בחודש אדר א נדה זינטאג בנאכט וואס קער צו מאנטיג אדער מאנטיג בטאג דארף ער זיך אפ שיידין איבער פיהר וואכין בחודש ניסן מאנטיג בנאכט וואס קער צו דינסטאג בטאג אונ דינסטאג בטאג אונ בנאכט אונ מיטוואך בטאג :

טו אונ אזו איז תמיד א כלל וועלכין טאג זיא איז גיווארין א נדה זאל ער זיך אלץ אפ שיידין איבער פיהר וואכין צווייא מעת לעת דער נאך :

טז דעסט גלייכין דיא אשה וואס זעהט אלע פינף וואכין אונ נישט תמיד גלייך האט אויך דיא אייגינע דינים וואס מיר האבין גישריבען בסעיף י"ג . אויך דארף ער זיך אפ שיידען פון איהר צווייא מעת לעת נאך דיא פיהר וואכין פון יענים מאהל זעהן אזו וויא מיר האבין גישריבען בסעיף י"ד :

יז דען דאס איז א כלל ביא יעדערי אשה וואס האט נישט תמיד א גיזעצטי צייט וואס מיר האבין גישריבען בסעיף ה' ובסעיף ח' . דארף זיך דער מאן אפ שיידען פון איהר אונ דיא טעג וואס מיר שרייבין אונ דיא סעיפים :

יח דער שטייגער איז פון די נשים אז ווען זיא ווערט א נדה זעהט זיא לערך פינף טאג בנאנט · איז די טעג וואס גייט נישט אזוי שטארק פון איהר נאר עס הערט טיילמאל אויף · אדער זיא איז זיך בודק און געפינט רויט אדער שווארץ· דארף ער זיך אפ שיידן פון איהר דעם אנדערן חודש אויך און די איינגע טעג פון חודש :

יט דעסט גלייכן דעם חשבון וואס מיר האבן געשריבען בסעיף י״ג אז מען דארף זיך אפ שיידען ווען עס קומט די צייט פון דער וסת· איז פון סוף זעהן ביז דעם אן הייב זעהן · דהיינו זיא זעהט איינמאהל פינף טאג דורך אנאנט · דער נאך גייט אוועק צוואנציג טאג וואס זיא זעהט נישט. און דעם איינצוואנציגסטען טאג זעהט זיא דרייא טאג דורך אנאנט · און נישט מעהר · דארף ער ווייטער אפ ציילען צוואנציג טאג וואס זיא זעהט נישט · און דעם איינצוואנציגסטען מעת לעת דארף ער זיך אפ שיידען פון איהר :

כ ממילא פאר שטייט מען שוין אז זיא קען ווערין א נדה אלע פינף און צוואנציג טאג און דאצופארט דארף ער זיך פון איהר אפ שיידין טיילמאהל צוויא טאג פריער · לויט וויא פיהל עס האט גידארט פון דעם לעצטין טאג פון יענים מאהל זעהן פאר יענים חודש ביז דעם ערשטין טאג פון דעם מאהל זעהן וואס איז גיווען און יענים חודש :

כא אז עס גידארט טיילמאל עטליכע טעג מעהר און טיילמאל ווינציגער דארף ער זיך אפ שיידען עטליכע טעג פריער אדער שפעטיר · אזוי וויא מיר האבין געשריבען בסעיף י״ג :

כב דאס וואס מיר שרייבין אלץ פון זעהן דם נדה מיינט מען דם וואס איז רויט אדער שווארץ אדער זיא איז זיך בודק מיט א טיכעל וואס זיא האט עס פריער בקוקט אז עס איז ריין · און נאך דער בדיקה געפינט זיא דארויף א טראפין רויט אדער שווארץ :

כג אבער איין אשה וואס געפינט א פלעק · אדער זיא איז זיך בודק מיט א טיכעל וואס זיא האט עס גאר נישט פריער בקוקט און געפינט דארויף עפים. דארף זיא פרעגין א שאלה אויב זיא איז טמא · און אפילו דער רב פסקנת אז זיא איז טמא רעכינט מען נישט דעם אנדערין חודש קיין וסת פון דעם :

כד דעסט גלייכן דאס וואס טרעפט זיך טיילמאל פאר דעם אפ ציען גייט פון איהר געל אדער אנדערי מראות. דארף זיא פרעגין א שאלה אויב זיא מעג שוין מאכין דאס אפ ציען · און אז זיא וויל נישט פרעגין נאר ווארט אויף מארגין זאל מען נישט רעכינען דעם אנדערין חודש פון דעם טאג :

כה דער די וסת רעכינט מען נאר פון זעהן דם רויט אדער שווארץ · אדער זיא איז זיך בודק מיט א טיכעל וואס זיא האט עס פריער בקוקט און געפינט דארויף נאך דער בדיקה א פלעק פון רויט אדער שווארץ · אפילו עס איז נאר טינקעל הייסט דאס אויך רעכט דם :

כו אלע טעג וואס מיר שרייבין אז ער דארף זיך און זייא אפ שיידען דארף זיא זיך און יעדערין טאג גוט בודק זיין · אזוי וויא מיר האבין געשריבען בסעיף ד :

כז נאר דער היזוק איז אז דארט בייא דער אשה וואס האט אגיזעצטי צייט איז זיא מותר תיכף בנאכט נאך דעם טאג פון דער וסת אז זיא האט נישט געפינען קיין דם און דער בדיקה · אבער דא בייא דער אשה וואס האט נישט קיין גיזעצטי צייט מוז ער זיך אפ שיידען די אלע טעג וואס מיר שרייבין · און זיא מוז זיך בודק זיין יעדערין טאג :

כח זיא זאל נישט זיך וואשין אויף דעם ארט און די טעג פון דער וסת · דען נאך דעם וואשין פילט נישט קיין בדיקה :

כט אז עס גייט פאר בייא די טעג וואס מיר האבין געשריבען (פון סעיף י״ג ביז סעיף כ״ב) און זיא זעהט נאך נישט קיין דם מעג ער שוין זיין בייא איהר · נאר זיא זאל זיך תמיד בודק זיין פאר דעם תשמיש און דער נאך (זעה איין בסעיף מ״ח :

ל אפילו עס קומט דער אנדערער חודש אונ דיא איינינע טעג דארף ער זיך נישט אפ שיידען אז זיא האט נישט גיזעהן אונ דיא טעג דרייא מאהל אונ דרייא חדשים דוירך אנאנד · סמילא אז עס איז נאר איינמאהל פאר בייא גיגאנגין דיא טעג אונ זיא האט נישט גיזעהן אונ זייא· דארף ער שוין נישט איבער קלערין :

לא נאר איידער דיא טעג גייען פאר בייא דארף ער זיך אפ שיידען אונ זייא · טאמער וועט זיא זעהן אונ זייא · אזו וויא מיר האבין פריער גישריבען :

לב אבער איין אשה וואס זעהט למשל צעהן טאג אונ ניסן · אונ צעהן טאג אונ אייר, אונ צעהן טאג אונ סיון · אדער זיא זעהט איין אנדערין טאג אונ חודש דרייא מאהל אונ דרייא חדשים. איז אפילו עס גייט פאר בייא דער פעריגער חודש אונ זיא זעהט נישט דאציפארט דארף ער זיך אפ שיידען דעם פופטין חודש דעם איינינעם טאג :

לג אונ אפילו זיא זעהט נישט דעם פופטין חודש אויך אונ עס קומט דער זעקסטער חודש דארף ער זיך אויך אפ שיידען דעם איינינעם טאג :

לד אבער אז עס גייט פאר בייא דרייא חדשים אונ זיא האט זיך בודק גיוועזן אונ דעם טאג דיא דרייא חדשים אונ האט נישט גיזעהן אונ איהם · דארף ער שוין נישט דעם חודש דער נאך זיך אפ שיידין אין דעם טאג :

לה צאמין זיא זעהט ווידער איינמאל דעם טאג דארף ער זיך ווייטער אפ שיידין דרייא חדשים דער נאך אונ דעם טאג אזו וויא פריער :

לו יעטט גלייכין וואס מיר האבין גישריבען בסעיף י״ט כ׳ אז מען דארף זיך אפ שיידין דעם טאג ווען עס איז פון סוף זעהן פון יענים חודש ביז היינט אזו פיהל טעג וויא עס איז גיוועזן א חודש פריער פון סוף זעהן ביז דעם אן הייב זעהן. האט דאס אויך דיא איינינע דינים וואס מיר האבין גישריבען :

לז בספר מסגרת השלחן האבין מיר גישריבין א סך פון דיא דינים · נאר דער וואס קען נישט דארט לערנין זאל לערנין דא דעם פרק עטליכע מאהל ביז ער וועט גוט פאר שטיין :

לח טייל גרוסע לייט האבין אויף גישריבען דעם טאג פון דעם זעהן כדי זייא זאלין גידענקין צו רעכינען וויא עס קער צו זיין . אונ אזו קער זיך צו פירען יעדער מענטש וואס דאס ווייב האט נישט קיין גיזעצטי צייט :

לט אויך זאל מען וויסען אז דענקמאלט ווען ראש חודש איז צווייא טאג קער דער ערשטער טאג צו יענים חודש · ער איז דער דרייסינסטער טאג פון יענים חודש · אונ דער אנדערער טאג ראש חודש איז דער ערשטער טאג פון דעם חודש · אונ דענקמאלט ווען ראש חודש איז נאר איין טאג איז ער דער ערשטער טאג פון דעם חודש :

מ דאס וואס מיר שרייבין אלץ דיא דינים פון דער אשה וואס האט נישט קיין גיזעצטי צייט מיינט מען נאר בייא סתם נשים וואס זעהן אלע פיהר וואכין · עטליכע טאג פריער · אדער שפעטיר · אדער אלע פינף וואכין עטליכע טאג פריער אדער שפעטיר . אונ נאך אזא שטייגער וואס איז שכיח :

מא אבער ווען עס טרעפט זיך איין אשה וואס זעהט דם נדה גאר אן א צייט · היינו ווען זיא גייט טבילה זעהט זיא אונ עטליכע טעג דער נאך . אדער זיא גיפינט דם באלד דעם אנדערין טאג . אדער דיא אשה וואס זעהט דארך אנאנד עטליכע וואכין . אונ נאך אזא שטייגער . דארף אלץ דער מאן צו פרעגין דעם וואס קען לערנין וויא אזוי ער זאל זיך נוהג זיין קיינען דעם אפ שיידען נאהענט פון דער וסת. דען עס איז דא אונ דעם א סך דינים אונ חשבונות · יעדערער לויט זיין חשבון . אויך זאל יענער אים זאגין דעם דין אז זיא ווערט חס ושלום טמא בשעת מעשה וויא אזוי מען דארף זיך נוהג זיין . אונ דיא אשה מוז עוסק זיין אונ רפואות זיא זאל

הָאבִּין אַ סֵדֶר נָשִׁים · דֶען עֶס טוּג נִישְׁט צוּם יוּדִישְׁקַייט אַזַא פִירְעכְטְץ · אוֹיךְ זָאל זִיא זִיךְ תָּמִיד בּוֹדֵק זַיין פַאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ אוּנ נָאךְ דֶעם תַּשְׁמִישׁ :

מב אָבֶּער אַיין אִשָּׁה וָואס הָאט אַיין גִיזֶעצְטֶע צַייט אוּנ דֶעם טָאג צוּ זֶעהְן דַם נִדָּה דַארְף זִיא זִיךְ נִישְׁט בּוֹדֵק זַיין פַאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ אוּנ דֶער נָאךְ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אִיהְר צַייט צוּ זֶעהְן :

מג אוֹיךְ זָאל זִיא נִיט מַחְמִיר זַיין בּוֹדֵק צוּ זַיין פַאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ אוּנ דֶער נָאךְ וֶוען דֶער מַאן זֶעהְט · אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעהְט נִישְׁט אִיז וָואס זִיא אִיז זִיךְ מֶעהְר בּוֹדֵק וֶועט זִיא מֶעהְר שְׂכַר הָאבִּין :

מד רֶעסְט גְלַייכִין דִיא אִשָּׁה וָואס זֶעהְט אַלֶע פִיהְר וָואכִין · נָאר טֵיילְמָאהְל עֶטְלִיכֶע טֶעג פְרִיֶער אָדֶער שְׁפֶּעטֶיר · אִיז דִיא טֶעג וָואס זִיא זֶעהְט קֵיינְמָאהְל נִישְׁט · לְמָשָׁל זִיא וַוייסְט אַז זִיא זֶעהְט קֵיינְמָאהְל נִישְׁט בִּיז צְוֶועלִיף טָאג נָאךְ דֶער טְבִילָה דַארְף זִיא נִישְׁט אוּנ דִיא טֶעג קֵיין בְּדִיקָה פַאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ אוּנ דֶער נָאךְ :

מה אָבֶּער נָאךְ דִיא טֶעג · חָאטְשֶׁע עֶס גֵייט פַאר בַּייא דִיא צַייט פוּן דֶער וֶסֶת אוּנ זִיא זֶעהְט נִישְׁט וֶועלְכִים זִיא אִיז שׁוֹין מוּתָּר צוּם מַאן אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען בִּקְעִיף מ״ט ל׳ · דָאצוּפָארְט זָאל זִיא זִיךְ בּוֹדֵק זַיין פַאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ אוּנ נָאךְ דֶעם תַּשְׁמִישׁ · בִּיז זִיא וֶועט זֶעהְן דַם נִדָּה דָאס צְוַוייטֶע מָאהְל · אָדֶער עֶס וֶועט פַאר בַּייא גַיין דְרַייא חֳדָשִׁים אוּנ זִיא וֶועט גָאר נִישְׁט זֶעהְן מַחְמַת זִיא אִיז מְעוּבֶּרֶת :

מו אַלֶע בְּדִיקוֹת וָואס זִיא דַארְף זִיךְ בּוֹדֵק זַיין זָאל זִיא זִיךְ בּוֹדֵק זַיין בְּשָׁעַת זִיא שְׁטֵייט · אָדֶער בְּשַׁעַת זִיא זִיצְט · דֶען בְּשָׁעַת זִיא לִיגְט אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע בְּדִיקָה :

מז וֶוען זִיא אִיז שׁוֹין דְרַייא חֳדָשִׁים מְעוּבֶּרֶת דַארְף זִיא נִישְׁט זִיךְ בּוֹדֵק זַיין פַאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ אוּנ דֶער נָאךְ :

מח אוֹיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט זִיךְ אָפּ שֵׁיידִין דֶעם טָאג פוּן דֶער וֶסֶת וָואס זִיא הָאט גִיהַאט אֵיידֶער זִיא אִיז גִיוָוארִין מְעוּבֶּרֶת · חָאטְשֶׁע זִיא הָאט דֶערְמָאלְט שׁוֹין גִיזֶעהְן דְרַייא מָאהְל אוּנ דֶעם טָאג (זֶעה אַיין בִּקְעִיף כ״ב ל״ג ל״ו) :

מט נָאר אַז זִיא זֶעהְט הַיינְט דַם דַארְף עֶר זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶען צְוַוייא טָאג נָאךְ דִיא פִיר וָואכִין אוּנ אַלְצְדִינְג אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין אוֹבִין גִישְׁרִיבֶּען :

נ אוּנ אַז עֶס גֵייט פַאר בַּייא דִיא צַייט פוּן דֶער וֶסֶת אוּנ זִיא זֶעהְט נִישְׁט · אִיז זִיא שׁוֹין מוּתָּר אֲפִילוּ עֶס גִידָארְט דֶער נָאךְ וִויא פִיהְל חֳדָשִׁים וָואס זִיא זֶעהְט נִישְׁט :

נא אַיין אִשָּׁה וָואס הָאט גִיהַאט אַ קִינְד · אִיז בִּיז פִיהְר אוּנ צְוָואנְצִיג חֳדָשִׁים נָאךְ דֶעם קִינְד הָאבִּין הָאט זִיא דֶעם דִין פוּן מְעוּבֶּרֶת וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען · אֲפִילוּ זִיא זַייגְט נִישְׁט דָאס קִינְד :

נב אוּנ נָאךְ דִיא פִיהְר אוּנ צְוָואנְצִיג חֳדָשִׁים דַארְף עֶר זִיךְ אָפּ שֵׁיידִין אוּנ דֶער וֶסֶת וָואס זִיא הָאט גִיהַאט אֵיידֶער זִיא אִיז גִיוֶוען מְעוּבֶּרֶת · אוֹיבּ זִיא הָאט דֶערְמָאלְט גִיזֶעהְן דְרַייא חֳדָשִׁים אוּנ דֶעם אֵייגִינֶעם טָאג :

## הלק ד (יום יח) פרק כג דִינִים פוּן גֶעלְט אַנְטְלַייֶען :

א עֶס אִיז אַ גְרוֹסֶע מִצְוָה צוּ אַנְטְלַייֶען גֶעלְט דִיא גִימֵיינֶע לַייט · אַז אַיין עוֹשֶׁר דַארְף גְרָאד אִיז אוֹיךְ אַ מִצְוָה צוּ אַנְטְלַייֶען אִים :

ב נָאר אַז דֶער לֹוֶה אִיז נִישְׁט קֵיין עֶרְלִיכֶער מַאן דַארְפִין נִישְׁט צוּ אַנְטְלַייֶען אִים מֶען זָאל זִיךְ דֶער נָאךְ מִיט אִים אַרוּם יָאגִין :

ג אַז אֵיינֶער אַנְטְלַייֶעט דֶעם אַנְדֶערִין גֶעלְט אָן אַ מַשְׁכּוֹן · דֶער נָאךְ וִויל עֶר פוּן אִים נֶעמִין אַ מַשְׁכּוֹן עֶר זָאל זַיין בָּטוּחַ אַז יֶענֶער וֶועט אִים אָפּ גֶעבִּין · אָדֶער עֶר וִויל זִיךְ אָפּ נֶעמִין דֶעם

חוב פון דעם משכון · טאר ער נישט אליין נעמין פון אים קיין משכון · אז יענער גיט איהם נישט מיט זיין ווילען:

ד סייא ער גייט צו איהם אהיים אונ נעמט זיך אליין א משכון סייא ער האפט פון אים אונ נאם אדער וויא עס איז· האט ער אלץ א גרוסי עבירה:

ה נאר ער זאל גיין צום בית דין זייא זאלין שיקען זייער שליח · דער שליח זאל נעמין בייא יענים א משכון אזוי וויא דער דין איז:

ו דיא דינים אז מען טאר נישט נעמין קיין פראצענט ציימין עס איז בהיתר עיסקא האבין מיר גישריבען בפרק י"ד · זעה איין דארט:

# פרק כד דינים פון האנדלין:

א מען דארף שטארק גיווארינט צו זיין מען זאל נישט נארין דעם אנדערין: סייא דער וואס פאר קויפט סייא דער וואס קויפט ווערביר עס נארט דעם אנדערין האט א גרוסי עבירה:

ב דעסט גלייכין אונ אנדערי זאכין היינו מען בייט איבער וועלכי מטבע אדער מען פאר דינגט יענים וועלכי זאך · אדער מען נעמט צוא נייען א מלבוש· טארין אלץ נישט נארין איינער דעם אנדערין:

ג מען טאר נישט מעסטין א פאלטשי מאס אדער וועגין א פאלטשי וואג סייא צו איוד סייא צו א גוי · דיא עבירה פון דעם איז זייער גרויס:

ד מען דארף אפילו צו זעהן אז דאס וואס מען פאר קויפט זאל עטוואס מעהר וועגין פון דער גירעכטי וואג · אונ דאס וואס מען מעסט זאל אביסעל מעהר זיין פון דער גירעכטי מאס:

ה אויך זאל מען גיווארינט זיין תמיד אפ צו ווישען דיא מאס אונ דיא וואג שאהל פון דיא נאסי זאכין · כדי דאס וואס עס קלעפט זאל נישט ווערין צו גירעכינט:

ו אונ דעם מעסטין אונ אין דעם וועגין קען זיין גרויס פאלטשקייט · דער אייבערשטער ווייסט אבער דעם אמת · איבער דעם אז מען טוהט אונ דעם וועלכים פאלטשקייט טוהט מען זיך אליין שלעכטץ:

ז אזוי וויא אונזערי חכמים האבין גישריבען · אז דער חאם וועט יענים געבין אגוטע מאס אונ אגוטע וואג וועט דער אייבערשטער העלפין אז ער וועט האבין געלט אונ וואס ער בדארף · אבער אז מען וועט יענים נארין וועט מען אליין נישט האבין:

ח נאך שרייבין אונזערי חכמים אז אמענטש וויל רייך ווערין זאל ער האנדלין ערליך · ער זאל קיינעם נישט נארין · אונ זאל בעטין דעם אייבערשטין וועט ער אים העלפין אז ערהר וועט האבין אלדים גוטץ:

ט מען טאר נישט האבין אונ דער היים אדער אות גיוועלב א פאלטשי מאס · האטשי מען מעסט גאר נישט מיט איהר:

י אז עס איז א מנהג אונ דער שטאט אז מען מעסט נישט נאר מיט אזא מאס וואס איז ניצייכענט אונ דיא מאס איז נישט גיצייכענט מעגין זיא האבין אונ דער היים · נאר נישט מעסטין ח"ו קיינמאהל מיט איהר:

יא א מענטש דארף צו האלטען זייןווארט ·. היינו אז ער וויל עפיס קויפען אדער פאר קויפין האטשי מען האט נאך קיין געלט נישט גיגעבין אונ מען האט נאך נישט קונה גיוועין דיא זאך מיט קיין שום קנין · אז מען האט זיך נאר אפ גישטוסט צו קופין דיא זאך אונ מען האט זיך משוה גיוועין דעם מקח איז שוין נישט גלייך חרטה צו באקומען:

יב דעסט גלייכין אז איינער זאגט צוא דעם אנדערין עפיס צו שענקין אונ דער נאך בייא קומט ער חרטה טוהט עהר נישט גלייך:

יג אז ער זאגט איהם ציא צו געבין אגרויסע מתנה אונ דער נאך איז ער זיך מיישב אונ ווייל נישט געבין שאט נישט אז יעניר איז נישט קיין ארימאן :

יד דאס שטימט אלץ נאר אז ער באקומט דער נאך חרטה׳ אבער בשעת ער זאגט צו דארף ער אונ הארץ אויך אונ זינען האבין צו געבין . דען אז ער זאגט צו אונ האט אונ זינען אונ הארץ אנדערש וויא ער זאגט האט ער א גרויסע עבירה :

טו דען א מענטש דארף תמיד צו גיין מיט דעם אמת אונ נישט מיט קיין ליגענט :

טז אפילו אונ אזעלכי זאכין וואס עס קומט נישט ארויס פון זייא קיין געלט טארין אויך נישט זאגין קיין ליגענט :

יז אז איינער דער ציילט וואס ער האט געהערט אונ זאגט טייל ווערטער אנדערש וויא ער האט געהערט האטשי ער מאכט נישט היזק קיינעם דער מיט . דאציפארט האט ער אגרויסע עבירה :

יח אז מע׳ זאגט צו איין ארימאן צו געבין איהם . סייא א קליינע מתנה . סייא א גרויסע מתנה . טארין נישט חרטה באקומען . נאר מען איז מחויב וויא אונ געשטין מקיים צו זיין . דעז דאס איז שוין א נדר :

יט אפילו מען זאגט נישט מיט דעם מויל נאר מען פאסט זיך אפ אונ הארץ צו געבין דעם ארימאן . דארפין אויך מקיים צו זיין :

## פרק כה דינים אז מען טאר נישט מצער זיין דעם אנדערין . אדער נארין איהם מיט רייד :

א עס איז אגרויסי עבירה מצער צו זיין א יוד אונ נארין איהם מיט רייד . למשל מען פרעגט איינעם וויא פיהל ווילסטו פאר דער זאך אונ מען וויל עס גאר נישט קופען :

ב דעסט גלייכין אז איינער פרעגט דעם אנדערין וויא קריגט מען דיא זאך צו קופין אונ ער נארט איהם אונ ווייזט איהם אויף אזא ארט וויא דיא זאך איז נישט דא איז דאס א גרויסע עבירה :

ג אז איינער איז א בעל תשובה טארין נישט איהם זאגין גידענק וואס דיא האסט דעמאלט גיטוהן :

ד אז מען פרעגט איינעם א קשיא זאך טאר ער נישט זאגין צו דעם וואס איז נישט קיין חכם וואס ענטפערסט דיא אויף דער זאך . אונ נאך אזעלכי ווערטער וועלכים זענין מצער דעם אנדערין יוד טארין אלץ נישט :

ה אז איינער האט א מיאוס׳ן נאמין האטשי ער איז שוין גיוואוינט מען זאל איהם ריפען מיט דעם צו נאמין׳ דאציפארט טארין נישט ריפען איהם מיט דעם צו נאמין אז מען איז זיך מכוין צו פאר שעמין איהם דער מיט . אפילו ער איז נישט דער בייא טארין אויך נישט . (זעה איין בפרק י׳ סעיף י״ד ט״ו ט״ז י״ז . ובפרק ט״ז סעיף ט״ז י״ז י״ח . ובפרק כ״א סעיף ב׳ . ובפרק ל״ז סעיף ס״ו ס״ז נאך דינים פון אזעלכי זאכין :

## פרק כו דינים אז מען דינגט א מענטש צו ארבייטין אדער מען דינגט פון איינעם א בהמה אדר כלים דארפין צו בצאהלין אונ דער צייט :

א אז מען דינגט איינעם צו ארבייטען אדער מען דינגט פון איינעם א בהמה אדער כלים איז א גרויסי מצוה צו בצאלין דעם שכר אונ דער צייט . אז נישט האט מען א גרויסע עבירה :

ב די צייט הייסט אז עס ענדיגט זיך די ארבייט בטאג איז צייט צו צאלין א גאנצי
טאג. אז עס ווערט נאכט און ער האט נאך נישט בצאלט האט ער איין עבירה:

ג ענדיגט זיך די ארבייט בנאכט איז צייט צו צאלין א גאנצע נאכט. אבער אז די נאכט
איז אוועק גיגאנגען און ער האט נישט בצאלט האט ער איין עבירה:

ד דער איינגער דין איז אז די ארבייט איז אויף א וואך אדער אויף א חודש אדער
אויף א יאהר און די ארבייט ענדיגט זיך בטאג האט ער צייט א גאנצע טאג. ענדיגט
זיך די ארבייט בנאכט האט ער צייט א גאנצע נאכט:

ה דעסט גלייכין אז מען גיט צו א בעל מלאכה עפיס צו מאכין אדער מען גיט עפיס צו
נייען און ער ברענגט עס אפ בטאג איז מען מחויב צו בצאהלין דעם טאג. אז ער
ברענגט עס אפ בנאכט איז מען מחויב צו בצאהלין די נאכט. אז נישט האט מען
א גרויסע עבירה:

ו אבער וויא לאנג די זאך ליגט ביים דעם בעל מלאכה האטשי דער בעל מלאכה האט
איהם גיזאגט אז עס איז שוין פארטיג ער זאל עס שוין אפ נעמין. האט ער גישט קיין
עבירה וואס ער בצאלט איהם נישט איידער ער נעמט עס אפ:

ז דאס וואס מיר שרייבין אלץ אז מען האט איין עבירה אז מען בצאלט נישט און דער
צייט שמיסט נאר אז דער ארבעטארער מאנט איהם און ער האט געלט און בצאלט
איהם גישט:

ח אבער אז יעניר מאנט איהם נישט אדער ער האט נישט קיין געלט פונקט ווען די
צייט איז האט ער גישט קיין עבירה:

ט עס איז אבער גלייך צו אנטלייען זיך און בצאלין און דער צייט. דען יעניר לעבט דאך
פון דעם:

י די מענטשין וואס זייער שטייגער איז. נישט צו בצאהלין די ארבעטארערס ביז זייא
רעכינען זיך אפ מיט זייא האבין נישט קיין עבירה אז זייא גיבען גישט קיין געלט
און דער צייט איידער זייא רעכינען זיך אפ. דען ווייל די ארבעטארערס ווייסין אז
זייער שטייגער איז אזוי האבין זייא זיך אויף דער דעה פאר דינגען:

יא אז ער גיט איבער דעם ארבעטארער צו איינעם ער זאל איהם בצאלין און יעניר
נעמט אויף זיך צו בצאהלין איהם האט ער שוין נישט קיין עבירה וואס ער בצאלט
גישט און דער צייט:

יב דעסט גלייכין אז ער גיט א משכון דעם ארבעטארער האט ער אויך שוין נישט
קיין עבירה:

יג אז עס איז פאר ביים גיגאנגין די צייט וואס מיר האבין פריער גישריבען און ער האט
איהם נאך נישט בצאלט דארף ער צו בצאלין וויא און נעקסטין:

יד אז ער שלעפט איהם אפ דער נאך אלע מאהל און גיט איהם נישט האט ער איין
עבירה:

טו דעסט גלייכין אז עס קומט איין יוד ביים דעם אנדערין געלט און דער וואס איז שולדיג
שלעפט אפ דעם אנדערין אלע מאהל און גיט איהם נישט האט ער איין עבירה:

טז דער מענטש וואס פאר דינגט זיך צו איין ארבייט איז מחויב צו ארבייטין ערליך. און
נישט באלמיטשען. נאר ארבייטען מיט דעם גאנצין כח. וויא ווייט מעגליך איז:

## (יום יט) פרק כז דינים אז מען טאר נישט גנבנין אדער גזלין. און מען טאר נישט קויפען קיין גניבה:

א מען טאר נישט גנבנין אדער גזלין אפילו אקליינינקייט. סייא פון א יוד סייא פון אגוי:

דעסט

ב דעסט גלייכן טארן נישט מאכן קיין שום שווינדיל אונ האנדיל אפילו מיט א גוי :

ג אז עס איז דא א פעליר אונ דער זאך וואס מען פאר קויפט דארפין יענים צו זאגין אפילו ער איז א גוי :

ד אפילו מען וויל אפ געבין דאס וואס מען גנבית נאר מען וויל דער ווייל יענים א ביסעל מצער זיין אדער צו מאכן א גירעכטיר טארין אויך נישט :

ה מען טאר נישט קויפען פון דעם גנב דיא זאך וואס ער האט גיגנבית. אפילו דאס וואס איין גוי גנבית ביא דעם אנדערין. דאס איז אויך א גרוסי עבירה. דער איינגענער דין איז אויך ביא דער זאך וואס איז גיגזלת :

ו אז איינער וויל פאר קופין א זאך וואס ווייזט אויס אז עס איז גיגנבית. היינו דיא וואס היטען פרעמדי פירות פאר קופען פירות אויף א פאר בארגען ארט טארין נישט ביא זייא קופין :

ז דעסט גלייכין אז א שניידער אדער אנאנדערער בעל מלאכה פאר קופט א זעלכי שטיקלעך וואס ער דארף זייא אפ צו געבין דעם וואס האט גיגעבין די זאך צו מאכן טארין נישט קופען ביא איהם :

# פרק כח דינים אז מען טאר נישט יענים א שאדין טוהן אונ גוף אדער אונ געלט :

א מען טאר נישט שלאגין קיין יוד. אז מען הייבט נאר אויף דיא האנט אויף א יוד צו שלאגין איהם הייסט מען שוין א רשע :

ב אז איינער שלאגט איהם אדער אנאנדערין יוד אונ מען קען נישט מציל זיין צאטין מען וועט איהם צוריק שלאגין מעגין איהם צוריק שלאגין :

ג אפילו א משרת וואס פאלגט נישט טארין אויך נישט שלאגין. אבער זיינע קליינע קונדער מעגין יוא שלאגין צו לערנין זייא דעם גוטען וועג :

ד מען טאר נישט א שאדין טוהן יענעמס געלט. אז עס טרעפט זיך מען טוהט יענים א שאדין דארפין איהם צו בצאלין. אדער האבין מיט איהם א דין תורה :

ה דעסט גלייכין אז עס טרעפט זיך איינער האט גיגנבית אדער גיגזלת דארף ער אפ צו געבין אונ יענים איבער בעטין :

# פרק כט דינים פון ערליך האלטין פאטער אונ מוטער :

א מען דארף שטארק גיווארינט צו זיין ערליך צו האלטין פאטער אונ מוטער :

ב דער היילינגער מלאך אליהו הנביא זל שרייבט אונ זיין ספר אז דער וואס וויל האבין גוטין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט זאל ערליך האלטין פאטער אונ מוטער :

ג ערליך האלטין הייסט צו באדינען זייא מיט אלדונג. אז זייא זענין גימיין אונ ער איז פאר מעגליך דארף ער זייא מפרנס זיין מיט א פריילוך פנים וויא וויט מיגליך איז :

ד אויך זענין מיר גיבאטין גיווארין מורא צו האבין פאר פאטער אונ מוטער. היינו מען טאר נישט שטיין אדער זיצען אויף דעם פאטערס ארט אונ שול. אויך טארין נישט זיצען אונ דער היים אויף דעם פאטערס ארט אדער אויף דער מוטערס ארט :

ה אויך טארין נישט אפ ווענדין זייערי רייד אפילו זייא זענין נישט דער ביא :

ו מען טאר נישט אויף וועקין פאטער אונ מוטער פון שלאף. אפילו דער שליסעל פון זיין גיוועלב ליגט ביא זייא אונטערין קישען. אונ ער וועט דער ווייל היזק האבין א סך

פאר דינְסְט טָארִין אויך נִישְׁט :

ז אָבֶער אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ דֶעם פָאטֶער אַ פַאר דִינְסְט אוּנ אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט אויף וֶועקִין וֶועט דֶער פָאטֶער הָאבִּין עַגְמַת נֶפֶשׁ זָאל עֶר אִים אויף וֶועקִין :

ח דֶעסְט גְלַייכִין פוּן אַ מִצְוָה וֶועגִין הַיְינוּ צוּ גֵיין דַאוְונֶען זָאל עֶר אִים אויך אויף וֶועקִין · וָוען עֶר מִיט דֶעם פָאטֶער אוּנ מוּטֶער זֶענִין מְחוּיָב אוּנ דֶעם כָּבוֹד פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ :

ט מֶען אִיז מְחוּיָב זִיךְ אויף צוּא שְׁטֶעלִין פַאר דֶעם פָאטֶער אוּנ פַאר דֶער מוּטֶער זִינְט מֶען זֶעהְט זַייא אָדֶער מֶען הֶערְט זַייא גֵיין בִּיז מֶען זֶעהְט זַייא שׁוֹין נִישְׁט · אָדֶער בִּיז זַייא קוּמֶען אויף זַייעֶר אָרְט :

י אַז מֶען גִידֶענְקְט דֶעם פָאטֶער אוּנ דִיא צְוֶועלִיף חֳדָשִׁים נָאךְ זַיין טוֹיט דַארְפִין צוּ זָאגִין „הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ" · דִיא טַייטְשׁ אִיז „אויף מִיר זָאל קוּמֶען דָאס שְׁלֶעכְט וָואס דַארְף אויף אִיהְם צוּ קוּמֶען :

יא אַז מֶען גִידֶענְקְט אִים נָאךְ דִיא צְוֶועלִיף חֳדָשִׁים זָאל מֶען זָאגִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא :

יב אַז מֶען גִידֶענְקְט דִיא מוּטֶער אוּנ דִיא צְוֶועלִיף חֳדָשִׁים נָאךְ אִיהְר טוֹיט זָאל מֶען זָאגִין „הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבָהּ" :

יג אַז מֶען גִידֶענְקְט זִיא נָאךְ דִיא צְוֶועלִיף חֳדָשִׁים זָאל מֶען זָאגִין זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא :

יד אַז מֶען גִידֶענְקְט זַייעֶר נָאמִין אוּנ שְׁרַייבִּין דַארְף מֶען אויךְ צוּ שְׁרַייבִּין דִיא וֶוערְטֶער וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען :

טו אַז דֶער פָאטֶער אָדֶער דִיא מוּטֶער הַייסֶען אִים טוּהְן אַיין עֲבֵירָה אֲפִילוּ נָאר אַקְלֵיינֶע עֲבֵירָה טָאר עֶר נִישְׁט פָאלְגִין זַייא :

טז אַיין אִשָׁה אִיז אַזוֹי גוּט מְחוּיָב עֶרְלִיךְ צוּא הַאלְטִין דִיא פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ מוֹרָא הָאבִּין פַאר זַייא אַזוֹי וִויא אַ מַאנְצְבִּיל :

יז נָאר דִיא אִשָׁה וָואס הָאט אַיין מַאן אוּנ דֶער מַאן לָאזְט זִיא נִישְׁט אִיז זִיא פָּטוּר פוּן דִי זַאכִין וָואס עֶר לָאזְט נִישְׁט · אָבֶער אוּנ דִיא זַאכִין וָואס דֶער מַאן אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אִיז זִיא מְחוּיָב :

יח מֶען טָאר נִישְׁט מְבַזֶה זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אֲפִילוּ נָאר מִיט רַייד אָדֶער אויף דֶעם וִוינְק · אֲפִילוּ זַייא שְׁלָאגִין אִים טָאר עֶר נִישְׁט זַייא אַ קֵיינֶע רֶעדִין :

יט אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכִין דֶעם עוֹל אויף זַיינוּ קִינְדֶער מְדַקְדֵק זַיין מִיט זַייא אויף זַיין כָּבוֹד · דֶען עֶר קֶען זַייא בְּרֶענְגִין צוּ אַיין עֲבֵירָה · נָאר עֶר דַארְף זַייא מוֹחֵל זַיין . אוּנ נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אויף זַיין כָּבוֹד :

כ אַז דֶער פָאטֶער ווייסְט אַז וָוען עֶר וֶועט שְׁלָאגִין דֶעם זוּהְן וֶועט עֶר אִים מְבַזֶה זַיין אָדֶער שֶׁעלְטִין טָאר עֶר אִים נִישְׁט שְׁלָאגִין · כְּדֵי עֶר זָאל אִיהְם נִישְׁט בְּרֶענְגִין צוּ קֵיין עֲבֵירָה · נָאר עֶר זָאל אִיהְם שְׁטְרָאפִין מִיט רַייד :

כא אַ שְׁטִיף מוּטֶער · אָדֶער אַ שְׁטִיף פָאטֶער · אַיין עֶלְטֶערִין בְּרוּדֶער · אַ זַיידִין · שְׁוֶוער אוּנ שְׁוִוינֶער . מוּז מֶען אויךְ עֶרְלִיךְ הַאלְטִין :

כב דֶער וָואס וִויל בֶּאֱמֶת עֶרְלִיךְ הַאלְטִין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער דַארְף צוּ לֶערְנִין אוּנ טוּהְן גוּטֶע מַעֲשִׂים . דָאס אִיז אַ כָּבוֹד פַאר דִיא פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אויף דֶער וֶועלְט · אויךְ זֶענִין זַייא זוֹכֶה צוּא קוּהל גוּטְץ אויף יֶענֶער וֶועלְט אַז זַייא לָאזִין אִיבֶּער גוּטֶע קִינְדֶער :

חלק ה (יום כ) אוּנ דֶעם חֵלֶק שְׁטֵייעֶן גִישְׁרִיבִּין דִיא זַאכִין וָואס גְרוֹיסֶע רַבָּנִים זלה״ה הָאבִּין אַרוֹיס גִישְׁרִיבִּין אויף דֶער וֶועלְט מֶען זָאל גִיוָואֹרִינְט זַיין אוּנ דִיא

זאבין · וועט השם יתברך העלפין אז עס וועט נישט זיין קיין שום שלעכטץ צווישען אונז. נאר אלדים גוטץ · אזוי וויא מיר האבין גישריבען בספר לקוטי שושנים בלשון הקודש:

אביסעל פון דיא זאבין שטייען גישריבען דא אונ יעני חלקים :

אויך שטייען גישריבען אונ דעם חלק דיא גוטע מדות וויא אזוי א יוד דארף זיך פיהרען . אזוי וויא מיר האבין גישריבען בספר לקוטי שושנים בלשון הקודש חלק ו׳ · אונ נאך פיהל דינים אונ גוטע זאבין פון שלחן ערוך אונ הייליגע ספרים:

# פרק ל דינים פון ציצית ותפילין ומזוזות וספר תורה:

א מען דארף צו קויפען גוטע ציצית וואס מאכט זייא איין ערליכער יוד · דען מען דארף צו זאגין בשעת מען הייבט אהן צו שפינען אונ צו דרייען דיא ציצית אז מען טוהט דאס לשם ציצית :

ב דיא ציצית דארפין צו זיין אזוי לאנג אז נאך דעם אהן מאכין זאל האלטין דיא ציצה פון דעם ערשטין קניפ ביז סוף דער ציצה דיא ברייט פון צוועליף גראבי פינגער פון א מיטעל מענטש · (דאס הייסט א האלב אייל):

ג אבער אז אפילו איין פאדים וועט נישט זיין אזוי לאנג פון ערשטין קניפ אן טארין נישט אהן מאכין :

ד דיא ציצה טאר נישט זיין צו הויך אן גימאכט אונ דער כנפי · אונ אויך נישט צו נדריג . בפרק א׳ סעיף ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ האבין מיר גישריבן אקאראט דעם שיעור דער פון · זעה איין ארט · מען מוז אונ דעם שטארק גיווארינט זיין · דען אז נישט איז אזוי גוט גלייך מען נייט נאר נישט אונ קיין ציצית :

ה אז בשעת מען האט אן גימאכט דיא ציצה איז זיא גיוועהן לאנג אזוי וויא מיר האבין גישריבין בסעיף ב׳ נאר דער נאך רייסט זיך אפ איין פאדים אונ עס בלייבט זיבען פעדים איז אויך כשר · אז דער זיבעטער פאדים רייסט זיך אויך אפ זאל מען פרעגין א שאלה :

ו אז עס רייסט זיך איבער א פאדים אויף דעם ארט וויא דיא ציצה איז אריין גיצוגין אונ דער כנפי. איז דיא ציצה זעכיר פסול:

ז אז עס איז פסול גיווארין א ציצה פון טלית דארפין אים באלד אויס צו טוהן . אז דאס איז אום שבת זאל מען פרעגין א שאלה :

ח אז עס איז פסול גיווארין א ציצה פון טלית קטן אדער פון לייבצידעקיל · אונ ער איז צווישען מענטשין אונ שעמט זיך אויס צו טוהן בדארף ער אויף דעם ארט נישט אויס צו טוהן . נאר ער זאל גיך אהיים גיין אונ אויס טוהן דעם טלית קטן אדער דאס לייבצידעקיל וואס איז דרינען דא אפסולי ציצה· (זעה איין בפרק א׳ סעיף י״א):

ט מען דארף צו קויפין תפילין פון א סופר וואס איז איין ערליכער יוד . חאטשי ער נעמט טייערער . דען עס איז דא א סך דינים אונ דעם שרייבין פרשיות. אונ אויך אונ דיא בתים אונ דיא רצועות. וועלכים דער סופר דארף צו קענין אלי דינים אונ זיין איין ערליכער יוד . אז דיא תפילין פון אים זאלין זיין כשר וויא עס קער צו זיין :

י יעדער מענטש דארף אכטינג געבין זייני רצועות זאלין זיין שווארץ. אז דאס שווארצקייט איז אפ גישפרינגען פון זייא מוז מען זייא געבין א סופר . ער זאל זייא אפ שווארצין אזוי וויא דער דין איז. דען אז נישט טארין נישט דאווענען אונ זייא :

יא עס איז שכיח בייא דער רצועה של יד דא וויא מען ציהט צו דיא רצועה אויף דער האנט איז דער שטייגער אז עס שפרינגט דארט אפ דאס שווארצקייט . מוז מען אכטינג געבין דארט תמיד צו לאזין צו שווארצין כדי מען זאל מעגין דאווענען אונ זייא :

יב אַז דִיא תְּפִלִּין וֶוערִין עֶפִּיס קַאלְיֶע אָדֶער דִיא רְצוּעוֹת וֶוערִין אִיבֶּער גְרִיסִין דַארְף מֶען צוּ פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה אוֹיבּ זַייא זֶענִין כָּשֵׁר :

יג מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען בְּפֶּרֶק א׳ וִויא אַזוֹי מֶען זָאל לֵייגִין דִיא תְּפִלִּין אוֹיף דֶער הַאנְט אוּנ אוֹיף דֶעם קָאפּ וִויא עֶס קֶער צוּ זַיין . זָעה אַיין דָארְט בְּסָעִיף ט״ז י״ז אַז דֶער עֶק פוּן דִיא תְּפִלִּין וָואס לֶעבִּין דֶעם שְׁטֶערִין טָאר נִישְׁט זַיין נִידְרִיקֶער פוּן דֶעם אָרְט וָואס דִיא הָאר הֵייבֶּען אָן אַרוֹים צוּ וַואקְסִין · אוּנ דֶער קֶשֶׁר דַארְף צוּ לִיגֶען אוּנ׳ יֶענִיר זַייט קָאפּ אַבִּיסֶעל הוֹיךְ קֵייגֶען דֶעם פָּנִים :

יד אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען גִיוָוארוּנְט זַיין אַז מֶען זֶעהְט אַז דִיא תְּפִלִּין לִיגְט עֶטְוָואס נִידֶערִיקֶער מוּז מֶען תֵּיכֶף גֶעבִּין דִיא תְּפִלִּין צוּ דֶעם וָואס קֶען עֶר זָאל קְלֶענִיר מַאכִין דֶעם קֶשֶׁר · דָאס הֵייסְט עֶר זָאל אַיין צִיעֶן דִיא רְצוּעוֹת . כְּדֵי דִיא תְּפִלִּין זָאלִין לִיגֶען הֶעכִיר אוֹיף דֶעם קָאפּ . אַז מֶען אִיז נִישְׁט גִיוָוארוּנְט אוּנ דֶעם הָאט מֶען אַ גְרוֹסֶע עֲבֵירָה · זָעה אַיין בְּפֶּרֶק א׳ נָאךְ דִינִים פוּן דִיא זַאכִין :

טו מֶען דַארְף צוּ קוֹיפֶען מְזוּזוֹת פוּן דֶעם סוֹפֵר וָואס אִיז אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד . הָאטְשֶׁי זַייא קָאסְטִין טַייֶערֶער :

טז בְּפֶּרֶק יח הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבֶּען דִיא דִינִים פוּן אָן שְׁלָאגִין דִיא מְזוּזָה . זָעה אַיין דָארְט . עֶס אִיז אָבֶּער גְלַייכֶער אַז דֶער וָואס קֶען לֶערְנִין זָאל אָן שְׁלָאגִין דִיא מְזוּזָה · דֶען עֶס אִיז דָא נָאךְ דִינִים אוּנ דֶעם אָן שְׁלָאגִין :

יז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ הַייסִין זִיךְ שְׁרַייבִּין אַ סֵפֶר תּוֹרָה · אוֹיךְ אִיז אַ מִצְוָה צוּ קוֹיפִין זִיךְ סְפָרִים אוּנ לֶערְנִין אוּנ זַייא אָדֶער אַנְטְלַייעֶן אַנְדֶערִי יוּדֶען צוּ לֶערְנִין :

יח טֵייל סוֹפְרִים זֶענִין זִיךְ נוֹהֵג וָוען זַייא מַאכִין פַארְטִיג אַ סֵפֶר תּוֹרָה גִיבֶּען זַייא דִיא וַוייבֶּער זַייא זָאלִין צוּ נוֹף נֵייעֶן דִיא יְרִיעוֹת · אוּנ נֶעמִין בַּייא יֶעדֶערִי עֶפִּיס גֶעלְט פַאר דֶעם וָואס זִיא נֵייעֶט צוּ נוֹיף דִיא סֵפֶר תּוֹרָה . דֶען זִיא מֵיינְט אַז זִיא טוּהְט אַ מִצְוָה . דַארְפִין זַייא וִויסֶען אַז דָאס אִיז אַיין עֲבֵירָה . דֶען וַוייבֶּער טָארִין נִישְׁט צוּ נוֹף נֵייעֶן דִיא יְרִיעוֹת פוּן דֶער סֵפֶר תּוֹרָה :

# פרק לא דִינִים וִויא אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט דִיא מַלְבּוּשִׁים :

א מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אוּנ צוּ טַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים · אוּנ נִישְׁט פַאר שְׁייט . דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּם יוּדִישְׁקֵייט :

ב וָוען מֶען טוּהְט אָן דִיא שִׁיךְ אָדֶער שְׁטִיוֶועל זָאל מֶען פְרִיעֶר אָן טוּהְן דֶעם רֶעכְטִין · דֶער נָאךְ דֶעם לִינְקֶען . אַז זַייא זֶענִין מִיט בֶּענְדְלִיךְ זָאל מֶען פְרִיעֶר צוּ בִּינְדֶען דֶעם לִינְקֶען דֶער נָאךְ דֶעם רֶעכְטִין :

ג אוֹיס טוּהְן זָאל מֶען פְרִיעֶר דֶעם לִינְקֶען שִׁיךְ דֶער נָאךְ דֶעם רֶעכְטִין · דִיא אֵייגֶענֶע דִינִים זֶענִין אוֹיךְ בַּייא זָאקִין אָדֶער אַנְדֶערִי קְלֵיידֶער :

ד אַז מֶען גִיט צוּ נֵייעֶן אַ מַלְבּוּשׁ זָאל מֶען גֶעבִּין צוּ אַיין עֶרְלִיכֶען שְׁנַיידֶער וָואס אִיז גִישְׁט צוּ קְלֶערִין אַז עֶר גֵייט מִיט שַׁעַטְנֵז ח״ו · דֶען דֶער אִיסוּר פוּן שַׁעַטְנֵז אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס :

ה אִיבֶּער דֶעם דָאס וָואס דִיא שְׁנַיידֶערְס לֵייגִין אַרַיין כְּשָׁרֵי לַאוְוינְט אוּנ דִיא וָואהְלִיגֶע מַלְבּוּשִׁים אוּנ זָאגִין אַז דִיא כְּשָׁרֵי לַאוְוינְט אִיז פוּן קַנְבּוּס אָדֶער בַּאנְוִויל . מוּזֶען זַייא וִויסֶען זָעכִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סְפֵקוֹת :

ו דֶעקְט גְלַייכִין אִיז דָא טֵייל קְנֶעפּ וָואס פוּן אוֹיבִּין אִיז וָואהְל אוּנ אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַאט וִויא מֶען נֵייעֶט צוּ צוּם מַלְבּוּשׁ אִיז לַאוְוינְט . מוּז מֶען זִיךְ הִיטֶען נִישְׁט צוּ נִיטְצֶען זַייא :

ז רֶעקְט גְלַייכֶען דִיא וָואס מַאכִין הִיטְלֶען דַארְפִין אוֹיךְ גִיוָוארִינְט צוּ זַיין זַייא זָאלִין נִישְׁט

מכשיל זיין חס וחלילה קיין יוד מיט שעטנז:

ח אז זיא לייגן אריין סעראטע אדער איינגעזאהל אונ א היטעל פון וואהל מוזען זייא וויסען זעכיר אז דאס איז נישט קיין פארים:

ט דארעשט דינים פון שעטנז האבין מיר געשריבען בספר דברי תורה סימן קי"א זעה איין דארט:

## (יום כא) פרק לב דינים פון וואשין דיא הענט צום דאווינען אונ צום לערנין אונ ווען מען וויל זאגין הייליגע ווערטער:

א מען דארף זיך צו וואשין דיא הענט מיט וואסער פאר יעדערין דאווינען · אפילו מען האט נישט גיהאט קיין נקיות · מען זאל וואשין יעדערי האנט אונ גאנצין מיט דעם וואסער ארום אונ ארום:

ב נאך דעם וואשין זאל מען גיווארינט זיין מען זאל נישט אן רירען ביז נאך שמונה עשרה אונ דיא ערטער פון גוף וואס זענין צו גידעקט מיט מלבושים · אונ נישט אונ דיא שיך · אויך זאל מען נישט זיך קראצין אונ קאפ · אויך זאל מען נישט אן רירען אין דער צואה פון אויער אדער פון דער נאז · אונ נישט אונ אנדערי זאכין וואס זענין נישט ריין:

ג אז מען רירט אן אונ מען האלט פאר שמונה עשרה דארפין זיך איבער נייעם צו וואשין מיט וואסער דיא גאנצע האנט וואס האט אן גירורט · בספר ארץ חמדה שרייבט אז דיא מענטשין וואס זענין זיך נוהג אז ווען זייא רירען אן אונ מיטען דאווינען אויף דיא פאר באהגעני ערטער אדער אונ דער צואה פון אויער אדער פון דער נאז ווישען זייא דיא האנט אונ פענצטער אדער זייא טינקען איין דעם פינגער אונ וואסער זענין זייא נישט יוצא · נאר מען דארף צו וואשין די גאנצע האנט אפילו מען רירט נאר אן מיט דעם קליינם פינגר:

ד אז מען האלט שוין אונ מיטען דער שמונה עשרה זאל מען זיך גוט אפ ווישען אונ עפים דיא האנט:

ה צו מנחה דארפין זיך אויך צו וואשין דיא הענט אונ גאנצין מיט וואסער אזו וויא מיר האבין פריער גישריבען · דעסט גלייכין צו מעריב דארפין זיך אויך צו וואשין אז מען האט זיך אפ גירעט נאך מנחה:

ו דעסט גלייכין אז מען האט זיך אפ גירעט נאך שחרית דארפין פאר מוסף איבער נייעם צו וואשין דיא הענט:

ז אז מען האט אבער אונ זינען גיהאט נאך איין שמונה עשרה צו היטען דיא הענט ביז דער אנדערער שמונה עשרה זייא זאלין נישט אן רירען אונ קיין שום אומריינע ערטער · דארפין נישט נאך אמאהל זיך צו וואשין:

ח אז מען רירט אן אויף דיא אומריינע ערטער בשעת מען לערינט אדער בשעת מען וויל זאגין וועלכי הייליגע ווערטער זאל מען אויך זיך וואשין דיא הענט · נאר אז מען האט נישט דארעבין קיין וואסער איז גינוג אז מען ווישט גוט אפ דיא האנט וואס האט אן גירורט · דעי מען האלט דאך נישט צינדעדט פארין דאווינען:

ט אז מען רירט אן אויף דיא אומריינע ערטער אונ מיטען עסין האבין מיר גישריבען בפרק ג' אז מען דארף איבער נייעם צו וואשין אונ גאנצין דיא האנט וואס האט אן גירורט · נאר נישט מאכין נאך אמאהל דיא ברכה על נטילת ידים · זעה איין דארט אלע דינים פון דעם:

## פרק לג דינים פון צדקה געבין:

א יעדער מענטש איז מחויב צו געבין צדקה וויא וייט ער קען · דאס איז א גרוסי מצוה:

ב דער מענטש ווערט קיינמאהל ניט אָרים פון דעם וואס ער גיט אַוועק צְדָקָה. און
קיין שום שלעכטץ קומט נישט פון צְדָקָה געבן. און דאס וועט איהם בלייבן אויף
אייביג פון זיין גאַנצע אַרְבֵּיט:

ג דער וואס גיט צְדָקָה לעבט לאַנג. און שטויסט אַוועק דיא שלעכטע גְזֵירוֹת:

ד מען דאַרף צו געבן דעם אָרימאַן מיט אַ פְרֵיילֶעך פָּנִים און גוטע רייד. דען אז מען
גיט איהם מיט אַ שלעכט פָּנִים אֲפִילוּ מען גיט אַגאַנץ סך האט מען נישט קיין שְׂכַר:

ה אַז דער אָרימאַן בעט צְדָקָה טאָרין גישט לאָזין איהם אַוועק גיין ליידיג. נאָר מען
דאַרף איהם צו געבן וויא וויט מען קען:

ו אַז מען האט נאָר נישט צו געבן דאַרפין איהם איבער צו בעטין אז מען וואָלט איהם
גיגעבין נאָר מען האט נישט:

ז מען טאָר גישט שרייען אויף קיין אָרימאַן. דער וואס פאַר שעמט איין אָרימאַן האט
אַגְרוֹסֶי עֲבֵירָה. נאָר מען זאָל שמיסען מיט איהם גוטע רייד:

ח אַז איינער זאָגט איך וויל געבין אַ גילדען צְדָקָה (אָדער ווינציקער) אָדער ער זאָגט דער
גילדען זאָל זיין צְדָקָה דאַרף ער איהם באַלד צו געבין די אָרוֹמֶע לייט. אַז ער גיט גישט
באַלד האט ער אַ גְרוֹסֶי עֲבֵירָה:

ט אַז עס איז אויף דעם אָרט נישט דאַ קיין אָרוֹמֶע לייט זאָל ער אַוועק לייגין דאס געלט
עס זאָל ליגען ביז עס וועט זיין אָרוֹמֶע לייט:

י דיא גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה און דער צְדָקָה איז צו דער האַלטין דעם נימיינעם יוד איידער ער ווערט
און גאַנצין אָרים. הַיְינוּ צו אַנְטְלֵייעֶן אים געלט. אָדער מאַכין איהם אַ גישעפט ער זאָל
זיך קענין דער נערין:

יא דיא פְרַאָמֶע מענטשין פְלֶעגִין אז צְדָקָה הייסט נאָר אַז מען גיט דיא אָרוֹמֶע לייט וואס
גייען אויף דיא טירען. אֱמֶת מען דאַרף זייא אויך צו געבין. אָבער דער עִיקָר צְדָקָה
איז צו געבין דיא גימיינע לייט וואס שעמין זיך צו ריידין און ליידין הַדְחָקוֹת אָן שִׁיעוּר. נאָר
מען זאָל זייא געבין שטילער הייט. כְּדֵי זייא זאָלין נישט פאַר שעמט ווערין:

יב אויך דאַרפין שיקען זייא פְרַייטיג זייא זאָלין האָבין אויף שַׁבָּת. ווער שמיסט יָמִים טוֹבִים
דאַרפין בְּוַדַּאי גיוואָרונט צו זיין אַכְטוּנְג צוא געבין דיא אָרוֹמֶע לייט מיט דיא יְתוֹמִים
און אַלְמָנוֹת זאָלין האָבין צו עסין. יעדער מענטש דאַרף געבין וויא וויט ער קען:

יג דער מענטש טאָר זיך נישט באַרימען מיט דער צְדָקָה וואס ער גיט. דען אז ער
באַרימט זיך האט ער נישט קיין שְׂכַר פון דעם געבין נאָר אַיין עֲבֵירָה:

יד דאס מיינסט דאַרף מען אַכְטוּנְג צו געבין אויף אַ גימיינעם יוד וואס קען לערנין צוא
געבין איהם וואס ער דאַרף. דער שְׂכַר פון דעם מענטש וואס דער האלט דעם גימיינעם
יוד וואס קען לערנין ער זאָל האָבין פַּרְנָסָה איז זייער גרויס:

טו דער מענטש וואס דאַרף נישט צו נעמין קיין צְדָקָה און נאַרט דיא וועלט און נעמט
צְדָקָה וועט דער סוֹף זיין אַז עהר וועט מאַכי דאַרפין צו מענטשין. דען אַ מענטש
דאַרף צו זעהן וויא וויט ער קען ער זאָל נישט נעמין קיין צְדָקָה:

## (יום כב) פרק לד דינים פון לערנין דיא קינדער גוטע מַעֲשִׂים:

א יעדער פאָטער איז מְחוּיָב צו לערנין זיינע קינדער פון קליינע הייט אָן. און זאָל זייא
גיוואוינען און אַלע מִצְוֹת. יעדער מִצְוָה ווען דאס קינד קען פאַר שטיין:

ב הַיְינוּ דאס קינד וואס פאַר שטייט פון ענין שַׁבָּת דאַרף צו העהרין קידוש און הַבְדָלָה. דאס
קינד וואס קען אָהן טוהן אַ לייבּצידעקיל דאַרף דער פאָטער דינגען איהם צוא מאַכין

כשרי

כְּשֵׁרִי צִיצִית . אונ נאך אזא שטייגער אלע מִצְוֹת ווען דאס קינד קען פאר שטיין דארף דער
פאטער אים צו געוויינען פון קליינער הייט אן :

ג מען דארף צו געוויינען דיא קינדער זייא זאלין נאך זאגין אמן אונ אמן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא . אונ
קְדוּשָׁה וּבָרְכוּ . דאס איז זייער טייער :

ד אויך זאלין זייא זיין אונ שיל אדער אונ בֵּית הַמִּדְרָשׁ מיט פארכט . אונ נישט מְבַלְבֵּל זיין
דעם עוֹלָם פון דאווינען :

ה אלדינג וואס מען טאר נישט עסין אדער טוהן דארף דער פאטער נישט לאזין זיין קינד
דאס עסין אדער טוהן אז עס פאר שטייט נאר וואס מען זאגט דער צו אז מען טאר
נישט טוהן דיא זאך :

ו אויך דארף ער צו געוויינין דאס קינד נישט צו זאגין קיין ליגענט אונ נישט שווערין אויף קיין
שום זאך . אונ נישט טוהן קיין נֶדֶר :

ז אז דאס קינד וויל נישט פאלגין זאל ער עס אביסעל שלאגין כְּדֵי עס זאל פאלגין . נאר נישט
שטארק . ער קער עס צו זאגין צו קויפען גוטע זאכין ווען עס וועט פאלגין . וויא ווייט ער
איז פאר מעגליך :

ח דיא מוטערס וואס לאזין נישט לערנין דיא קינדער אונ גוטען וועג טוהן א גרויסי עֲבֵירָה .
זייא דאכט זיך אז זייא האבין רַחֲמָנוּת אויף דיא קינדער . אונ דאס איז גאר פאר קערט .
דען אז דאס קינד ווערט גרעסער אונ דער יונגענט קען מען שוין נישט פארעכטין דער נאך :

ט קיין שום מענטש טאר נישט געבין א קינד צו עסין א זאך וואס מען טאר נישט עסין . אויך
טאר מען נישט עס הייסן טוהן קיין שום זאך וואס מען טאר נישט . אֲפִילוּ דאס קינד איז
נאך גאר קליין :

י אז דאס קינד איז נישט געזונד אונ עס דארף צו עסין אדער טרינקען א זאך וואס מען טאר
נישט זאל מען פרעגין א שְׁאֵלָה :

יא מען מעג געבין דעם קינד צו עסין שַׁבָּת פאר קִידּוּשׁ אדער דערנאכט ווען מען פאסט :

יב דער עוֹלָם איז זיך נוֹהֵג אז דא וויא מען טאר נישט שַׁבָּת טראגין גיבען זייא דעם קינד צו
טראגין . מען טאר דאס נישט נאר ווען מען דארף נייטיג פון א מִצְוָה וועגין . אבער וויא
ווייט עס איז מעגליך זאל מען דעם קינד אויך נישט געבין צו טראגין :

יג אז דאס קינד הייבט אן צו רעדין זאל מען עס לערנין דעם פָּסוּק תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ משֶׁה מוֹרָשָׁה
קְהִלַּת יַעֲקֹב :

יד אז עס קען שוין רעדין זאל מען עס געוויינען צו זאגין אונ דער פריא בְּרָכוֹת מיט קְרִיאַת שְׁמַע
וואס מען זאגט מיט דיא קינדער :

טו אויך זאל מען עס געוויינען צו מאכין א בְּרָכָה איבער עסין וואֵרג אדער מַשְׁקֶה . אונ בענטשין
דער מיט נאך דעם עסין :

טז נאר מען מוז געווארענט זיין דאס קינד זאל זיין ריין בְּשָׁעַת עס זאגט הייליגע ווערטער .
אויך זאל דאס ארט זיין ריין אזוי וויא מיר האבין געשריבען בְּפֶּרֶק ו' :

יז א מיידעל דארף אויך דער פאטער צו לערנין דיא זאכין וואס מיר האבין געשריבען . אויך
דארף ער זיא צו לערנין דאווענען אונ בענטשין אונ לייענין :

יח מען דארף צו וואשין דיא קינדער אונ דער פריא ווען זייא קומען אויף פון שלאף :

יט ווער שמיקט דיא גרויסי מענטשין דארפין בְּוַודַּאי געווארענט צו זיין סייא מאנספּיל סייא
ווייבער צו האבין א כְּלִי מיט וואסער לעבין בעט . אונ ווען מען קומט אויף פון שלאף
זאל מען זיך באלד וואשין :

כ דאס וואשין פון דער פריא מוז מען וואשין דרייא מאהל יעדעדי האנט . נאר אלע מאהל
באטין . היינו מען נעמט דיא כְּלִי מיט דער רעכטי האנט אונ מען גיט זיא אונ דער

לינקער האנט אריין · און מיט דער לינקער האנט באגיסט ער די רעכטע האנט · דער נאך באגיסט ער מיט דער רעכטע האנט די לינקע האנט · דער נאך צוריק · אזוי טוהט ער דריי מאהל · עס זאל יעדער האנט דריי מאהל אפ געוואשן ווערן · אפילו די קינדער מוז מען אויך אזוי וואשן :

כא אז דאס יונגע קינד שוין גיין און חדר אריין דארף דער פאטער עס אן צו דינגען ביי א מלמד · ער דארף איהם צו האלטן ביי מלמדים ביז ער וועט קענען גוט לערנען :

כב אויך זאל ער אכטונג געבן צו האלטן איהם ביי דעם מלמד וואס איז איין ערליכער יוד וועלכעס ער וועט מיט איהם ערינץ לערנען און אויך לערנען איהם גוטע מעשים אזוי ווי מיר האבן פריער געשריבען :

כג אויך דארף דער פאטער אכטונג צו געבן דער מלמד זאל לערנען מיט דעם יונגעל שולחן ערוך דינים פון דאווענען · און דינים פון ברכות · און דינים פון שבת · און נאך אזעלכע דינים וואס יעדער יוד דארף וויסען פאר זיך מקיים צו זיין די מצות און אפ היטען זיך פון עבירות · און אויך לערנען זייא מוסר זייא זאלין אלץ מקיים זיין ווי עס קער צו זיין :

כד אפילו די גרויסע מענטשין מוזען אויך געווארינט זיין צו לערנען תמיד די דינים וואס מיר שרייבין וועלכעס יעדער יוד דארף זייא וויסען פאר זיך מקיים צו זיין די מצות וני אפ היטען זיך פון עבירות · אזוי ווי מיר האבין געשריבען און דער הקדמה פון דעם ספר · זעה איין דארט :

כה עס איז א מצוה אויף א מענטש ער זאל חתונה מאכין זיינע קינדער ווען זייא זענין נאך יונג · כדי זייא זאלין נישט קומען צו קיין זנות אדער צו הרהור עבירה ח״ו :

כו אויך דארף מען תמיד אכטונג צו געבן אויף זיין הויז געזונד זייא זאלין נישט זינדיגען · נאר גיין און גוטען וועג :

כז אויך שבת און יום טוב זאל ער אכטונג געבין אויף זיין הויז געזונד זייא זאלין נישט גיין שפאצירען אדער זיין אויף אזעלכע ערטער וואס קענין זיך אויס מושען מאנטצביל מיט ווייבער · כדי מען זאל נישט קומען צו קיין עבירה ח״ו · דען יודען דארפין זיין הייליג און אפ גיהיטען פון די זאכין :

כח אויך ווען עס איז א חתונה דארפין אויך אכטונג צו געבין אויף א יעלכי זאכין · דען יודען דארפין תמיד זיין הייליג · און נישט זינדיגען קיינמאהל · נאר תמיד גיין און גוטען וועג :

## (יום כג) פרק לה, עטליכע נייטיגע דינים פון הלכות שבת · וועלכים גרויסע רבנים האבין געווארינט אויף זייא :

א מיר האבין שוין געשריבען בפרק ז׳ די דינים פון שבת וועלכים יעדער יוד דארף זייא וויסען ער זאל היטען שבת ווי עס קער צו זיין · נאר און דעם פרק וועלין מיר שרייבין נאך עטליכע נייטיגע דינים פון שבת וועלכים גרויסע רבנים זלה״ה האבין ארויס געשריבען אויף דער וועלט מען זאל געווארינט זיין און זייא :

ב פרייטיג פארין נאכט זאל מען פאר מאכין די געוועלבין א האלבע שעה פאר זון זעצין · כדי מען זאל קענין פריא לעכט צינדען · די צייט פון לעכט צינדען האבין מיר געשריבין און אין הייב פרק ז׳ · זעה איין דארט :

ג מען טאר נישט מוצאי שבת טוהן קיין מלאכה צאטין מען זעהט און היטעל דריי קליינע שטערין אויף איין ארט און נישט צו שפרייט :

ד אַז עס איז אַ חָמאָרנֶע טאָג טאָרין נִישְׁט טוּהְן קֵיין מְלָאכָה בִּיז מֶען ווייסְט זָעכֶער אַז ווען דֶער הִימֶעל וואָלְט גִיוֶוען לוּטֶער וואָלְט מֶען שׁוֹין גִיזֶעהְן דְרַייא קְלֵיינֶע שְׁטֶערְין בְּנַאנְד:

ה ווען מֶען זֶעהְט שׁוֹין דְרַייא קְלֵיינֶע שְׁטֶערְין בַּנַאנְט איז דֶער מִנְהָג נָאךְ אַבִּיסֶעל צוּ וואַרְטִין מִיט מַעֲרִיב כְּדֵי מֶען זאָל צוּ לֵייגִין נָאךְ אַבִּיסֶעל פוּן דֶער נַאכְט צוּם שַׁבָּת. בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה (סִימָן רצ״ג) שְׁרֵייבְּט אַז גְרוֹיסֶע רַבָּנִים הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען אַז בִּשְׁעַת מֶען זאָגְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת בָּרוּךְ ה׳ הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד בַּייא מַעֲרִיב זאָל מֶען זאָגִין וואָלְגֶע אוּן צִיעֶן דִיא ווערְטֶער, עס זאָל גִידַארִין אַבִּיסֶעל. אוּן דאָס איז אַ סְגוּלָה מֶען זאָל מַצְלִיחַ זַיין דִיא וואָךְ אוּן בַּשְׁעֶרְמְט ווערִין פוּן שֶׁדְעכְטֶץ ח״ו:

ו אַז עס איז שׁוֹין גוּט נַאכְט אַזוֹי וִויא מִיר שְׁרֵייבִּין זאָלִין דִיא ווייבֶּער זאָגִין דִיא ווערְטֶער "בָּרוּךְ הַמַּבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל" ווערִין זַייא שׁוֹין מֶעגִין אָן צִינְדֶען אַ לֶעכְט. עס איז גְלַייכֶר נִישְׁט צוּ טוּהְן קֵיין מְלָאכָה אוּן נִישְׁט אָן צוּ צִינְדֶען קֵיין לֶעכְט בִּיז מֶען זאָגְט אָפּ וְאַתָּה קָדוֹשׁ נָאךְ מַעֲרִ״ב:

ז אַז אַיינֶער הַאלְט אַ פְּסָעסְיֶע אָדֶער אַ מִיהל אָדֶער אַ הִיטֶע אָדֶער אַ צִיגֶעלְנֶע אָדֶער דִיא רַאנַאטְקִיס אָדֶער אַנְדֶער מֶכֶס דַארְף עֶר צוּ פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה קֵיינֶען שַׁבָּת. וִויא איז עֶר זאָל זִיךְ נוֹהֵג זַיין:

ח אַז אַיינֶער הָאט אַ שֶׁענְק טאָר עֶר נִישְׁט דִינְגֶען אַ גוֹי אוֹיף שַׁבָּת. עֶר זאָל טאָר קוֹיפִין שַׁבָּת בְּרָאנְפִין צוּ דִיא גוֹיִם. אֲפִילוּ עֶר גִיט אִיהְם עֶטְלִיכֶע קָאפִּיק פוּן יֶעדֶער גִילְדֶען וואָס עֶר וועט לֵייזִין טאָרִין אוֹיךְ נִישְׁט. נָאר מֶען זאָל פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה וִויא אַזוֹי מֶען זאָל טוּהְן:

ט דִיא סוֹחֲרִים פוּן דֶער ווייסִיל אוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין זאָלִין אוֹיךְ פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה וִויא אַזוֹי זַייא זאָלִין זִיךְ נוֹהֵג זַיין שַׁבָּת מִיט דִיא גוֹיִם:

## פרק לו דִינִים וואָס גְרוֹיסֶע רַבָּנִים זלה״ה הָאבִּין אַרוֹיס גִישְׁרִיבֶּן אוֹיף דֶער וועלְט צוּ וואָרִינֶען דִיא קַצָּבִים. אוּן נָאךְ דִינִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ וּפוֹסְקִים:

א דִיא קַצָּבִים מוּזֶען שְׁטַארְק גִיוואָרִינְט זַיין זַייא זאָלִין הַאלְטִין בְּזוּנְדֶער כָּשֵׁר פְלֵייש אוּן בְּזוּנְדֶער טְרֵיפוֹת. כְּדֵי עס זאָל זִיךְ נִישְׁט קֵיינְמָאל פַאר בַּייטִין קֵיין שְׁטִיקֶעל ח״ו:

ב אוֹיךְ זאָלִין זַייא הָאבִּין אַ בְּזוּנְדֶער קְלֶעצִיל צוּא הַאקִין דְרוֹיף כָּשֵׁר פְלֵייש. אוּן זאָלִין נִישְׁט הַאקִין קֵיין כָּשֵׁר פְלֵייש אוֹיף דֶעם קְלֶעצִיל וואָס מֶען הַאקְט טְרֵיפוֹת:

ג אוֹיךְ דַארְפִין זַייא גִיוואָרוּנְט זַיין בִּשְׁעַת דֶעם טְרַייבֶּערִין מֶען זאָל גָאר נִישְׁט צוּ לָאזִין צוּם כַּשְׁרִין פוּן דֶעם וואָס מֶען טאָר נִישְׁט עֶסִין. זַייא מוּזֶען אוּן דֶעם אַלִּימֶען שְׁטַארְק גִיוואָרִינְט זַיין. דֶען דאָס איז אַלְטֶץ גְרוֹיסֶע זאַכִין:

ד אַז זַייא קוֹיפִין אַ קַאלְב. טאָרִין זַייא נִישְׁט הַייסִין עס שֶׁעכְטִין בִּיז זַייא ווייסִין זִיכֶער אַז עס איז שׁוֹין אַלְט זִיבֶּען מֵעֵת לְעֵת. הַיְינוּ זַייא הָאבִּין עס גִיזֶעהְן פַאר זִיבֶּען מֵעֵת לְעֵת. אָדֶער אַנַאנְדֶערֶער יוּד הָאט עס דֶערְמָאלְט גִיזֶעהְן:

ה אַז דִיא קַצָּבִים הָאבִּין טֵייל מָאהל פְלֵייש וואָס עס לִיגְט שׁוֹין דֶעם דְרִיטֶען טאָג נָאךְ דֶעם שֶׁעכְטִין זאָלִין זַייא עס ווייקִין אוּן וואַסֶער. דֶען אַז עס וועט לִיגֶען דְרַייא מֵעֵת לְעֵת אוּם אָפּ גִיוואַסִין וועט מֶען עס נִישְׁט טאָרִין דֶער נָאךְ כָּשֵׁר מַאכֶען אוּן קָאכֶען:

ו אַז דאָס פְלֵייש איז פַאר פְרוֹרִין פוּלְט נִישְׁט דֶער צוּ קֵיין ווייקִין. אִיבֶּער דֶעם אַז זַייא דַארְפִין ווייקִין (אָדֶער גוּט אָפּ גִיסֶען) אַ גַאנְצֶע זַייט אוּן זִיא איז פַאר פְרוֹרִין דַארְפִין זִיא צוּ גֶעמִין אוּן שְׁטִיב אַרַיין אוּן לָאזִין לִיגֶען לַאנְג בִּיז זִיא וועט אוּן גַאנְצִין אוֹיף גַיין. נָאר מֶען זאָל זִיא נִישְׁט לֵייגֶען נָאהֶנְט פוּן וואַרִימֶען אוֹבֶען:

ז טֵייל מָאהְל טְרָאגְט דֶער קַצָּב אוֹיף זִיךְ אַ גִיבּוּנְדֶען קֶעלְבִיל אָדֶער אַ שֶׁעפְּסִיל אוּן וואַרְפְט

עס אַנִידֶער אויף דֶער עֶרְד · אָדֶער עס טְרֶעפְט זִיךְ בַּייא דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים מֶען נֶעמְט אַ גִיבִּינְדִין עוֹף אוּנ מֶען וואַרְפְט עֶס אַנִידֶער אויף דֶער עֶרְד · בַּייא דֶעם אַלִימֶען אִיז אַלְטְץ דֶער דִין אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט שֶׁעכְטִין דֶער נָאךְ צַייטִין מֶען בִּינְט עֶס אויף אוּנ עֶס גֵייט פְּיהר אַיילִין וויא עֶס קֶער צוּ זַיין · אוּנ נִישְׁט שְׁלֶעפִּינְדִיג · מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָואַרִינְט צוּ זַיין אוּנ דֶעם :

ח טַייל מָאהְל קוֹיפֶען דִיא קַצָּבִים שֶׁעפְּסִין אָדֶער אַנְדֶערִי בְּהֵמוֹת אוּנ אֵיידֶער זַייא שֶׁעכְטִין זַייא גִיוַיינֶען זַייא דֶער וַוייל וָועלְכִים עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וָלָד אִיז אֵיין בְּכוֹר · מוּזֶען זַיי גִיוָואַרִינְט זַיין אַז וֶוען זַייא הָאבִּין אַ בְּהֵמָה וָואס אִיז מְעוּבֶּרֶת זָאלִין זַייא דִיא בְּהֵמָה פַאר קוֹיפֶען צוּא אַגוֹי · כְּדֵי זַייא זָאלִין מֶעגִין דָאס וָלָד שֶׁעכְטִין אוּנ עֶסִין :

ט נָאר זַייא זָאלִין פְרֶעגִין דֶעם רַב אַ שַׁאֲלָה וויא אַזוֹי דָאס פַאר קוֹיפֶען זָאל זַיין עַל פִּי דִין תּוֹרָה מֶען זָאל מֶעגִין דֶער נָאךְ שֶׁעכְטִין אוּנ עֶסִין דָאס וָלָד · זַייא זָאלִין זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין פַּסְקֶענִין דֶען אַז דִיא בְּהֵמָה אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קוֹיפְט עַל פִּי דִין תּוֹרָה אִיז אַ גְרוֹסִי עֲבֵירָה צוּ שֶׁעכְטִין אוּנ עֶסִין דֶער נָאךְ דָאס וָלָד :

י דָאס אֵיינִיגֶע דַארְף אויךְ גִיוָואַרְנְט צוּ זַיין יֶעדֶער יוּד וָואס הָאט אַ בְּהֵמָה וָואס אִיז מְעוּבֶּרֶת דָאס עֶרְשְׁטִי מָאהְל · מוּז עֶר פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה וויא אַזוֹי עֶר זָאל דִיא בְּהֵמָה פַאר קוֹיפֶען אֵיידֶער זִיא וָועט גִיוַוינֶען דָאס וָלָד :

יא דִיא דִינִים פוּן טְבִילַת נִדָּה וָואס שְׁטֵייעֶן בְּסֵפֶר לִקוּטֵי שׁוֹשַׁנִּים בִּלְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ חֵלֶק ה׳ וָועלִין מִיר אוּנ דֶעם סֵפֶר שְׁרַייבִּין בְּחֵלֶק ד · דָארְט וָועלִין שְׁטֵייעֶן שַׁארְף אַרוֹיס אַלֶע דִינִים וָואס קֶערִין צוּ דֶעם :

## (יום כד) פרק לז גוּטֶע מִדּוֹת וִויא אַזוֹ אַ יוּד דַארְף זִיךְ פִיהְרֶען :

א אַמֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט גְלִיסְטֶען צוּ אִיבֶּערִיגֵי זַאכִין · נָאר צוּ דִיא זַאכִין וָואס עֶר קֶען נִישְׁט זַיין אָן זַייא :

ב אויךְ טָאר מֶען נִישְׁט זַיין צוּ קַארְג אוּנ אויךְ נִישְׁט צוּ מִילְד · נָאר גֶעבִּין צְדָקָה וִויא וַוייט מֶען קֶען · אוּנ אַנְטְלַייעֶן וָועמִין מֶען דַארְף :

ג אויךְ טָאר מֶען נִישְׁט זַיין תָּמִיד מִיט גִילֶעכְטִיר אוּנ אויךְ נִישְׁט טְרוֹיעֶרִיג · נָאר מִיטֶעל פְרֵיילִיךְ · אוּנ יֶעדֶערִין צוּ נֶעמִין מִיט אַ שֵׁיין פָּנִים :

ד אויךְ טָאר מֶען נִישְׁט אֵיין רֵייסִין צוּ וָועלִין צוּ פִיהְל גֶעלְט אוּנ אויךְ נִישְׁט נָאר לֵיידִיג גֵייִן · נָאר הַאנְדְלִין צוּ הָאבִּין פַּרְנָסָה · אוּנ דֶער עִיקָר צוּא דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וָואס דָאס וָועט אִים בְּלַייבִּין אויף אֵייבִּיג :

ה אַזוֹי אוּנ אַנְדֶערִי מִדּוֹת אִיז מֶען אַלְטְץ מְחוּיָב צוּ גֵייִן אוּנ מִיטֶעל וֶועג :

ו מֶען דַארְף אוּנ דִיא זַאכִין שְׁטַארְק גִיוָואַרִינְט צוּ זַיין דֶען מֶען קֶען נִישְׁט מְקַיֵים זַיין דִיא מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה בִּיז מֶען גִיוַויינְט זִיךְ אָפּ פוּן דִיא שְׁלֶעכְטִי מִדּוֹת :

ז דֶען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּ קַארְג אָדֶער דֶער וָואס וִויל תָּמִיד אֵיין רֵייסִין גֶעלְט אַז עֶס קוּמְט צוּ עֶפִּיס אַ מִצְוָה וָואס דַארְף צוּ קָאסְטֶען גֶעלְט בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵייִן אוּנ הָאט שׁוֹין זַיינֶע תֵּירוּצִים אַז עֶר אִיז פָּטוּר פוּן אִיהְר · אוּנ בְּלַייבְּט בַּייא זִיךְ נָאר גִירֶעכְט · מֶען דַארְף אָבֶּער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטִין מִיט דֶעם גַאנְצִין כֹּחַ אוּנ מִיט דֶעם גַאנְצִין פַאר מֶעגִין :

ח פוּן דֶער מִדָּה פוּן טְרוֹיעֶרְקַייט מוּז מֶען זִיךְ אָפּ גִיוַויינֶען · דֶען דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צוּ וִויסֶען אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אִיז אַלְטְץ פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ · אוּנ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וִויל תָּמִיד דֶעם מֶענְטְשְׁים טוֹבָה :

ט דֶּרִיבֶּער אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אִיהְם שְׁלֶעכְט פוּן פַּרְנָסָה אָדֶער פוּן אַנְדֶערִי זַאכִין דַארְף עֶר צוּא גְלַייבִּין אַז דָאס אִיז אַלְטְץ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטִין אִיהְם צוּ גוּטֶען · אוּנ

דער איבערשטער ווייסט אז דאס איז גוט פאר איהם :

• מיט יעדער זאך וואס איז שלעכט אויף דער וועלט אונ מען נעמט עס צו בשמחה ווייל מען ווייסט אז עס איז אלץ פון איבערשטין צו גוטן . קומט מען דער מיט אפ פון דיא זינד וויא פיהל מאהל אזוי פיהל וואס מען דארף אפ צו קומען אויף יענער וועלט :

יא דריבער דארף דער מענטש גאר נישט צו קוקען אויף קיין שום זאך אונ גאר צו גלייבין אונ איבערשטין אונ צו דינען איהם בשמחה וויא ווייט מען קען *) וועט דער איבערשטער בוודאי העלפין אז עס וועט איהם ווערין גוט אונ אלדינג אז ער וועט אליין זעהן אלדים גוטץ :

יב דיא מדה פון גאוה וואס מען האלט זיך גרוים איז זייער א שלעכטי מדה דריבער טארין נישט האבין אפילו קיין ביסעל גרוסקייט אונ זיך נאר מען זאל זיין ביא זיך גאנטץ נידעריג וויא ווייט עס איז נאר מיגליך :

(יום כה) יג דער כעס איז אויך זייער א שלעכטי מדה · מען דארף זיך צו דער ווייטירין נאנטץ שטארק דער פון . היינו מען זאל זיך נישט בייזערין אפילו אויף דיא זאכין וואס מען דארף זיך צו בייזערין :

יד דאס בייזערין איז א גרוסי עבירה · ווען דער מענטש זאל זיך בארעכינען דעם אמת וואלט ער קיינמאהל נישט גיהאט אויף וואס זיך צו בייזערין :

טו דען דער אמת איז אז יעדער זאך איז פון איבערשטין . אפילו א מענטש שעלט איהם אדער שלאגט איהם אדער טוהט א שאדין זיין געלט איז אויך נאר ווייל דער איבערשטער האט

*) בספר מדרש עשרת הדברות ברענגט א מעשה . עס איז גיוועזן א גרויסער עושר וואס ער האט קיינמאהל נישט גישווארען · אונ איידער ער איז נפטר גיווארין פון דער וועלט האט ער אן גיזאגט דעם זוהן מיין קונד איך זאג דיר אן דיא זאלסט קיינמאל נישט שווערין אפילו אויף אמת · דען דאס גאנצע עשירות וואס איך האב איז נאר ווייל איך האב מיך גיהיטען פון שווערין · אונ אפילו אויף אמת האב איך אויך נישט גיוואלט שווערין · האט מיר דער איבערשטער גיהאלפין אז איך האב אלע טאג מעהר מצליח גיוועזן . אונ אלדונג וואס איך האב גיהאנדילט האב איך פאר דינט ביז איך בין גיווארין א גרויסער עושר . האט דער זוהן גיענטפערט איך וועל דיך פאלגין אונ וועל קיינמאהל נישט שווערין . איז דער פאטער נפטר גיווארין אונ דער זוהן האט גירשנת דאס פאר מעגין · זענין גיקומען פאלטשע מענטשין צו דעם יתום אונ האבין איהם גימאנט א סך געלט · זייא האבין גיזאגט אז דער פאטער איז זייא שולדיג גיוועזן אונ דער יתום האט גיזאגט אז דאס איז ליגענט . האט דער דיין גישפסקנת ער זאל שווערין אז דאס איז ליגענט · האט דער יתום זיך גיטראכט אז איך וועל שווערין וועל איך דאך נישט מקיים זיין וואס איך האב צו גיזאגט מיין פאטער אונ וועל מחלל זיין שם שמים ח״ו . דאריבער וועל איך זייא בצאלין וואס זייא זאגין מיך אונ וועל נישט שווערין . האט ער זייא בצאלט דאס גאנצי געלט וואס דער פאטער האט איהם איבער גילאזט . אונ האט זיך גאר נישט איבער גילאזט . אונ ווען דיג דיא פאלטשי מענטשין האבין זיך גימאנט איז זייא נאך גיקומען צעהן רענדליך חוץ דעם פאר מעגין ; זענין זייא ווייטער גיקומען צו איהם ער זאל זייא געבין דיא צעהן רענדליך אדער ער זאל שווערין אז ער האט שוין גאר נישט · האט ער ווייטער נישט גיוואלט שווערין . האבין זייא איהם איין גיזעצט אונ תפיסה . אונ זיין ווייב איז גיוועזן א צדקת · האט זיא גיוואשין גרעט אונ האט זיך מפרנס גיוועזן מיט דיא קונדער . אונ האט איהם גיטראגין עסין אין תפיסה אריין · איינמאהל האט זיא גיוואשין גרעט ביא דעם טייך האט גיזעהן א שיף מיינסטער וויא זיא וואשט האט עס

באט אזוי גוזר גיוועזן אז דער מענטש זאל גישאדינט ווערין . נאר יענער איז דער שליח דער פון . אבער ווען דער אייבערשטער וואלט נישט אזוי גוזר גיוועזן וואלט יענים נאר נישט איין גיפאלין איהם צו שאדינען . אדער ער וואלט גאר נישט גיקענט איהם שאדינען :

טז יענער מענטש ווערט בוודאי מחויב וואס ער האט גישאדינט . דען ער האט גיהאט בייא זיך דיא בחירה נישט צו זיין דער שליח דער פון . אבער דעם מענטש וואס ווערט גישאדינט איז נישט קיין חילוק . דען אז דער מענטש וואלט איהם נישט גישאדינט וואלט איהם אנאנדערער גיטוהן . דען דער אייבערשטער האט פיהל שלוחים צו טוהן וואס ער וויל :

יז ממילא פאר שטייט מען שוין אז מען האט קיינמאהל נישט וואס בייז צו זיין . דען מיר האבין שוין גישריבען אז דער אייבערשטער וויל נאר דעם מענטשים טובה . אונ אלדינג וואס ער טוהט דעם מענטש איז אלץ אויף דעם מענטשים גוטען :

יח דיא גמרא זאגט אז א גרויסער תנא האט גיזעהן וויא מען פאר שפרייט א נעטץ צו פאנגין פייגיל . האט ער גיהערט א קול פון הימעל בייא יעדערין פויגעל צו ער וועט גיפאנגין ווערין . צו נישט . בייא דעם פויגעל וואס דאס קול האט גיזאגט אז ער וועט גיפאנגין ווערין איז ער גיפאנגין גיווארין . בייא דעם פויגעל וואס דאס קול האט גיזאגט אז ער וועט ניצול ווערין איז ער ניצול גיווארין פון דער נעטץ :

יט זעהט מען שוין אז אפילו א פויגיל ווערט נישט גיפאנגין ציי טין עס איז בשערט פון הימעל . ווער שמיסט וואס עס קומט אויף א מענטש איז בוודאי נאר פון אייבערשטען :

איבער

---

גילויבט צו איהר . האט ער גיזאגט צו איהר וואש מיר דאס גרעט וועל איך דיר געבין א רענדיל . האט זיא גינומען דאס רענדיל אונ האט גיגעבין דיא קונדער זייא זאלין אויס לייזין דעם מאן פון דער תפיסה אונ האט גיוואשין דאס גרעט. אונ דער נאך ווען זיא איז גיגאנגין אפ געבין דאס גרעט האט דער שיף מיינסטער זיא גיהאפט אויף דער שיף ארויף אונ איז מיט איהר אוועק גישווימען . אונ דיא קונדער זענין גישטאנין פון ווייטינס אונ האבין זייער גיוויינט . אונ זענין גיגאנגין צום פאטער אונ האבין איהם אויס גילייזט מיט דעם רענדיל אונ האבין איהם דער ציילט אז זייער מוטער איז גיפאנגין גיווארין . האט דער חסיד גיזאגט גילויבט דער אייבערשטער פאר דעם . בקיצור עס האט זיך גיפירט אז דיא קונדער זענין אויך גיפאנגין גיווארין . איינמאהל איז דער חסיד גיזעסין אונ האט זייער גיוויינט וועלכעס ער איז גיוועזן א גרויסער עושר אונ איז גיבליבין אן ווייב אונ אן קונדער אונ אן געלט . האט ער דער הערט וויא מען רופט איהם אונ מען זאגט צו איהם שרעק דיך נישט . דען פון פיהל יאהר ליגט אן גיגרייט א סך געלט פון דיינעט וועגין . אונ צינדערט איז גיקומען דיא צייט וואס דער אייבערשטער וועט דיך גרויס מאכין איבער דעם וואס דיא האסט גיפאלגט דיין פאטער אונ האסט נישט גיוואלט שווערין אונ האסט נישט גיוואלט מחלל זיין שם שמים . אויף דעם ארט איז אן גיגרייט דאס געלט . גנעם עס פון דארט . האט ער גינומען דאס געלט פון דארט אונ האט זיך גיבויערט גרויסע פאלעצין . דער נאך האט איהם דער אייבערשטער גיהאלפין אז ער האט צוריק גיקריגען דאס ווייב מיט דיא קונדער . אונ זייא זענין גיוועזן גרויסי עשירים . אונ דער חסיד האט גילויבט דעם אייבערשטין מיט פיהל גוטץ : פון דער מעשה זעהט מען וויא גרויס עס איז דיא מצוה וואס מען וויל נישט שווערין . אונ דיא מצוה וואס מען האלט ערליך דעם פאטער . אונ מען דארף תמיד צו גלייבין אונ אייבערשטען תאטשי וויא אזו עס איז דארף מען צו וויסען אז דער אייבערשטער פאר לאזט נישט אונ ער וועט העלפין . אונ אז מען וועט אונ איהם גלייבין אונ מען וועט איהם דינען בשמחה וויא ווייט מען קען וועט ער בוודאי העלפין אז מען וועט האבין אלדים גוטץ :

כ איבער דעם זאגט דער פסוק „מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו". דאס איז טייטש
וואס האט א מענטש צו זארגן נאר אויף זייני זינד. דען דיא זינד ברענגען אויף איהם
דאס שרעקן :

כא דריבער דארף ער נישט בייז צו זיין אויף קיין אנדערין נאר אויף זיך אליין. אונ אז
ער וועט תשובה טוהן אין שוין נישט זינדיגען וועט דער אייבערשטער בוודאי העלפין
אז עס וועט זיין גאנץ גוט :

כב אז מען דארף טייל מאהל צו שטראפין דיא קינדער אדער דאס בני בית זאל מען זיך
מאכין פאר זייא גלייך מען איז בייז. כדי זייא זאלין אביסעל מורא האבין פאר איהם.
אבער באמת זאל ער בייז טארין קיינמאהל נישט :

כג אז עס טרעפט זיך צו בייזערין זאל מען זיך איין האלטין וויא ווייט מען קען. נישט צוא
רעדין דענסמאלט. אונ נישט טוהן דענסמאלט. אונ נישט קלערין דענסמאלט. נאר אפ
לייגען אויף מארגען ווען מען וועט זיין בייא רוהט :

כד אבער דענסמאלט ווען מען איז בייז אדער מען האט עגמת נפש איז מען נישט בייא
דעם רעכטין שכל :

כה אז מען זידעלט איהם איז א מצוה ער זאל נישט ענטפערין. אונ פאר דעם וועט ער
האבין א גרויסען שכר אויף יענער וועלט :

כו א מענטש זאל נישט צו פיהל רעדין. נאר אדער פון לערנין אדער דיא זאכין וואס ער
דארף פון זיין גוף וועגין :

כז אפילו דיא זאכין וואס ער דארף איז אויך גלייך וואס ווייניגער צו רעדין אונ זייא :

כח יעדער מענטש וואס רעט צו פיהל זינדיגט פעוונע מיט דיא רייד. ווער שמיסט אז ער
רעט ליצנות אדער מיסע רייד איז בוודאי א גרויסע עבירה. אונ עס שאט צו דער
פרנסה אונ צו אלדינג ר"ל :

כט דאריבער איז דאס גלייכסטו פאר דעם מענטש ער זאל זיך היטען מיט דעם רעדין
וויא ווייט ער קען :

ל מען טאר נישט ברענגען מיט דעם מויל שלעכטץ אויף א יוד. דמשל צו זאגין ווען דער
זאל שטארבען ח"ו. אדער צו זאגין ווען דער וואלט גילעבט וואלט ער שוין גיוועזען
ניקוטיע. דען דאס רעדין קען שאטין דעם מענטש.

לא אויך טארין נישט מאכין קיין מורא צו א קינד מיט א טמא זאך. היינו צו זאגין
דיא קאטץ אדער דער הינט וועט דיך חאפין דען עס איז דא א טעם אז דאס קען
שאטין דעם קינד ח"ו. מען מוז זייער היטען דיא צינג פון אזעלכי זאכין :

לב דער הייליגער כלאה אליהו הנביא ז"ל שרייבט אונ זיין ספר (פרק י"ג) אז דיא
עבירה פון ליצנות איז זייער גרויס. מען ווערט ח"ו שטארק גישטראפט דער פאר :

לג איבער דעם דארפין מבטל צו זיין דעם שלעכטין מנהג וואס איז אויף טייל ערטער
אז דיא קינדער מאכין גילעכטערין אונ גישרייען בשעת מען צינד אונ שיל אדער
אונ בית המדרש דיא חנוכה לעכט. גלייך דיא זאך איז איין גילעכטער ח"ו. דארפין
זייא וויסען אז דאס איז א גרויסי עבירה. בפרט אונ שיל אדער אונ בית המדרש. בפרט
בשעת מען טוהט דיא טייערי מצוה פון חנוכה לעכט צינדען :

לד דאריבער דארפין צו זעהן וויא ווייט מיגליך איז מבטל צו זיין דעם שלעכטין מנהג
פון דיא גילעכטערין וואס זייא מאכין דענסמאלט. וועט מען בוודאי האבין א גרויסען
שכר פאר דער מצוה :

לה אויב מען קען איז גלייך מען זאל בעסיר דענסמאלט נאך דעם צינדען זינגען שירות
ותשבחות צו לויבין דעם אייבערשטין אויף דיא נסים וואס ער טוהט תמיד מיט אונז.

נאר נישט מיט קיין גילעכטיר • נאר ערינסט לכבוד השם יתברך עס זאל זיין פאר איהם א נחת רוח • אונ דאס איז א גרויסי מצוה צו דינען תמיד השם יתברך מיט שמחה אונ לויבען איהם תמיד :

לו דאס איינציגע דארפין צו וויסען ימים טובים אדער שמחת תורה אדער פורים אדער אויף א חתונה טארין אלץ נישט זיין מיט קיין גילעכטערין אדער ליצנות • דען דער אייבערשטער האט דאס תמיד פיינט :

לז אונזערי חכמים שרייבין אז דאס וואס װעלכיר מארשאליק אויף א חתונה זאגט גילעכטערין אונ מישט אריין פון דער גמרא אדער פסוקים איז א גרויסע עבירה • דען מען טאר נישט מאכין קיין גילעכטערין מיט די ווערטער פון דער הייליגער גמרא אדער פון די הייליגע פסוקים . אונ • דער בעל שמחה מיט די מענטשין וואס זיצען דארט זענין מחויב נישט צו לאזין דאס :

לח נאר א יוד דארף תמיד צו האבין אונ זיך יראת שמים . אונ כל זמן ער לעבט דארף ער תמיד מורא צו האבין פאר גאט ברוך הוא . אונ דינען איהם תמיד • עס איז נישט דא איין רגע צייט ער לעבט ער זאל מעגין אפ לאזין פון זיך יראת שמים :

לט אונ דער גוטער ווילען פון אייבערשטין איז אונ די פרייליכי טעג וואס מיר האבין גישריבען בסעיף ל״ו • אז מען זאל לויבען אונ זייא דעם אייבערשטען וואס ער העלפט אונז תמיד . אונ מען זאל זיך פרייען מיט זיין הילף אונ דינען איהם בשמחה. דאס איז זיין גוטער ווילען תמיד אונ אזוי שרייבין די הייליגע ספרים . אונ אזוי דארף זיך פיהרען יעדער יוד תמיד :

מ דער מענטש דארף זיך צו פרייען מיט דעם ביסעל וואס ער האט • ער טאר נישט האבין קנאה אונ אנאנדערין וואס האט מעהר • דען יעניר האט זיך אליין נישט גינומען . נאר השם יתברך האט איהם גיהאלפין • אונ אלדונג וואס השם יתברך טוהט איז בוודאי גלייך אונ גוט :

מא אויך טארין נישט גליסטען צו יעניקס זאך • אויך זאל א מענטש נישט וועלין אז מענטשין זאלין איהם האלטין גרויס.דען אלדינג איז בייא השם יתברך אונ דער האנט :

מב דער מענטש טאר נישט זאגין איך זעה אז עסין אונ טרינקען אונ נאך געבין זיך וואס מען גליסט ברענגט צו זינדיגען • דריבער וויל איך מיך גאר אפ שיידען פון אלימען • איך וויל נישט עסין קיין פלייש • אונ וויל נישט זיין אן גיטוהן וויא א מענטש . דאס טארין אויך נישט :

מג אונזערי חכמים שרייבין אז א מענטש זאל זיך נישט דער ווייטירען נאר פון די זאכין וואס די תורה האט אונז גיהייסין . אבער נישט טוהן נדרים אדער שבועות אויף די זאכין וואס מען מעג :

מד אויך זאל מען נישט פאסטין מעהר וויא מען דארף • דען עס איז גלייכער צו עסין כדי מען זאל כח האבין צו דינען דעם אייבערשטין :

מה נאר מען זאל נישט צו פיהל זיך נאך געבין די תאוות • נאר מען זאל זיך פיהרען אונ מיטלען וועג • אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבען :

מו אויך דער מענטש וואס טויג איהם נישט קיין שטארקין בראנפין אדער אנדערי שארפי זאכין דארף ער זיך צו היטען דער פון :

מז דען א מענטש דארף נאר צוא עסין אונ טרונקען אונ טוהן וואס איז גיזונד צום גוף • ער זאל כח האבין צוא דינען דעם אייבערשטין :

מח דער מענטש וואס טויג איהם נישט צו רייכערין זאל ער זיך אפ היטען דער פון . אונ אפילו דער וואס דארף צו רייכערין איז אויך גלייכער וואס ווינציקער . דען דאס רייכערין שאט

שטארק דעם מענטש :

מט אונ אזוי אנדערי זאכין וועלכים דער גוף נעמט נישט צו קיין כח פון זייא . נאר עס גליכט נאך צו געבין דיא תאוה דארף מען זיך אפ צוא גיוויינען וויא ווייט מיגליך איז :

נ א מענטש זאל זיך נישט שעמין פאר דיא מענטשין וואס שפעטין פון איהם וואס ער טוהט א זעלכי זאך וואס קער צום אייבערשטינם דינסט . נאר ער זאל ווייטער דינען דעם אייבערשטין . וועט איהם בעסיר זיין פון זייא :

נא דאציפארט זאל ער זיך נישט קריגען מיט זייא אונ אויך נישט ענטפערין קיין עזות ער זאל זיך נישט גיוויינען צו זיין איין עזות פנים :

נב אויך טארין זיך נישט קריגען צו וועלין דוקא דאווינען פארין עמוד אדער עולה תורה זיין :

נג עס איז פאר האנין טייל מענטשין אז דער גבאי גיט זייא נישט אזוי קיין עליה וויא זייא ווילען קריגען זייא זיך מיט איהם . זייא זענין אבער גאר פאר נארט . דען דער אייבערשטער איז זייא מוחל דיא מצוה זייא זאלין זיך נישט קריגען איבער איהר . אז מען טוהט נאר נישט קיין עבירה דארפין זיך שוין נישט צו קריגען . אונ דאס וואס זייא וועלין טייל מאהל עולה תורה זיין מיט שלום וועט מער זיין חשוב בייא השם יתברך וויא א סך מאהל דורך קריג ח"ו :

(יום כו) נד דיא טבע איז פון מענטש זיך צו פיהרען אזוי וויא זייני חברים פיהרען זיך . איבער דעם דארף דער מענטש צו זיין תמיד בנאנט מיט ערליכע יודען כדי ער זאל זיך אפ לערנין פון זייערי גוטע מעשים . אונ ער זאל זיך דער ווייטערען פון דיא רשעים . כדי ער זאל זיך נישט אפ לערנין ח"ו פון זייערי מעשים :

נה נאר וויא ווייט מען קען זאל מען בהעפטין זיך מיט ערליכע יודען . משדך צו זיין זיך מיט זייא . אונ נעמין איידימס וואס קענין לערנין . אונ עסין אונ טרינקען מיט ערליכע יודען אונ אלדינג צו זיין בנאנד מיט זייא . דאס אלץ איז א גרויסע מצוה :

נו דאס מחלוקת איז א גרויסע עבירה ח"ו . אפילו קלייני קינדער ווערין אויך גישטראפט ח"ו אונ דער זינד . האטשי עס דאכט זיך מען מיינט ערינצט דהיינו עס טרעפט זיך טייל מאהל מען קריגט זיך אונ שטאט ווענין א רב אדער א חזן איז נישט אויך רעכט . דען דער אייבערשטער האט תמיד פיינט דאס מחלוקת . אונ זיין גוטער ווילען איז נאר עס זאל זיין שלום צווישן אונז . וועט ער אונז העלפין אז מיר וועלין קענין אלץ אוים פיהרען צו גוטען :

נז ווער שמיסט דיא שוטים וואס קריגען זיך איבער א חזן אונ ווילען מען זאל צו נעמין דעם חזן וואס ער קען בעסיר זינגען טוהן א גרויסע עבירה . אונ פאר זינדיגין זיך דיא וועלט אונ יעני וועלט . דען דער חזן וואס דאווינט נישט ערינצט לשם שמים נאר מען זאל הערין זיין זינגען זאגט אויף איהם דער פסוק „נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה" . דאס איז טייטש זייא שרייען בייא מיר אונ שיל מיט זייער קול . נישט פון מיינט וועגין נאר פון זייער הנאה וועגין . דריבער האב איך זייא פיינט . אונ דיא מענטשין וואס קומען הערין דעם חזן זאגט אויף זייא דער פסוק „מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי" דאס איז טייטש ווער וויל דאס פון ענך עמיץ זאל טרעטען אונ מיין חצר . אז עמיץ קומט נאר פון אייער הנאה וועגין . דען דיא שיל אונ דאס בית המדרש זענין הייליג . טאר מען נישט דארט אריין קומען וועגין תענוגים וואס זענין נישט לשם שמים :

נח עס איז א מצוה ליב צוא האבין יעדערין יוד אזוי וויא זיך אליין . דריבער דארפין יענים צו טוהן א טובה אזו גוט וויא זיך אליין . אונ צו זעהן וויא ווייט מען קען יעניכ׳ס געלט זאל נישט גישאדיגט ווערין גלייך עס איז זיין אייגינס :

נט מען טאר נישט פיינט האבין קיין שום יוד . נאר דעם פושעי ישראל וואס מען ווארינט איהם ער זאל זיין גוט אונ ער וויל נישט איז א מצוה איהם פיינט צו האבין אונ זיך צו

דער ווייטירען פון איהם ביז ער וועט טוהן תשובה און שוין נישט זינדיגען :

ס אז איינער זינדיגט קייגין אנדערין און געקט זאכין טאר ער איהם נישט פיינט האבין דער פאר · אבער אז ער איז איהם אליין שטארק מצער דארף ער איהם גישט מוחל צו זיין ביז ער וועט אים איבער בעטין :

סא נאר ער טאר נישט גלאט פיינט האבין יענים און הארץ און שווייגין נאר ער זאל יענים איבער פרעגין וועו קיינער הערט נישט פאר וואס האסט דיא מיר גיטוהן דאס שלעכץ · און אז יעניר בעט אים איבער דארף ער אים מוחל צו זיין :

סב אז איינער זעהט דעם אנדערין טוהן איין עבירה איז א מצוה צו שטראפין איהם ער זאל נישט טוהן :

סג ער זאל איהם שטראפין ווען קיינער הערט נישט מיט א ווייך לשון · ער זאל נישט פאר שעמט ווערין :

סד דער וואס קען ווערין מען זאל נישט זינדיגען און פאר ווערט נישט · ווערט ער אליין גישטראפט פאר דער זינד :

סה איבער דעם איז מחויב יעדערי באלבאסטי אכטינג צו געבין אויף איהר דינסט זיא זאל זיך וואשין און בענטשין ווען זיא דארף . אז זיא קען נישט בענטשין דארף דיא באלבאסטי מיט איהר צו בענטשין :

סו אויך דארף זיא אכטינג געבין דיא דינסט זאל הערין קידוש און הבדלה און אלי מצות מקיים זיין וויא ווייט מיגליך איז :

סז אז איינער זעהט זינדיגין א מענטש וואס האט מיט איהם נישט קיין התחברות · און אז ער וועט אים שטראפין וועט ער אים נישט הערין און וועט אים נאר פיינט האבין דארף ער איהם נישט צו שטראפין :

סח מען טאר נישט פאר שעמין קיין שום מענטש נישט מיט קיין ווארט און נישט מיט קיין מעשה :

סט אויך טארין נישט ריפען קיין מענטש אזא צו נאמין וואס ער שעמט זיך מיט אים · אויך טארין נישט פאר איהם דער ציילין אזא זאך וואס ער שעמט זיך דער פון :

ע מען איז מחויב גיווארינט צו זיין און יתומים אדער און אלמנות אפילו זייא זענין רייך און נעקט · מען זאל זייא נישט מצער זיין אפילו מיט רייד :

עא אז מען וויל זייא לערנין און נוטען וועג מען זייא שטראפין אביסעל · נאר מיט רחמנות :

עב מען דארף דאס צו ווארינען דיא שטיף מוטערס אז עס איז א גרויסע עבירה מצער צו זיין א יתום :

עג א מענטש דארף גיווארינט צו זיין נישט צו טוהן אזא זאך וואס מענטשין קענין אים חושד זיין אז ער טוהט איין עבירה חאטשי ער טוהט באמת נישט קיין עבירה :

# פרק לח דינים פון תשובה טוהן :

א מיר האבין גישריבען ביז אהער און דעם ספר וויא אזוי א מענטש זאל מקיים זיין דיא מצות . און אפ היטען זיך פון עבירות · עס איז זייער וואל דעם מענטש וואס סיהרט זיך אזוי :

ב גאר ווייל עס טרעפט זיך אז דער מענטש זינדיגט טיילמאהל ח״ו · אדער עס קומט איהם צו האנדין טייל מאהל וועלכי עבירה אומגערין ח״ו · דאריבער האט דער איבערשטער

גִיבָּאטִין מִיר זָאלִין *) תְּשׁוּבָה טוּהְן . וָועט עֶר אוּנְז מוֹחֵל זַיין :

ג נָאר מָען טָאר נִישְׁט זִינְדִיגְן אוֹיף דֶער קָאנְטָע וָואס מָען וָועט דֶער נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן :

ד תְּשׁוּבָה טוּהְן הֵייסְט מָען זָאל הָאבִּין חֲרָטָה אוֹיף דִיא זִינְד אוּנ זָאגִין דִיא וִוידוּי פוּן יוֹם כִּיפּוּר . או״א תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתֵינוּ כו׳ אָשַׁמְנוּ . בִּיז עַל כָּל פְּשָׁעֵינוּ . אַז מָען וַויל זָאל מָען אוֹיךְ זָאגִין עַל חֵטְא בִּיז צוּם סוֹף. נָאר דֶער עִיקָר אִיז אוּנ זִינְגְן צוּ הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ אוּנ שְׁטַארְק חֲרָטָה הָאבִּין אוֹיף דִיא זִינְד . אוּנ נֶעמִין אוֹיף זִיךְ מָען זָאל שׁוֹין נִישְׁט זִינְדִיגְן :

ה בַּנַאכְט אֵיידֶער מָען לַייגְט זִיךְ שְׁלָאפִין . טֵיילְמָאל וָוען מָען בַּארֶעכִינְט זִיךְ . אוּנ עֶרֶב שַׁבָּת . אוּנ עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ . אוּנ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה . וָוער שְׁמִיסְט יוֹם כִּיפּוּר זָאל מָען תְּשׁוּבָה טוּהְן אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבְּן . דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה :

ו וָוער שְׁמִיסְט וָוען מָען אִיז נִישְׁט גִיזוּנְד אִיז אַ מִצְוָה תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן . וּבִזְכוּת זֶה וָועט מָען זַיין גִיזוּנְד אוּנ לַאנְג לֶעבִּין :

ז אוֹיךְ תַּעֲנִית וָוען מָען פַאסְט אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן :

ח דֶער וָואס פַאר שְׁטֵייט נִישְׁט דִיא טַייטְשׁ פוּן אָשַׁמְנוּ זָאל פְרֶעגִין דֶעם וָואס פַאר שְׁטֵייט . דֶען דֶער עִיקָר אִיז אוּנ זִינְגְ: צוּ הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ אוּנ נֶעמִין אוֹיף זִיךְ מָען זָאל שׁוֹין נִישְׁט זִינְדִיגְן . וָועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי זִינְד . אוּנ וָוען מָען זָאגְט דֶעם אָשַׁמְנוּ מוּז מָען אַךְ אוּנ זִינְגְן הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ . אוּנ הָאבִּין חֲרָטָה אוֹיף דִיא זִינְד :

ט בְּסֵפֶר לִקּוּטֵי שׁוֹשַׁנִּים בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ סוֹף חֵלֶק ו׳ הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבְּן דֶעם פְּשַׁט פוּן יֶעדֶערִין וָוארְט פוּן אָשַׁמְנוּ . זֶעה אַיין דָארְט נָאךְ גוּטֶע זַאכִין צוּ זָאגִין :

י אַז אֵיינֶער זִינְדִיגְט קֵיינֶען אַנְדֶערִין אוּנ גֶעלְט זַאכִין אָדֶער עֶר זִידֶעלְט אִיהְם פוּילְט נִישְׁט

קיין

*) בְּסֵפֶר פִּרְקֵי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר וּבְסֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה שְׁרַייבִּין אַ מַעֲשֶׂה . עֶס אִיז גִיוָועז אַ גְרוֹסֶער רַבִּי וָועלְכִים עֶר אִיז פְרִיעֶר גִיוָועז אַ גַזְלָן אוּנ אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם וֶועג מִיט נָאךְ צְוַויא גַזְלָנִים אוּנ הָאבִּין יֶעדֶערִין בַּאגַזִילְתְּ . הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוָועז וָואס זַיין תַּכְלִית וָועט זַיין אוּנ הָאט אַוֶועק גִילָאזְט דִיא צְוַויא גַזְלָנִים . אוּנ הָאט תְּשׁוּבָה גִיטוּהְן מִיט דֶעם גַאנְצֶען הַארְץ אוּנ הָאט גִיפַאסְט אוּנ גִיבֶּעטִין תָּמִיד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען עֶר זָאל אִיהְם מוֹחֵל זַיין . אוּנ הָאט עֶרִינְטְץ גִידַאוֶוינְט אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ הָאט גִילֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ גִיגֶעבִּין צְדָקָה אוּנ אִיז גִוָוארִין אַ גְרוֹסֶער רַבִּי . אוּנ דֶעם אֵיינִיגֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז נִפְטַר גִיוָוארִין זֶענִין גִישְׁטָארְבִּין דִיא צְוַויא גַזְלָנִים וָואס זֶענִין פְרִיעֶר גִיוָועז זַיינוּ חֲבֵרִים . הָאט מָען אוּנ הִימֶעל גִיגֶעבִּין אִיהְם זַיין חֵלֶק אוּנ גַן עֵדֶן אוּנ פִּיהְל גוּטְץ . אוּנ דִיא צְוַויא חֲבֵרִים הָאט מָען גִיגֶעבִּין זֵייעֶר אָרְט אוּנ גֵיהִינָם אוּנ פִינְצְטֶערִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית . הָאבִּין דִיא צְוַויא גַזְלָנִים גִיפְרֶעגְט פַאר וָואס גִיט מָען אִיהְם זַיין חֵלֶק אוּנ גַן עֵדֶן . אוּנ אוּנְז אוּנ גֵיהִינָם . עֶר הָאט דָאךְ פוּן לַאנְג יֶעהֶערִין בַּאגַזִילְתְּ גְלַייךְ מִיט אוּנְז . הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיעֶנְטְפֶערְט עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גִיטוּהְן וָוען עֶר הָאט גִילֶעבְּט הָאבּ אִיךְ אָן גִינוּמֶע זַיין תְּשׁוּבָה אוּנ הָאבּ אִיהְם מוֹחֵל גִיוָועז . אוּנ עֶטְץ הָאט נִישְׁט גִיטוּהְן קֵיין תְּשׁוּבָה . הָאבִּין זֵייא גִיזָאגְט לָאז מָען אוּנְז לָאזִין וֶועלִין מִיר צִינְדֶערְט תְּשׁוּבָה טוּהְן . הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיעֶנְטְפֶערְט מָען קֶען נָאר תְּשׁוּבָה טוּהְן וָוען מָען לֶעבְּט בִּיז מָען שְׁטַארְבְּט . אָבֶּער דֶער נָאךְ קֶען מָען שׁוֹין נִישְׁט טוּהְן קֵיין תְּשׁוּבָה . אַזוֹ וִויא אֵיינֶער וִויל אַוֶועק גֵיין אוֹיף דֶעם יָם . אַז עֶר גֶעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיין בְּרוֹיט פוּן יִשּׁוּב קְרִיגְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דֶעם יָם . אַזוֹ וָואס מָען גְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אָן תְּשׁוּבָה אוּנ מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מָען נִישְׁט אוֹיף יֶענִיר וֶועלְט : אִיבֶּער דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צוּ בַּארֶעכִינֶען אוּנ תְּשׁוּבָה טוּהְן כָּל זְמַן עֶר הָאט צֵייט . אוּנ אָן זַאמְלִין מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים וָועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבִּין נוּטְץ אוֹיף אֵייבִּיג :

ו

קיין תשובה ביז ער גיט איהם אפ דאס געלט אונ בעט איהם איבער, עד זאל איהם מוחל זיין :

יא אז יעניר מאנט איהם אונ ער ווייסט נישט צו ער דארף יענים אפ צו געבין זאל ער האבין מיט יענים א דין תורה פאר דעם בית דין :

יב אפילו יעניר מאנט איהם נישט נאר ער איז ביא זיך מסופק אונ וועלכי זאך צו ער דארף יענים צוריק געבין · זאל ער פרעגין א שאלה . אונ ער זאל נישט זיך אליין פסקנין · נאר ער זאל דער ציילין פאר דעם רב אקראט דעם אמת · אונ וויא אזו דער רב וועט איהם זאגין זאל ער טוהן :

יג מען טאר נישט גנבנין אדער גזלין אדער פאלטש האנדלין אונ זאגין אז מען וועט געבין פון דעם צדקה . וועט דאס מכפר זיין אויף דער עבירה · דען דער אייבערשטער האט פיינט אזא מצוה וואס קומט פון איין עבירה . נאר מען זאל האנדלין ערליך אונ געבין צדקה וויא וויט מען קען · וועט דער אייבערשטער העלפין אז מען וועט האבין אלדים גוטץ :

## חלק ו (יום כז)

אונ דעם חלק וועלין מיר שרייבין הלכות נדה . אלע נייטיגע דינים וואס דיא אשה דארף וויסען זינט זיא ווערט א נדה ביז נאך דער טבילה · יעדער מענטש דארף צו ווארינען דעם בני בית זייא זאלין טוהן אזו וויא דער דין איז אונ אזו וויא דא שטייט · וועט מען האבין טייערי קינדער אונ פיהל גוטץ :

## פרק לט דינים וויא אזו דער מאן דארף זיך אפ היטען פון וייב ווען זיא איז א נדה :

א דער יוד איז מחויב זיך אפ צו שיידין פון זיין וייב ווען זיא איז א נדה ביז זיא ציילט אפ שבעה נקיים אונ איז זיך טובל :

ב אבער כל זמן זיא גייט נית קיין טבילה אפילו עס דארט וויא פיהל יאהרין הייסט זיא אלטץ א רעכטי נדה :

ג ער טאר נישט שטיפען אדער לאכין מיט זיין וייב אונ דער נדה . אונ זאל נישט שפיטען מיט איהר קיין רייד וואס ברענגין חשק :

ד ער טאר ניט אן רירען אונ איהר אפילו מיט דעם קליינעם פינגער :

ה אויך זאל ער ניט דער לאנגין צו איהר אפילו איין לאנגי זאך · אונ זאל ניט ארייין ווארפין אונ איהר האנט ארייין קיין שום זאך . דעסט גלייבין זיא צו איהם טאר אויך ניט דאס :

ו ער זאל ניט אן רירען אונ איהרע קליידער ווען זיא גייט אונ זיי · אבער ווען זיא גייט ניט אונ זייא מעג ער אן רירען אונ זייא :

ז ער טאר ניט עסין מיט איהר אויף איין טיש · צאטין עס שטייט עפיס צווישען זיין שיסעלי אונ צווישען איהר שיסעלי צו ווייזין אז זיא איז א נדה · היינו עס שטייט דער צישען א קריגעל וואס מען טרינקט ניט דער פון . אבער אז מען טרינקט פון דעם קריגעל פוילט עס נישט . אונ ער בדארף עפיס אנדערש אנידער צו לייגין דער צישען :

ח ער טאר נישט עסין אדר טרינקען פון דעם וואס זיא לאזט איבער . נאר אז מען האט איבער גינאסין אונ איין אנדערי כלי ארייין מעג ער שוין דער פון עסין אדער טרינקען :

ט זיא מעג עסין אונ טרינקען פון דעם וואס ער לאזט איבער :

י ער טאר ניט זיצען אדער ליגען אויף איהר בעט אדער אויף איהר בעט גיוואנט · אפילו ווען זיא איז ניט דא · אבער אן רירען מעג ער אונ זייא :

יא זיא מעג זיצען אויף זיין בעט . אָבער ליגען דארויף טאר זיא ניט אַפילו אונ דיא קליידער :

יב זיין בעט אָדער זיין בעט געוואנט טאר זיך ניט אָן רירען אָן איהר בעט אָדער אָן איהר בעט געוואנט :

יג זייא טארין נישט פארין שפאצירען אויף איין וואגין. אָבער פון האנדלין וועגין אָדער אַנאַנדער עסק מעגין זייא פארין אויף איין וואגין · נאר זייא זאלין אַזוי זיצען אַז זייא זאלין ניט זיך אָן רירען :

יד ער טאר נישט קוקען אויף קיין שום אָרט פון איהר לייב וויא דער שטייגער איז אַז זיא גייט דארט צו גידעקט מיט מלבושים . אויך טאר ער נישט הערין זיא זינגען :

טו אז זיא ברענגט איהם איין כוס צו טרינקען זאל זיא אַנדערש מאכין פון דענסטאלט ווען זיא איז ריין · היינו זיא זאל איהם אַנידער שטעלין מיט דער לינקער האנט אַז עס איז איהר שטייגער תמיד אַנידער צו שטעלין מיט דער רעכטי האנט · אָדער זיא זאל איהם אַנידער שטעלין אויף דער באנק . כדי עס זאל זיין אַנדערש פון דענסטאלט ווען זיא איז ריין :

טז אז עס איז דא מענטשין אונ זיא שעמט זיך אַזוי צו טהון זאל זיא אָן גיסען דעם כוס דער מאן זאל נישט זעהן . ווענ שוין נישט שאטין אַז זיא וועט איהם אַנידער שטעלין אויף דעם טיש גלייך וויא תמיד :

יז אז זיא ברענגט איהם איין שיסעלי אָדער איין טעליר מיט עסין האט עס דיא אייגענע דינים קיינין אַרויף שטעלין אויף דעם טיש אַזוי וויא דער כוס וואס מיר האבין גישריבען :

יח זיא טאר נישט ליגין דאס ליילעך אָדער דאס איבער בעט אויף זיין בעט ווען ער זעהט · אָבער ווען ער זעהט נישט מעג זיא בעטין תאכשיר ער ווייסט אַז זיא האט גיבעט :

יט זיא טאר נישט שטעלין פאר איהם וואסער צו וואשין :

כ ער טאר אויך נישט איהר אַנידער שטעלין אַ כוס · אונ נישט שיקען איהר קיין כוס אַפילו אַ כוס של ברכה :

כא דיא אַלע דינים וואס איז גישטאנין אונ דעם פרק דארפין גיהאלטין צו זיין זינט זיא איז טמא גיווארין *) ביז נאך דער טבילה :

כב אַפילו זיא גיפינט נאר אַ פלעק אונ דער רב פסקנת אַז זיא איז טמא דארפין זייא שוין גיהאלטין צו זיין אונ דעם אַלימען ביז נאך דער טבילה :

פרק

*) דער הייליגער מלאך אליהו הנביא ז"ל שרייבט אונ זיין ספר (פרק ט"ז) אַ מעשה ; עס איז גיוועזן איינער וואס האט גיקענט לערנין אונ איז גישטארבין יונגע הייט ר"ל . איז זיין ווייב ארום גיגאנגין צו זיינע חברים אונ האט גיפרעגט . מיין מאן האט גיקענט לערנין פאר וואס איז ער גישטארבין יונגע הייט . אונ קיינער האט נישט גוויסט וואס איהר צו ענטפערין . דער הייליגער מלאך אליהו הנביא ז"ל האט אָבער יוא גוויסט . איז ער איינמאהל גיקומען צו דעם הויז . האט זיא פאר איהם גיוויינט אונ האט ווידער גיפרעגט דאס אייגענע · האט ער זיא גיפרעגט וויא אַזוי האט ער זיך מיט דיר גיפירט אונ דער נדה · האט זיא גיענטפערט ער האט אונ מיר נישט אָן גירירט ח"ו . האט ער זיא ווידר גיפרעגט אונ דיא טעג וואס דיא האסט גיציילט דיא זיבען ריינע טעג וויא אַזוי איז גיוועזן . האט זיא גיזאגט ער האט נישט גיטוהן קיין עבירה ח"ו . נאר ער האט זיך שוין נישט גיהיטען פון אָן רירען מיך אונ פון דיא זאכין וואס מיר האבין אובען גישריבען . האט אליהו הנביא ז"ל גיזאגט עס איז שוין רעכט וואס ער איז גישטארבין · דען עס איז נישט קיין חילוק צווישען דיא טעג וואס דיא אשה זעהט דם נדה . צווישען דיא טעג וואס זיא ציילט דיא

## (יום כח) פרק ט דינים פון איין נדה. און פון לבישת לבנים וספירת נקיים:

א איין אשה וואס געפינט א פלעק פון רויט אדער שווארץ (אדער געל) דארף זיא פרעגין א שאלה. און אז דער רב פסק'נט אז זיא איז טמא האט זיא דעם איינגעם דין פון א רעכטי נדה:

ב אז איין אשה דער פילט אז עס עפינט זיך דער מקור צו גיין דם מוז זיא באלד זיך בודק זיין. אז זיא איז זיך באלד בודק און געפינט נייס אזוי וויא שלאם אן שום רייטליך און אן שום שווארץ איז זיא טהור. אבער אז זיא געפינט גאר נישט איז זיא טמא וויא איין נדה. ווייל זיא האט פריער געפילט אזוי וויא מיר האבין געשריבען. דעסט גלייכין אז זיא איז זיך דער נאך נישט בודק איז זיא אויך טמא:

ג איין אשה וואס איז שוין מעוברת דרייא חדשים אדער זיא האט געהאט א קינד ביז פיר און צוואנציג חדשים נאך דעם קינד האבין וועלכים דער שטייגער איז אז זייא זעהן נישט אזוי קיין דם. דאריבער אז זיא האט דער פילט אז עס עפינט זיך דער מקור און האט זיך בודק געוועזן און האט גאר נישט געפינען איז זיא טהור:

ד דיא נשים וואס זענין געוואהנט אז און דיא ריינע טעג גייט תמיד פון זייא ווייס אזוי וויא שלאם און זיא איז זיך תמיד בודק און זעהט אז עס איז בלויז ווייס אן שום רייטליך און אן שום שווארץ. איז אפילו זיא איז זיך טייל מאהל נישט בודק בשעת זיא פיהלט דעם ווייסין שלאם גיין פון איהר שאט אויך נישט. נאר וויא ווייט מיגליך איז מוז זיא זיך תמיד בודק זיין:

ה יעדערי אשה וואס זעהט דם אפילו נאר איין טראפין אדער זיא געפינט א פלעק וואס איז טמא דארף זיא וואַרטין פינעף טאג פון אן הייב זעהן. אדער זינט זיא האט געפינען דעם פלעק:

ו דעם פופטין טאג לערך א שעה פאר נאכט זאל זיא זיך גוט בודק זיין. (בסעיף י"ט וועט שטיין וויא אזוי יעדערי בדיקה דארף זיין). און אז זיא געפינט נישט אויף דעם טיכעל קיין שום געשטאלט פון רויט אדער שווארץ זאל זיא מאכין לבישת לבנים. דיא ווייבער ריפען דאס אן אפ ציען:

ז אז זיא געפינט געל זאל זיא פרעגין א שאלה אויב זיא מעג מאכין היינט דאס אפ ציען:

ח בשעת דעם אפ ציען זאל זיא זיך גוט פאר וואשין אויף דעם אורט און אן טוהן א קלאר העמד. אז זיא האט נישט זאל זיא אן טוהן אזוי א ריין העמד פון פלעקין. אויך אלע קליידער זאלין זיין ריין פון פלעקין:

ט דער נאך דארף זיא באלד נאך אמאהל אריין לייגין א טיכעל עס זאל ליגען דארט ענק ביז עס וועט ווערין גוט נאכט. און בנאכט זאל זיא עס ארויס נעמין און ווידר בקוקען אויב עס

---

זיבען ריינע טעג. און כל זמן זיא גייט נישט קיין טבילה וויא עס קער צו זיין מוז מען זיך אפ היטען און דיא זאכין וואס מיר האבין אויבען געשריבען. און דורך דעם איז ער געשטארבין פאר וואס ער האט זיך נישט אפ געהיטען און דיא זאכין ביז נאך דער טבילה: זעהט מען שוין וויא גרויס דיא עבירה איז. און מען דארף זיך צו היטען דער פון: נאך זעהט מען פון דער מעשה מען זאל זיך נישט ברענגין קיין ראיה פון דעם וואס מען זעהט יענים טוהן מעג מען אויך טוהן. דען אפילו דער וואס קען לערנין אז ער לערינט נישט קיין שלחן ערוך קען ער טוהן עבירות. וועלכים ער ווייסט גאר נישט אז דאס איז איין עבירה. דאריבער מוז מען נאר טוהן אזוי וויא עס שטייט און שלחן ערוך ופוסקים און אזוי וויא מיר שרייבין. וועט זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט אויף אייביג:

עס איז ריין :

י דער נאך זאל זיא זיך אונטער לייגין א ריין שלאף לייליך אונ דאס בעט גיוואנט זאל אויך
זיין ריין אן א פלעק · אונ פון דער נאכט וואס קער צום מארגנדיקן טאג הייבט זיא אן צו
ציילין דיא זיבן ריינע טעג :

יא דיא זיבן ריינע טעג דארפין זיין זיבען מעת לעת גאר ריין · אונ דיא ערשטע נאכט וואס
מיר האבין גישריבען זיא זאל אונטער לייגין א ריין שלאף לייליך ווערט גירעכינט צו
דעם מארגנדיקן טאג · אונ דיא נאכט דארף אויך זיין ריין פון תחילת אן :

יב דאריבער דארף זיא זיך בודק זיין אונ מאכין דאס אפ ציען פאר נאכט איידער דיא זון
זעצט זיך · אדער חאטש א האלבע שעה פאר נאכט · אונ באלד דער נאך א ריין לייגין
א טיכעל עס זאל דארט ליגען ביז נאכט אזו וויא מיר האבין גישריבען :

יג אבער דיא אשה וואס איז זיך הערשט בודק צווישן טאג אונ נאכט אונ זעהט אז עס איז
ריין קען זיא שוין נישט צינדערט מאכין דאס אפ ציען צו רעכינען דעם מארגנדיקן טאג
צו דיא ריינע טעג · ווייל זיא האט נישט גיזעהן א האלבע שעה פאר נאכט אז זיא איז ריין :

יד אז זיא מאכט דאס אפ ציען פרייטיג פאר נאכט זאל זיא מאכין איידער זיא צינדט ליכט.
אבער נישט דער נאך · זעה אין בפרק ז׳ ביז וואנט מען מעג ליכט צינדען :

טו אויף דיא ערטער וויא מען מאכט שבת פאר נאכט דאס אפ ציען זאל זיא זיך דערנאכט
וואשין מיט קאלט וואסר · אונ זאל גיווארינט זיין נישט צו גיסען קיין וואסער אויף דעם
העמד אדער אויף ווערבין מלבוש · דען דאס טארין נישט טוהן אום שבת · אזו וויא מיר
האבין גישריבען בפרק ז׳ :

טז אז זיא מאכט יום טוב אדער יום כיפור דאס אפ ציען דארף זיא אויך גיווארינט זיין אונ
דעם וואס מיר שרייבין ביא שבת · אויך זאל זיא יום כיפור נאר ארום וואשין אויף דעם
ארט · אונ נישט דעם גוף :

יז אז זיא מאכט תשעה באב דאס אפ ציען אדער ווען זיא זיצט שבעה ר״ל זאל זיא זיך אויך
נאר ארום וואשין אויף דעם אורט · אונ נישט דעם גוף . אויך זאל זיא נישט אן טוהן
קיין קלאר העמד נאר אנאנדער העמד וואס איז ריין פון פלעקין :

יח יעדערין טאג פון דיא זיבען ריינע טעג דארף זיא זיך בודק צו זיין צוויא מאהל . איינמאל
אונ דער פריא · אונ איינמאל פאר נאכט · אויך זאל זיא בקוקען דאס העמד ווען זיא
איז זיך בודק :

יט אלע בדיקות דארפין זיין מיט א טיכעל פון אלטע לאווינט ווייסע אדער באמוויל . אונ זיא
זאל עס ארין טוהן איניווייניג גאנץ טיף וויא ווייט מיגליך איז · אז עס איז איר שווער זאל
זיא חאטש ביא דעם אפ ציען אונ אויך דעם ערשטין טאג אונ דעם זיבעטין טאג טיף ארין
טוהן וויא ווייט מיגליך איז :

כ אבער דיא נשים וואס טוהן נאר אביסעל ארין אפ צו ווישען הייסט דאס נישט קיין בדיקה.
אונ דיא טבילה איז נישט קיין טבילה :

כא דיא בדיקות זאלין זיין ביא דער ליכט פון דעם טאג . און עש״ט ביא קיין ליכט :

כב אז זיא גיפינט ווערבין טאג אויף דעם טיכעל רויט אד׳ שווארץ אפילו עס איז נאר
טינקעל . אדער זיא גיפינט אונ העמד א פלעק וואס איז טמא · דארף זיא פאר נאכט
איבער ניי׳עס צו מאכין דאס אפ ציען · אונ איבער ניי׳עס אן הייבען צו ציילין זיבען ריינע טעג
אזוי וויא מיר האבין אויבין גישריבען · אונ זיא דארף נישט ווארטין קיין פינעף טאג ביז דער
אפ ציען (אזוי וויא עס שטייט בסעיף ה׳ ביא דער אשה וואס ווערט הערשט איין נדה) · נאר
זיא מעג מאכין דאס אפ ציען באלד פאר נאכט . אדער ווען זיא קען :

# פרק מא דינים פון איין כלה . אונ פון איין אשה וואס איז מפיל חי :

א א כלה מוז ציילין זיבען ריינע טעג פאר דער טבילה . אזוי וויא מיר האבין געשריבען בפרק מ׳ . זעה איין דארט אלע דינים פון דעם · אפילו זיא איז נאך גאר יונג אונ זעהט נאך נישט קיין דם :

ב אויך דארף זיא זיך בודק זיין אלי טאג ביז דער חתונה · זעה איין בפרק מ׳ סעיף י״ט וויא אזוי דיא בדיקות דארפין זיין :

ג זיא זאל הערשט אן הייבין ציילין דיא זיבען ריינע טעג נאהנט פון דער חתונה ווען זיא ווייסט שוין זעכיר ווען דיא חתונה וועט זיין :

ד אז אין מיטען דעם ציילין האט זיך געמאכט איין עיכוב אז דיא חתונה וועט נישט קענין זיין אונ דעם טאג וואס מען האט פריער אפ געשטומט · דארפין פרעגין א שאלה אויב זיא וועט דארפין איבער נייעם צו ציילין דיא זיבען ריינע טעג ווען זיא ווייסט שוין זעכיר ווען דיא חתונה וועט זיין :

ה בפרק מ׳ סעיף ה׳ ר האבין מיר געשריבען אז איין אשה וואס זעהט דם דארף צו ווארטין פינעף טאג פון אן הייב זעהן ביז דעם אפ ציען . (זעה איין דארט וואס מען מיינט אפ ציען) :

ו אבער א כלה וואס זעהט דם פאר דער חתונה אונ עס איז שוין נישט קיין צייט זיא זאל ווארטין פינעף טאג ביז דעם אפ ציען אונ דער נאך ציילין זיבען ריינע טעג צו גיין טבילה פאר דער חתונה · אונ עס איז שווער אפ צו שלעפין דיא חתונה נאך עטליכע טאג . מעג זיא מאכין דאס אפ ציען וועלכין טאג זיא קען · אונ דער נאך ציילין זיבען ריינע טעג אונ גיין טבילה פאר דער חתונה . אונ דאס איז גלייכער איידער צו מאכין א חופת נדה :

ז אבער קיינען דעם אפ ציען אונ ציילין זיבען ריינע טעג האט דיא כלה דעם דין אזוי וויא אנאנדערי אשה וואס מיר האבין געשריבען בפרק מ׳ · זיא טאר נישט מיקל זיין דרינען חוו אויף קיין שום פאל :

ח ווען איינער נעמט א בתולה מוז עהר תיכף נאר דער ערשטער ביאה זיך אפ שיידען אונ אוועק גיין . דען נאך דער ערשטער ביאה איז זיא שוין טמא אזוי וויא איין נדה . חאטשי זיא זעהט נישט קיין בלוט :

ט דריבער מוז זיא דער נאך ווארטין פיהר טאג אונ מאכין דאס אפ ציען אונ ציילין זיבען ריינע טעג אונ גיין טבילה :

י אויך דארף דער מאן זיך צו דער ווייטערען פון איהר מיט דיא זאכין וואס מיר האבין געשריבען בפרק ל״ט בייא א רעכטי נדה :

יא אז איין אשה איז מפיל חי זאל זיא פרעגין א שאלה ווען זיא זאל מאכין דאס אפ ציען :

יב אז זיא וויל ווארטין צוויא וואכין ביז דעם אפ ציען . אונ דער נאך ציילין זיבען ריינע טעג אונ גיין טבילה דארף זיא נישט פרעגין קיין שאלה :

# (יום כט) פרק מב דינים ווען צו גיין טבילה

א אויב דער מאן איז אונ דער היים איז א מצוה זיא זאל זיך טובל זיין אונ דער צייט ווען עס קומט איר אויס . היינו ווען זיא האט שוין אפ געציילט דיא זיבען ריינע טעג :

ב דיא אשה וואס האלט אויף דיא טבילה מצער צו זיין דעם מאן האט א גרויסי עבירה חס ושלום :

ג זיא מעג זיך טובל זיין פראטיג צו נאכט אויב זיא האט נים געקענט פריער זיך טובל זיין .

און דוקא אז דער מאן איז אין דער היים:

ד אָבער אז דער מאן איז נישט און דער היים מאר זיא זיך נישט טובל זיין פֿריאטיג צוא נאכט:

ה דעסט גלייכין אז זיא האט זיך גיקענט טובל זיין פֿריער. טאר זיא נישט זיך טובל זיין פֿראטיג צו נאכט:

ו אז זיא האט גיקענט זיך טובל זיין פֿריער נאר דער מאן איז נישט גיוועזין און איז הערשט פֿראטיג גיקומען צו פֿארין מעג זיא אויך גיין טבילה פֿראטיג צו נאכט. צאמין דער מנהג איז אויף דעם ארט מחמיר צו זיין זאל זיא טוהן אזוי ווי דער מנהג איז:

ז אז זיא האט זיך טובל גיוועזן דאנערשטיג בנאכט. און פֿראטיג און דער פֿריא איז זיא גיוואר גיווארין אז דיא טבילה איז נישט גוט. היינו זיא האט גיפֿינען איין חציצה אדער וועלכיר ספק אז זיא האט נישט גוט זיך טובל גיוועזן מעג זיא פֿראטיג צו נאכט נאך אמאהל זיך טובל זיין:

ח אז איינער נעמט איין אלמנה מאר זיא גיין דיא ערשטי טבילה פֿראטיג צו נאכט. האטשי זיא האט נישט גיקענט פֿריער גיין. נאר זיא זאל גיין מוצאי שבת אדער אנאנדערי נאכט:

ט אפילו אויף דעם ארט וואס מען גייט נישט מוצאי שבת טבילה צאמין מען האט נישט גיקענט פֿריער גיין מעג זיא אויך גיין מוצאי שבת. דען זיא האט דאך נישט גיטארט גיין פֿראטיג צו נאכט:

י איין אשה טאר נישט זיך טובל זיין בטאג. נאר בנאכט ווען עס שטייט שוין שטערין:

יא אז זיא קען נישט זיך טובל זיין בנאכט איבער וועלכין אונס איז דער דין אזו. דעם זיבעטין טאג טאר זיא נישט זיך טובל זיין בטאג. נאר זיא זאל וואַרטין ביז דעם אכטען טאג און זאל פֿרעגין א שאלה. קען שוין דער רב איהר מתיר זיין טובל צו זיין דעם אכטען טאג. בטאג:

יב איין כלה וואס איז זיך טובל פֿאר דער חופה מעג זיך טובל זיין דעם אכטען טאג בטאג:

## פרק מג דינים פֿון דיא זאכין וואס טארין נישט קלעבין אויף דעם גוף בשעת דער טבילה:

א דיא אשה דארף גיווארינט צו זיין עס זאל נישט קלעבין אויף איהר קיין שום זאך בשעת דער טבילה:

ב אפילו דיא פֿאר בארגעני ערטער וואס דאס וואסער קומט נישט דארט אריין דארפֿין אויך צו זיין ריין אן א שום זאך. למשל דיא ציין האטשי עס קומט נישט און מויל אריין קיין וואסער דאציפארט טאר נישט שטעקין עפּיס צווישען דיא ציין:

ג איבער דעם מוז זיא גוט אויס מאכין דיא ציין פֿאר דער טבילה. אויך זאל זיא נישט עסין קיין פֿלייש דעם טאג פֿון דער טבילה. נאר אז זיא איז זיך טובל מוצאי שבת מעג זיא שבת עסין פֿלייש. און זאל זיך גוט אויס שטעכין צווישען דיא ציין פֿאר דער טבילה. דען אז עס איז עפּיס דא צווישען דיא ציין אדער אויף דיא ציין איז דיא טבילה נישט קיין טבילה:

ד זיא מוז ריין מאכין צווישען דיא פֿינגער פֿון דיא פֿיס עס זאל דארט נישט זיין קיין בלאטע און קיין שום זאך. אויך זאל זיא גוט אפּ וואשין דעם שטויב פֿון דיא פֿיס:

ה עס טאר נישט זיין איין האר פֿאר קניפּט. אז זיא האט קאלטענים און זיא קען נישט

זייא אראפ נעמען זאל זיא פרעגין א שאלה :

ו זיא מוז געווארינט זיין גוט אפ צוא שניידען דיא נעגיל פון דיא הענט אונ פון דיא פים :

ז אז זיא האט פאר געסין איין נאגיל אפ צו שניידען זאל זיא איהם אפ שניידען אונ נאך אמאהל גיין טבילה . אז זיא דער וועהט הערשט אונ דער פריא זאל זיא פרעגין א שאלה :

ח זיא זאל פאר ברעניגין דיא נעגיל . דען עס איז א סכנה אז א מענטש טרעט אויף זייא :

ט אז איין נאגיל איז גישוואלין אונ זיא קען גישט איהם אפ שניידען אונ גישט א פער געמין דאס אום ריינקייט זאל זיא פרעגין א שאלה :

י זיא מוז גידענקין אראפ צו נעמין פאר דער טבילה דיא פינגערליך . אונ אוים טוהן דיא אורינג :

יא זיא מוז גוט אפ וואשין דאס אום פלאט פון דיא אויגין . אויך זאלין גישט זיין צו באנט גיקלעבט דיא האר פון דיא ברעמין :

יב פאר טריקענט בלוט וואס איז אויף דער מכה מוז זיא אפ וואשין פאר דער טבילה . אבער דיא ליחה אונ דער מכה איז נים קיין חציצה :

יג אז דיא ליחה איז ארוים אוים דער מכה אונ איז פאר טריקענט געווארין . מוז זיא עס גוט אפ וואשין :

יד איין אשה וואס איז קרעציג מוז ווייקין דיא קרעץ אונ ווארים וואסער ביז זייא ווערין צוא ווייקט אונ ווייך . אונ דיא דארי קרעץ מוז זיא אראפ נעמין האטשי עס טוהט איהר שטארק וויא :

טו דעם פלאסטער פון דער מכה מוז זיא אראפ נעמין פאר דער טבילה :

טז עס איז שכיח א זעלכי בנים וואס זענין שטארק בהעפט אונ גוף צווישען דיא האר . מען רופט זייא מענדיוועשקים . דארפין פאר דער טבילה זייא אראפ נעמין מיט ווארים וואסער אונ אפ קראטצין מיט דיא נעגיל . אדער מען זאל מיט עטליכע טאג פריער טוהן א רפואה מען זאל זייא גישט האבין :

יז אויך זאל זיא פאר דער טבילה אראפ נעמין דיא קליינע בנים וואס זענין בהעפט אונ דיא האר :

יח יעדערי אשה מוז אכטונג געבין פאר דער טבילה עס זאל גישט קלעבין אויף דעם גוף אונ אויף דיא הענט קיין שום זאך . אונ זייא זאלין גישט זיין איין גיפערבט פון קיין שום זאך . נאר אלדונג זאל זיין ריין :

יט אויך זאל זיא פאר דער טבילה ריין מאכין דיא גאז מיט דיא אויערין אונ עק וויא מען זעהט אביסעל . אבער טיף אונעווייניג דארף זיא גישט אריין שטעקין דעם פינגער :

כ אויך זאל זיא פאר דער טבילה משתין זיין אונ נקיות האבין אויב זיא דארף . אונ אויך ריין מאכין אלע ערטער פון אומריינקייט :

כא דעם טאג פון דער טבילה זאל זיא גישט קנעטין קיין טייג אונ גישט טוהן קיין אנדערי זאך וואס קלעבט זיך אן :

כב אז זיא דארף צו טוהן לכבוד שבת מעג זיא טוהן . נאר זיא זאל באלט דער נאך זיך גוט אפ וואשין :

## (יום ל) פרק מד דינים פון דעם קעמין און אנדערי זאכין וואס מען דארף צו טוהן פאר דער טבילה :

א דעם זיבעטין טאג וואס איהר קומט אוים בנאכט צו גיין טבילה זאל זיא פאר נאכט גיין לבית הרחץ און זאל זיך און גאנצין אפ וואשין און א וואנע מיט ווארים וואסער :

ב און אלע קנייטשין פון גוף און אלע פאר בארגעני ערטער זאל זיא גוט אפ וואשין מיט ווארים וואסער . און זאל זיך ריין מאכין פון אלע זאכין וואס מיר האבין גישריבן בפרק מ"ג :

ג אויך דארף זיא גוט אויס קעמין דיא האר פון קאפ און פון אלע ערטער עס זאל גאר נישט קלעבין אויף זייא :

ד' אויף דיא שווייסיגי ערטער מוז זיא גוט צו שיידין דיא האר זייא זאלין נישט זיין צו נאנט גיקלעבט :

ה אויך דארף זיא גוט בקוקען דעם גאנצין גוף אויב עס קלעבט נישט עפים אויף איהר :

ו אויף דעם ארט וואס זיא קען נישט זעהן זאל זיא אכטונג געבין מיט דיא הענט עס זאל דארט גאר נישט קלעבין . און נישט זיין איין גירעכט פון קיין שום זאך :

ז זיא טאר נישט וואשין דעם קאפ און וויא עס איז דא האר מיט קאלט וואסער . נאר מיט ווארימס . אזו ווי מיר האבין גישריבן . און אויך נאר מיט וואסער . און נישט מיט משקה אדער אנדערי זאכין :

ח דאס צוואגין מיט דעם וואשין דארף זיין פאר נאכט און אויך נאהגט צו דער טבילה :

ט איבער דעם זאל זיא אן הייבען דאס וואשין ווען עס איז נאך טאג . און עס זאל גידארין ביז עס איז שוין גוט נאכט . דער נאך זאל זיא זיך תיכף טובל זיין . און זאל נישט עסין אדער טוהן עפים אנדערש דער צווישען . כדי זיא זאל זיך נישט איין רעכטין :

י בשעת הדחק אז זיא האט נישט גיקענט טוהן פאר נאכט זאל זיא זיך וואשין און צוואגין בנאכט . נאר זיא זאל נישט טוהן גלייך נאר ווארגע קעמין און וואשין זיך . און אלרונג גוט בקוקען אזו וויא מיר האבין גישריבין :

יא אז איין אשה האט זיך טובל גיוועין און האט נישט פריער בקוקט דעם גוף אויב גאר איז ריין איז דיא טבילה גישט קיין טבילה :

יב דעסט גלייכין אז זיא האט נישט זיך צו קעמט העלפט אויך נישט דיא טבילה :

יג אז דיא טבילה קומט אוים מוצאי שבת דארף זיא פרייטיג זיך צוואגין און וואשין . און מוצאי שבת פאר דער טבילה דארף זיא נאך אמאהל זיך צוואגין און וואשין . און אלרונג גוט בקוקען אזו וויא עס קער צו זיין :

יד דעסט גלייכין אז דיא טבילה קומט אוים מוצאי יום טוב דארף זיא ערב יום טוב זיך צוואגין און וואשין . און מוצאי יום טוב פאר דער טבילה דארף זיא נאך אמאהל זיך צוואגין און וואשין . און אלרונג גוט בקוקען אזו וויא מיר האבין גישריבען :

טו אז דיא טבילה קומט אוים פרייטיג צו נאכט זאל זיא זיך צוואגין און וואשין ווען עס איז נאך גרוסער טאג . כדי זיא זאל נישט מחלל שבת זיין ח"ו . דער נאך זאל זיא אהיים גיין צינדען לעכט . דער נאך זאל זיא צוריק גיין לבית הטבילה און זאל זיך גוט בקוקען דעם גאנצין גוף און דיא הענט אויב עס קלעבט נישט עפים . און ווען עס וועט זיין גוט נאכט זאל זיא זיך טובל זיין :

טז אויף דיא ערטער איז דער מנהג אז עס קומט אויס פראטיג צו נאכט דיא טבילה גייט
זיא אונ מיטען טאג לבית הטבילה אונ מאכט דאס צוואגין אונ וואשין. דער נאך גייט
זיא אהיים אונ מאכט שבת. אונ ביי נאכט גייט זיא לבית הטבילה אונ איז
זיך טובל:

יז טוז זיא גיוואורנט זיין נאך דעם צוואגין זיא זאל נישט נעמין אונ דער האנט אריין קיין
טייג אונ אנדערי זאכין וואס קלעבין זיך אהן. נאר זיא זאל דערנמאלט געבין איין אנדערי
אשה דיא זאכין צוא טוהן:

יח אז זיא האט נישט וועשין צו הייסען טוהן מעג זיא אליין טוהן. נאר זיא זאל אלע מאהל אפ
וואשין דיא הענט. כדי עס זאל גאר נישט קלעבין אויף זייא:

יט אונ פראטיג צו נאכט פאר דער טבילה דארף יעדערי אשה גוט בקוקען דעם גאנצין גוף
אונ דיא הענט אויב עס קלעבט נישט עפים:

כ אז דיא טבילה קומט אויס מוצאי שבת אונ דענמאלט איז יום טוב דארף זיא פראטיג
זיך קעמין אונ וואשין אונ בקוקען דעם גוף אויב עס קלעבט נישט עפים. דער נאך זאל זיא
זיך ארים בינדען דיא האר ביז דער טבילה:

כא אונ פון דעם צוואגין ביז דער טבילה זאל זיא זיך היטען נישט איין צו רעכינין זיך מיט
קיין שום זאך. אונ זאל נישט נעמין אונ דער האנט אריין קיין טייג אונ קיין שום זאך
וואס קלעבט:

כב אז זיא האט נישט ווער עס זאל טוהן מעג זיא אליין טוהן. נאר זיא זאל אלע מאהל אפ
וואשין דיא הענט. כדי עס זאל גאר נישט קלעבין אויף זייא:

כג אונ מוצאי שבת פאר דער טבילה וועלכים זיא קען נישט נאך אמאל זיך צוואגין ווייל עס
איז יום טוב. טוז זיא גוט בקוקען דעם גאנצין גוף מיט דיא האר פון קאפ אויב עס קלעבט
נישט עפים. (זעה אין בסעיף ה' ו'):

כד אויך זאל זיא אפ וואשין אונ דער היים דיא פאר בארגעני ערטער מיט ווארים
וואסער. אונ זאל זיך גוט אויס שטעכין צווישען דיא ציין עס זאל גאר נישט
דארט שטעקין:

כה אויך זאל זיא פאר דער טבילה ריין מאכין דיא אויערין מיט דער נאז אונ אלי זאכין וויא ווייט
מעגלעה איז:

כו דיא איינינע דינים גייען אויך אז אז עס איז יום טוב דאנערשטיג אונ פראטיג אונ איהר
קומט אויס צו גיין טבילה דאנערשטיג בנאכט אדער פראטיג צו נאכט דארף זיא מיטוואך
זיך קעמין אונ וואשין אונ בקוקען דעם גוף:

כז אונ פאר דער טבילה דארף זיא ווידער ביי קוקען דעם גאנצין גוף מיט דיא האר
פון קאפ. אונ אויך גיוואורנט זיין אונ אלע זאכין וואס מיר האבין פריער
גישריבען:

כח דאס האבין מיר אלץ גישריבען קיינען דיא ערטער וואס מען גייט טבילה מוצאי שבת אונ
יום טוב טוז מען טוהן אזוי וויא דא שטייט:

כט אז מען האט נישט אזו גיטוהן זאל מען פרעגין א שאלה אויב מען דארף נאך אמאל צו
גיין טבילה:

ל ווער שמיסט אז זיא האט נאך דעם צוואגין אונ ריין מאכין גיניצט מיט זאכין וואס
קענין זיך אהן קלעבין אונ האט נישט פאר דער טבילה ביי קוקט איהר גוף אוב
עס קלעבט נישט עפים איז דיא טבילה בוודאי נישט ווערט אונ זיא דארף נאך אמאהל
צו גיין טבילה:

# פרק מה, דינים פון דֶער טְבִילָה :

א זיא דַארְף זִיךְ טוֹבֵל זַיין דֶעם גַאנְצְן גוּף אוּנ אַלֶע הָאר מִיט אֵיינְמָאהְל . אָבֶּער נִישְׁט שְׁטִיקְלֶעךְ וַוייס :

ב בְּשָׁעַת זִיא אִיז זִיךְ טוֹבֵל דַארְף שְׁטֵיין אֵיין אִשָּׁה אָדֶער אַ מֵיידֶעל וָואס אִיז אַלְט מֶעהְר פוּן צְוֶועלִיף יָאהְר . צוּא זֶעהְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס שְׁטֵארְין קֵיין שׁוּם הָאר פוּן וַואסֶער . דֶען אַז עֶס שְׁטַארְט אַרוֹיס אֵיין הָאר פוּן וַואסֶער אִיז דִיא טְבִילָה קֵיין טְבִילָה נִישְׁט :

ג בְּשָׁעַת דֶעם טוֹבֵל זַיין זָאל זִיא קֵיינֶער נִישְׁט צוּא הַאלְטִין :

ד אַז כְּמֶען מוּז זִיא צוּ הַאלְטִין זָאל אֵיין אַנְדֶערִי אִשָּׁה אַרֵיין שְׁטֶעקִין דִיא הַאנְט אוּנ וַואסֶער . אוּנ אוּנְטֶער דֶעם וַואסֶער זָאל זִיא אָהְן נֶעמִין זִיא אוּנ צוּ הַאלְטִין לֶעקְנִי . נָאר נִישְׁט שְׁטַארְק צוּ קְוֶועטְשִׁין :

ה זִיא זָאל זִיךְ נִישְׁט טוֹבֵל זַיין גָאר אוֹיף גִישְׁטֶעלְט אָדֶער שְׁטַארְק אֵיין גִיבוֹגִין . דֶען עֶס אִיז דָא עֶרְטֶער אוּנ גוּף וָואס וֶוערִין פַאר בָּארְגִין דַארְךְ דֶעם . אוּנ דָאס וַואסֶער קוּמְט נִישְׁט אוֹיף זַייא :

ו דְרִיבֶּער זָאל זִיא זִיךְ טוֹבֵל זַיין אַבִּיסֶעל אֵיין גִיבוֹגִין אַזוֹ וִויא זִיא וָועלְגִירְט מַייג . אוּנ דָאס וַואסֶער זָאל אוֹיךְ קוּמֶען אוּנְטֶער דִיא בְּרִיסְטֶען :

ז דִיא הֶענְט אוּנ דִיא פִּיס זָאל זִיא הַאלְטִין אוּנ וַואסֶער גְלַייךְ זִיא נַייט אוֹיף דֶער גַאס :

ח אָבֶּער אַז זִיא הָאט זַייא צוּ נָאנְד גִישְׁטֶעקְט אָדֶער זִיא הָאט צוּ גִימַאכְט דִיא הַאנְט וֶועלְכִים דָאס וַואסֶער קֶען נִישְׁט אַרֵיין קוּמֶען אִיז דִיא טְבִילָה נִישְׁט קֵיין טְבִילָה :

ט זִיא דַארְף נִישְׁט צוּ עֶפִינֶען דָאס מוֹיל עֶס זָאל אַרֵיין גֵיין וַואסֶער . אוֹיךְ זָאל זִיא נִישְׁט שְׁטַארְק צוּ מַאכִין דִיא לִיפִּין . נָאר זִיא זָאל זַייא אַבִּיסֶעל צוּ הַאלְטִין אַזוֹ וִויא עֶס אִיז גִיוֶוענְטְלִיךְ :

י דֶעסְט גְלַייכִין דִיא אוֹגִין זָאל זִיא נִישְׁט שְׁטַארְק עֶפִינֶען אוּנ אוֹיךְ נִישְׁט שְׁטַארְק צוּא הַאלְטִין . נָאר אַבִּיסֶעל צוּא גִימַאכְט :

יא זִיא מוּז גִיוָוארְנְט זַיין אוּנ דֶעם אַלִימֶען . דֶען אַז נִישְׁט אִיז דִיא טְבִילָה נִישְׁט וֶוערְט :

יב אִיבֶּער דֶעם זָאל זִיא נִישְׁט מַאכִין דִיא טְבִילָה אֵיילִינְדִיג . נָאר מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת . זִיא זָאל אוּנ זִינֶען הָאבִּין אַלְטְץ וָואס זִיא דַארְף גִיוָוארִינְט זַיין :

יג זִיא זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט שְׁרֶעקִין . דֶען בִּזְכוּת דֶער גְרוֹסֶער מִצְוָה וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִיהְר קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ ח״ו . אוּנ אַז זִיא וֶועט טוּהְן וִויא דֶער דִין אִיז וֶועט אִיהְר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט :

יד דִיא מִקְוָה וָואס זִיא אִיז זִיךְ טוֹבֵל דַארְף זַיין כָּשֵׁר עַל פִּי הָרַב . עֶר דַארְף אַכְטוּנְג צוּא גֶעבִּין זִיא זָאל זַיין בְּכַשְׁרוּת . אוֹיךְ זָאל נִישְׁט זַיין הִינְטֶען קֵיין לֵיים אוּנ קֵיין בְּלָאטֶע :

טו אָבֶּער צוּ טוֹבֵל זַיין אוּנ טַייךְ אִיז דָא חִילוּקֵי דִינִים . דְרִיבֶּער זָאל זִיא נִישְׁט זִיךְ טוֹבֵל זַיין אוּנ טַייךְ צַייטִין דֶער רַב וֶועט זָאגִין אַז מֶען מֶעג זִיךְ טוֹבֵל זַיין אוֹיף דֶעם אָרְט :

טז דָאס וַואסֶער פוּן דֶער מִקְוָה דַארְף זַיין הוֹיךְ דְרַייא פָאסְטִין הֶעכִיר פוּן נָאפִּיל . דָאס רֶעכִינְט מֶען בַּייא יֶעדֶערִי אִשָּׁה וֶועדְלִיג אִיהְר גְרַיים :

יז אַז דָאס וַואסֶער אִיז גִישְׁט אַזוֹי הוֹיךְ אוּנ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדֶערִי מִקְוָה מֶעג זִיא זִיךְ טוֹבֵל זַיין אוּנ דֶער מִקְוָה . נָאר זִיא זָאל זִיךְ אוֹיס צִיעֶן אוּנְטֶער דֶעם וַואסֶער אַזוֹ וִויא אַ פִישׁ אוֹיף דֶער לֶענְג פוּן דֶער מִקְוָה :

יח אָבֶּער עֶס פוּלְט נִישְׁט זִיךְ טוֹבֵל צוּ זַיין דָארְט שְׁטֵייעֶנְדִיגִי הַייט . וַוייל דָאס וַואסֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹ הוֹיךְ וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען :

יט בְּשַׁעַת דֶער טְבִילָה נָאךְ דֶעם וָואס זִיא הָאט שׁוֹין זִיךְ אַיינְמָאהְל טוֹבֵל גִיוֶועז זָאל זִיא
מַאכִין דִיא בְּרָכָה. „בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ
עַל הַטְּבִילָה:

כ בְּשַׁעַת דֶער בְּרָכָה זָאל זִיא נִישְׁט אַרַיין קוּקְעז אוּנ וַואסֶער אַרַיין. עֶס אִיז גְלַייךְ זִיא זָאל
הַאלְטִין דִיא הֶענְט אִינְטֶער דֶעם הַארְטְץ בְּשַׁעַת דֶער בְּרָכָה:

כא דֶער נָאךְ זָאל זִיא אַרָאפּ נֶעמִין דִיא הֶענְט אוּנ הַאלְטִין גִיוַויינְטְלִיךְ אַזוֹ וִויא זִיא גֵייט · אוּנ
טוֹבֵל זַיין זִיךְ נָאךְ אַמָאהְל וִויא עֶס קֶער צוּ זַיין:

כב נָאךְ דֶער טְבִילָה טָאר זִיא נִישְׁט זִיךְ בָּאדִין אָדֶער וַואשִׁין:

כג אַיין אִשָּׁה דַארְף זַיין אַ צְנוּעָה · אוּנ זָאל גֵיין טְבִילָה בִּצְנִעָא · מֶענְטְשִׁין זָאלִין
נִישְׁט וִויסְעֶן:

כד בְּשַׁעַת זִיא גֵייט אַהֵיים פוּן דֶער טְבִילָה זָאל בַּייא בֶּעגֶעגְנֶען אוּנ אִיר אַיין אַנְאַנְדֶערִי אִשָּׁה:

כה דֶען אַז זִיא בַּאגֶעגְנְט פְּרִיעֶר אַ רָשָׁע אָדֶער אַ כֶּלֶב אָדֶער אַ חֲזִיר אִיז גְלַייךְ זִיא זָאל
נָאךְ אַמָאהְל זִיךְ טוֹבֵל זַיין אָן אַ בְּרָכָה:

כו דֶעם כְּלָל דַארְפִין וִויסְעֶן · אַז וֶוען זִיא קוּמְט אַהֵיים אוּנ דֶער מַאנְט זִיךְ אַז זִיא הָאט פַאר
גֶעסִין צוּ טוּהְן וֶועלְכִי זַאךְ · אוּנ גֵייט נָאךְ אַמָאהְל טְבִילָה · דַארְף זִיא זִיךְ טוֹבֵל זַיין וִויא
עֶס קֶער צוּ זַיין אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִין גִישְׁרִיבְּעֶן · נָאר קֵיין בְּרָכָה זָאל זִיא נִישְׁט מַאכִין נָאךְ
אַמָאהְל · דֶען צוּ מַאכִין נָאךְ אַמָאהְל אַ בְּרָכָה אִיז דָא פִיהְל חִילוּקִים:

# בָּרוּךְ הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ. וּלְאֵין אוֹנִים עָצְמָה יַרְבֶּה:

בפרק א׳ ובפרק י״ז ובפרק ל׳ האבין מיר שוין גישריבען דיא דינים פון דיא זאכין · נאר וייל מיר האבין גיזעהן אז רבנים האבין גיוואריגט אויף דעם · אונ יעדער מענטש דארף דאס גייטיג וויסען · שרייבין מיר דא נאך אמאהל שארף ארויס :

א יעדער מענטש זאל גיווארינט זיין בשעת ער גייט אונ דיא תפילין אז דיא תפילין של ראש זאל אונ גאנציין ליגען אויף דעם קאפ · אויף דעם ארט וואס עס וואקסט האר · אפילו דר עק פון דיא תפילין וואס לעבין דעם שטערין מוז אויך ליגען אויף דעם אורט וואס עס וואקסט האר · ער טאר נישט זיין נידריקער פון דעם ארט וואס דיא האר הייבין אן ארויס צו וואקסין · אז עס ליגט אבער נידריקער איז גלייך וויא מען לייגט גאר נישט קיין תפילין :

ב דער קשר פון תפילין של ראש · דארף צו ליגען הויך קיינגען דעם פנים · אויך זאל דיא תפ״לי׳ מיט דעם קשר נישט זיין אונ דער זאט נאר פינקט אונ דער מיט קאפ · אונ דער קשר זאל זיין איין גיצוגין כדי דיא תפילין זאלין זיך גוט האלטין אויף דעם קאפ :

ג דער וואס איז גיווארונט אונ דער מצוה פון תפילין · אונ שמיקט נישט אונ זייא קיין דברי בטלים · לעבט לאנג אונ האט עולם הבא :

ד יעדער יוד איז מחויב אלע טאג צו לערנין תורה · אפילו דער וואס האט נישט קיין צייט איז מחויב צו לערנין האטש אביסעל · יעדערין טאג · דען יעדערווארט וואס מע לערינט איז איין גרויסע מצוה וועלכים עס איז גאר נישט משער צו זיין דעם שכר דער פון :

ה אפילו דיא מענטשין וואס קענין נישט לערנין זענין מחויב צו לערנין אונ דיא הייליגע ספרים וואס זענין איבער גיזעצט אויף עברי טייטש אלע טאג האטש אביסעל :

ו אויך ביא נאכט איידער מען לייגט זיך זאל מען האטש אביסעל לערנין · ובזכות זה וועט מען האבין פיהל נוטץ אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט · ודארעשט דינים פון דיא זאכין זעה איין בפרק א׳ ובפרק י״ז ובסוף פרק י״ט ובפרק ל׳ :

**הרחמן** יזכנו ללמוד וללמד לשמור ולעשות . ויטהר מחשבותינו ולבנו לעבדו באמת ובשמחה . ונזכה לחיים הנצחיים . ובא לציון גואל . ואז יקוים בנו נבואות הטובות ונחמות של ישעיהו . והיה כהן על כסאו (זכריה ו׳ ופירש״י שם וישב כהן גדול על כסא הכהונה) במהרה בימינו אמן כן יהי רצון :

## תם ונשלם שבח לאל בורא עולם